SEFER KARNE OR

Rachmiel Kumin

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

קרני אור

הרב י. קוזמין

ISBN:0-657-11895-8

KASS JUDAIC LIBRARY
JEWISH COMMUNITY CENTER
OF GREATER WASHINGTON
6125 MONTROSE ROAD
ROCKVILLE, MARYLAND 20852



על אלה אני בוכיה
עיני עיני ירדה מים
נפלה עטרת ראשנו

מיט צעבראָכענע הערצער ווידמען מיר דעם ספר „קרני אור" — צווייטער טייל — לזכרון נשמתו הק׳ פון אונזער באַליבטן, געשעצטן און באַגאַבטן מאַן, פאָטער און זיידע

הרב ירחמיאל קומין ז"ל

פראָמינענטער מחבר, דענקער און שאַפער וועלכער האָט געווידמעט זיינע לעצטע כחות צו שאַפן אָט־דעם ספר דרוש השני. ער האָט פאַרענדיקט דעם דאָזיקן ספר ממש איין שטונדע פאַר זיין פטירה.

מיר האָפן דאָס זיין מיה, ענערגיע און איבערגעבנהייט פאַר תורה וועט פאַרבלייבן אַלס אַן אומשטערבלעכער מאָנומענט לזכות נשמתו.

ת. נ. צ. ב. ה.

פרוי און קינדער



"THE CROWN HAS FALLEN FROM OUR HEAD"

With sorrowing hearts, we dedicate this book of Homiletics and Exegesis to the sacred memory of our beloved and revered husband, father and grand-father, RABBI RACHMIEL KUMIN, noted author and prolific writer, who had labored assiduously in the vineyard of the L-rd.

We, hereby, posthumously publish this second, scholarly volume, "Rays of Light." It was our misfortune that his demise occurred one hour prior to its completion.

We sincerely pray and hope that this sacred volume will perpetuate his memory and serve as an everlasting monument to his name by dissemination of Torah, its commentaries, and traditional teachings.

May his soul be bound up in the bond of eternal life.

HIS LOVING WIFE AND CHILDREN

ספר

קרני אור

חלק שני

ויקרא במדבר דברים

קובץ של

עשרים ושלש דרשות לשבת הגדול, לחג הפסח ולפרשיות השבוע אשר יפיצו קרני אור על מאמרי חז"ל קשי ההבנה, בעיות החיים, ונושאים חשובים, בעברית מקורית קלה, ואחדים באידית

בערך שלש מאות מאמרים קצרים, חומר נבחר לדרוש לפרשיות השבוע באידית מודרנית

חובר ומעובד בעז"ה ע"י

הרב ירחמיאל בהרי"י קומין



בסוף הספר הוספה של אמרות כלליים וחידושים יקרים מפנינים, מגאוני וצדיקי עולם, בעברית

נויארק תשכ"ב

KARNEI OR

(RAYS OF LIGHT)

VOLUME TWO

a collection of

Diversified Sermons and Commentaries on Various Religious, National and Ethical Problems.

PART I

Contains 23 Sermons for the Sabbath and the Festival of Passover, based on the books of Leviticus, Numbers, and Deuteronomy.
Written in modern Hebrew prose.

PART II

Approximately 300 Commentaries, Material for Sermons, Based on the Portion of the Week.

Written in a lucid literary Yiddish.

Edited by
RABBI R. KUMIN



Printed in United States of America by

BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.

480 Sutter Ave., Brooklyn 7, N.Y.

מפתח

אל הקוראים

הדרשנות בישראל

ביחד עם חלק ההלכה, שבים התלמוד, נתנו חז״ל מקום חשוב גם להאגדה. וידוע מה שהמהרש״א כותב בהקדמתו לפירושו על הש״ס, כי שניהם יתלכדו ולא יתפרדו וממקור אחד יצאו.

סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים וגו׳ (שה״ש ב׳ ה׳) באשישות אלו הלכות המאוששות, רפדוני בתפוחים אלו ההגדות שריחן וטעמן כתפוחים. כי חולת אהבה אני, אמרה כנס״י לפני הקב״ה, רבש״ע, כל חלאים שאתה מביא עלי בשביל לאהבני לך הם (מס׳ סופרים פרק ט״ז).

וישנם שבארו את המדרש הזה כן:

ידוע הוא כי היין כל מה שמתישן יותר, הוא חשוב ביותר. וכן פירש״י על הפסוק ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים נושאים מטוב ארץ מצרים, מצינו בגמרא ששלח יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו (מגילה ט״ז). אבל ההיפך הוא בתפוחים, כשנעשה ישן סר מראהו היפה ופג טעמו וריחו. הנמשל הוא מובן, כי חלק ההלכה כל מה שנאמר ונשנה קודם בדורות, הוא מיוסד, אמיץ ומשורש היטב. אבל לא כן אגדה, שצריכה להיות לפי טעמם של בני הזמן, כדי שיקלעו להמטרה ולהתכלית. ולכן נמשלה לתפוח.

הדרשנות שנוסדה ברובה על האגדה ויונקת ממנה טעמה ולשדה, כדי לעשות מטעמים בעד השומעים, כוללת דברי תורה וחכמה, ורבים רצים לשמוע דבריה. וכן מצינו במס׳ סופרים א״ר יצחק לשעבר שהיתה הפרוטה מצויה היה נפשו של אדם מתאוה לשמוע דבר הלכה, ועכשיו שאין הפרוטה מצויה נפשו של אדם מתאוה לשמוע דבר אגדה.

ואמנם גם היא מוסד ישן נושן בקרב ישראל, אלא בדורות המתחלפות מתחדשת גם היא בצורה אחרת, כדי שיתקבלו אמריה,

להוכיח ולרומם את היהודי ולהנחותו בדרך המוביל לקודש ולשלמות רוחנית.

הדרשנות נחלקת לשלשה ענפים שהן מובדלים זה מזה בתואר ובתוכן, ואלו הן:

א) סתם דרשנות הקימת מימי קדם בישראל יסודתה על ביאורים והסברים במקראות, במאמרי ים התלמוד ומדרשים, מעוטפים מבחוץ וחדורים מבפנים בתוכחה, יראת השם, שכר ועונש, מובעים גם בסגנון חריף ומאיים כדי להזהיר ולהתרות בעם שילכו בדרך הישר.

ב) דרשנות חסידית באה ג"כ על יסוד ביאורים ופשטים במקרא ובתלמוד וגם בזוהר וספרי קבלה. סגנון לשונה שונה מן הראשונה. לא באיום, אלא בלשון רכה וחמימות לבביית תדבר, והרעיונות אם כי אינם מרותקים ביותר לפשוטם של המקראות, אבל מורגש בהם אור ברקאי ושמח, ומדגישה הרבה על אהבת השם, ואהבת ישראל, ולהשיג אהבה, איך ובמה? — ע"י התבוננות תמידית בגדלות הבורא ומדותיו. דבריה מושכים לבבות בעבותות אהבה והשפעתה רבה לפתח וליצור חטיבה אחדותית אחת בהמקשיבים ומתקרבים, ומוכשרים בעת צרה למסירת נפש ממש בעד הדת.

ג) דרשנות מוסרית, היא צעירה הרבה לגבי הקודמות, תקופתה מתחיל מימי ר' ישראל סאלאנטער מיסד למוד המוסר בחבורה ובקול. היא איננה מיוסדת על אגדה בלבד, כי שואבת הרבה מההלכות המאוששות, כל דבריה אמיצים ומבוססים על לימודים הגיוניים ממעשי האבות, מדברי חז"ל וגאוני הדורות. אינה מעוררת את נימי הלב, היא פונה בעיקר אל השכל הבריא בנוגע חובות האדם בעולמו, והרבה על בין אדם לחבירו, בתוחלת כי גם הלב יושפע אחרי לימוד ושמיעה ארוך וממושך. השפעתה בדורות שעברו וגם עתה נשארה על יחידים נבחרים, וברוב על לומדי הישיבות יוצאי אירופה, ורכוש יקר זה הם מתלבטים להנחילו להצעירים ילידי המדינה. הם מהוים איכות נפלאה בחיי עמנו.

חבורי זה לקטתי בעמל רב כמשל הדבורה שיונקת צוף הנופת מהפרחים, משלשת המקורות הנזכרים, ובהוספת כח עטי ועיוני עשיתי ב"ה מטעמים לפי סגנון הזמן, והמטרה אחת היא, לקרב

לבותיהן של ישראל לתורה, עבודה שבלב וגמ"ח.
בדרך אגב יש בעצם העבודה הזאת גמ"ח לרבנים אשר תורתם אומנתם להקל במעט עול הברזל, זה הרעיון, ז"א, את היגיעה והחיפוש בסידור דרשה ונאום, וגם הדברים יקרים ונעלים.

אני מתנצל בזה לפני רבים שנהנו מספרי הראשון, וכתבו אלי שהם מחכים מאוד על השני, אבל מה יכלתי לעשות, ויד ד' היתה בי, והרפתקאות רבות עלו על ראשי. עתה כי נכנסתי לשנות הזקנה נכנס בי רצון כביר להדפים חלק השני שלא אוכל להשתחרר ממנו עד שבע"ה אסיים המלאכה.

אינני זקוק להסכמות, כי נמצאים ת"י מכתבי שבח והסכם מגדולי תורה ויראה של הזמן על ספרי הראשון, וזה השני נעשה כתבנית הראשון ועולה עליו.

יש מן הקוראים שהגיבו למה שתי הלשונות עברית ואידית? אין זה מתאים עם „טעם היפה" של רוח הזמן. — ידעתי בעצמי מזה, אבל בשו"א אין לדחות אחת משניהם. לשון עברית נותנת חשיבות בעיני הקוראים להנדפס. ולדלג על „אידיש"? מריה דאברהם, היתכן? לשון עמנו יותר מאלף שנה, והמבעת בנקל ההרגשים היותר דקים, ואשר על ידו למדו ולימדו תורתנו שבכתב ושבע"פ וכל דבר הקדוש, לבנינו תינוקות של בית רבן.

ואשא עיני אל ד' בתפלה שלא אכשל בדברי אם כי אינם של הלכה אבל בימים אלו גם של אגדה חשובים וצריכים דקדוק וזהירות, יהנו המעיינים לקרני אורם, אולי יהי' לי זה לזכות בעד עמלי.

בהוקרה, **המחבר**



איייניקע ווערטער צו די "קוראים נכבדים"

ב"ה איך ברענג צום דרוק דעם צווייטן טייל פונעם ספר „קרני אור" נאָך אַ הפסקה פון יאָרן, אָבער אין דעם זעלבן פאָרעם ווי דעם ערשטן.

איך האָב זיך איבערצייגט פון דעם גוטן רושם, אָפּרוף און פאַרקויף, וואָס דער ערשטער האָט געמאַכט, אַז אַט אַזוי איז ריכטיק צו ברענגען נוצן די לייענער.

אַט דער ספר איז אַ קאָלעקציע פון מיט־מי־געקליבענע פּערל־דיקע תורה׳דיקע חידושים, געדאַנקען און בליציקער שאַרפזין, און איז דאָך פאַרשטענדלעך צו אַלערלייע אידן, רבנים, לומדים, און אויך רעדנער, שרייבער און בעלי־בתים. אַט די אַלע האָבן זיך אָפּגערופן מיט וואַרעמער אָנערקענונג ביים ערשטן טייל, און האָ־פענטליך אַז אַזוי וועט זיין אויך איצט, ביים צווייטן טייל.

איך וויל דאָ ראַטן אַלע לייענער, אַזוי ווי דער חיבור איז דאָך באַזירט אויף תורה, דאַרף מען דאָך עס לייענען מיט „ריכוז המחשבה" צו אויפנעמען ריכטיק די כוונות און אויסטייטש פון די מאמרים, זאָל מען ביים לייענען אַריינקוקן אויך, ווען עס פאָדערט, אין חומש, רש"י און די מקורים פון תלמוד און מפרשים, וואָס אויף זיי איז באַגרינדעט דער חידוש און געדאַנק. דאַן וועט מען דערשפּירן די רייכקייט און ריכטיקייט פון דאָס געשריבענע. דער גייסטיקער געניס וועט זיין פיל גרעסער, און דער נוצן באַדייטנ־דיקער, און עס וועט אויך באַרייכערן די מחשבה ביים לייענער זעלבסט.

איך האָב פיל אַריינגעטראַכט ביים שרייבן, צו נוצן דעם מערסט קלאָרן, קורצן אויסדרוק, און אויך צו אָנרופן יעדן מאמר מיט דעם נאָמען וואָס פּאַסט צו און דייטעט אָן זיין כוונה און אינהאַלט, און דאָס נוצט דעם לייענער צו דורכנעמען דאָס געשריבענע.

המחבר

דרשה לפסח וגם לשבת הגדול

נסיון ע"י ציווי, ונסיון בבחינת „נא" שתלוי ברצון טוב הפרובלימות ביהדות שהן בבחינת „נא"

דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואשה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב (שמות י"א ב').

אמרי דבי ר' ינאי אין נא אלא לשון בקשה, א"ל הקב"ה למשה, בבקשה ממך לך אמור להם לישראל, בבקשה מכם שאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב, כדי שלא יאמר אותו צדיק „ועבדום וענו אותם" קיים בהם, „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" לא קיים בהם (ברכות ט' ב').

הדקדוקים בזה כמה, ראשית, היכן מצינו אחת המצוות בלשון בקשה בתורה? הלא מצוה דרכה להיות ע"י ציווי, או אמירה, אבל לא בדרך בקשה. והשנית, הענין שלא יקפיד אותו צדיק זה אברהם, אין מובן, כפי שאנו יודעים שאברהם אבינו לא החשיב כסף לגמרי, כמו שאמר למלך סדום תן לי הנפש, והרכוש קח לך, ועל פי נימוס ומנהג המדינות היה שייך השלל של כסף וזהב לאברהם המנצח, אבל אצלו היה כסף לא נחשב למאומה?

ויש לברר את הנ"ל, עפ"י מה שאמר הספר „גרגרי כסף" על הפסוק בעקידת יצחק, ויאמר קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת וגו' (בראשית כ"ב ב') אין נא אלא לשון בקשה, א"ל בבקשה ממך עמוד לי בזה הנסיון שלא יאמרו הראשונות לא היה בהן ממש (רש"י, וסנהדרין פ"ט).

כנראה מדברי חז"ל אלו, לא היתה מצות העקידה בגדר ציווי או פקודה, אלא היה תלוי ברצונו של אברהם לעשות או שלא לעשות, לכן הביעה התורה בלשון „נא", ובזה היה ענין נסיון העקידה שונה משאר הנסיונות, שכולן היו ע"י פקודה וציווי. ועל ידי זה נעשית העקידה הכתר של כל הנסיונות, יען שהיה הברירה ביד אברהם שלא לציית, אבל הוא שמע לבקשת ד', כדי לעשות נחת רוח ליוצרו. ואם כן יש שתי סוגי נסיונות, בעל כרחיות ורצוניות.

ומעשה אבות סימן לבנים, וכמו שאמרו במ"ר שאמר לו הקב"ה בברית לך וכבוש את הדרך לבניך, שגם הם יעמדו בשני סוגי נסיונות ויצאו בנצחון. וזהו כוונת הכתוב ידע תדע כי גר יהיה

זרעך בארץ לא להם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה וגו' ואחרי כן יצאו ברכוש גדול (בראשית ט"ו י"ג). נסיון הראשון, זהו הגלות, יהיה בעל כרחם ושלא ברצונם, ובכ"ז לא ידחקו את הקץ ולא יתפללו אפילו למהר את הגאולה, כי יקבלוהו באהבה. וכן מוכח גם מן הכתוב אשר לכאורה סותר ההנחה הזאת, כי כתיב שבנ"י זעקו מן קושי הגלות, כמו שנאמר ויהי בימים הרבים ההם וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה (שמות ב' כ"ג). סיום הלשון מן העבודה כפול בכאן, ומדוע? כונת הכתוב הוא כי בנ"י לא צעקו אל האלקים בתרעומות שיקרב הגאולה, לא! אלא כי צעקו מן העבודה הקשה והמפרכת הגוף, כטבע האדם שאינו יכול לסבול יסורים בדומיה. „ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה", הכתוב מבליט עוד הפעם כי שועתם היה רק מן העבודה כפי טבע אנוש, אבל ד' שמע אל צעקתם זה מן העבודה ורחם עליהם (עיין אוה"ח הק' כעין זה).

והנסיון השני יהי' בענין „הרכוש הגדול", כי באמת היה זה נסיון של מסירת נפש, כי בני ישראל הבינו כי זה יהיה גורם שירדפו מצרים אחריהם להציל כספם ורכושם שהשאילום, וכמו שמעיד הכתוב, ויהפך לבב פרעה ועבדיו אל העם, ויאמרו מה זאת עשינו כי שלחנו את ישראל מעבדנו (י"ד ה'), ועל זה רש"י, ונהפך לבב עבדיו שהרי לשעבר היו אומרים לו עד מתי יהיה זה לנו למוקש, ועכשיו נהפכו לרדוף אחריהם בשביל ממונם שהשאילום. והקב"ה אמר זה בלשון בקשה „דבר נא", ואם לא ירצו לעשות זאת הרשות בידם, ובכ"ז בחרו ישראל לעשות רצון קונם וגואלם לעשות נחת רוח ליוצרם.

וע"כ יש שפירשו כי הרכוש הגדול הוא רכוש רוחני יקר מכסף, וזה היה נסיון רצוני כמו העקידה... וע"ז הרכוש שאף אברהם שבניו יקיימו... (נ"ח)

והנה בדורותינו אנדרלמוסיא באה לעולם הכללי, ריחוק האדם איש מאחיו, עם מעם, לא היה כמוהו, אף שעולם הגדול נתקטן ונתקרב כ"כ. מה שמכאיב ומדאיג ביותר לראות ריחוק כזה גם בין עמנו בכל מקומות מושבותיהם, ומה עוד שמצב כזה שורר גם בין שדרות עולמנו התורני והיהדות הנאמנה — ריבוי מפלגות ודעות, ופיזור כחות פוריות.

לפנים בישראל היה הכל נחתך ונחלט ע"י אדירי התורה,

גדולי הקדושה והחסידות, כשהופיעה שאלה כללית, או בנוגע לפרטים רבים, פנו אליהם, והם התעמקו, שקלו וטרו במסירות לב ונפש, ואם הפרובלימה שעלתה אינה נמצאת במקורות ההלכה באופן ברור או דמיוני, חפשו וחדרו לכוון איך הוא רצון ד׳ בזה, וזכיותיהם עמדו להם כי קלעו אל המטרה והכוונה העליונה ע״י סוד ד׳ ליראיו וזכותם הגדול לשם שמים.

בימינו אלה צפות ועולות שאלות חיים כאלה הנוגעים ליהדות והם בבחינת „נא״, אין שום מראה מקום בתורה או בחז״ל שנוכל בהתדמות לפתור אותם, אין צו מפורש בההלכה איך להתנהג ואנחנו לא נדע מה נעשה, איך הוא רצון ד׳ באופן כזה? ולדאבון לב יוצא מזה חילוקי דעות ופירוד לבבות בין אנשי הדת ויראי ד׳. אולי כדאי להיות ב„שב ואל תעשה עדיף״, אבל נסיון בבחינת „נא״ יש כאן, ורצון ד׳ יש כאן. לכן רק ע״י אחדות וסבלנות יאיר ד׳ עינינו איך לעשות רצונו. וגדול השלום...

ויקרא

מעשה הקרבנות

מעשה הקרבנות, סדר טהרות ודיניהם, אם כי אינם נוהגים מזמן חורבן ביהמ״ק עד היום (חוץ טומאת נדה שנוהגת בכל הזמנים), ואם כן הלא הם דברים אי אקטואליים, בכל זה היו כל גדולי תורה בכל הדורות עוסקים בהלכות קרבנות ובתורת כהנים לפרטיהם ודקדוקיהם.

ואם תשאל לאיזה צורך הוא ליגע ולעמול עתה במקצוע זה? יש להשיב ע״ז, ראשית, עצם לימוד תורה יקר וטוב מאד כמאחז״ל „זאת תורת העולה״ כל הלומד תורת עולה כאלו הקריב קרבן עולה (מנחות ק״י). ושנית, גם בשביל הנימוק של לבסס ולהשריש את אמונת הגאולה, ע״י למוד קדשים, וכי אנו מחכים לגאולה ועוד נזכה לכהנים בעבודתם וכו׳. גם הלמוד קדשים וטהרות חשוב מאד, כי נקראות בלשון הנביא חכמה ודעת, והיו אמונת עתך חוסן ישועות חכמת ודעת יראת ד׳ היא אוצרו (ישעי׳ ל״ג), חכמת זהו סדר קדשים ודעת זה סדר טהרות (שבת ל״א). ובזה הורונו חז״ל כי

אמנם חכמה עליונה ודעת תורה נשגבה צפון בשני הסדרים האלה, והחכמות האלו נעשו לנו דרך אגב לישועות בימי החשך של גלותנו הארוך, ואשר עצם הגלות ומהותו סתום מאתנו, מדוע ננוד בגויים, לאיזה מטרה? איזה תכלית יש בזה? ועד מתי ד׳ נלמוד מעשה הקרבנות על עצמנו בשרנו ודמנו? בא זה ולמד על זה בא זה ונושע מזה. כלומר לימוד סדרים אלו שאינם נוהגים למעשה הי׳ לנו לישועה, ולמדנו מהם פרק רם ערך באמונה ובטחון על עתיד מזהיר אם כי ההוה הוא חשוך ומר, והשכינה מה אומרת? הוי בנים שגלו מעל שולחן אביהם, אל תאמרו נואש עש השפק אל ימר רוחכם! אם כי נסתרה דרכי מכם, דעו כי גם בעצם הגלות יש חכמה וכוונות נסתרות, ליחידי סגולה נגלו תעלומות חכמה, צדיקי וחסידי הדורות ידעו ביסוד סוד ד׳ ליראיו את מסתורין של הגלות תכליתו ומטרתו. הם למדו הרבה מהיסורים וקבלו אותם באהבה.

אמנם להבין עצם הקרבנות ומהותן, בזמן שבהמ״ק קים טעמם ונימוקם והכוונות האלקית הטמונות בהם, כבר דרשו וחקרו בהם הראשונים וגם האחרונים, ואמרו בזה איש לפי הבנתו. והנה עינתי בזה דברי רב גדול בתורה ובמוסר ההגיוני שמביא דעת הרמב״ם והרמב״ן בזה, ובקיצור נמרץ אני מעתיקו.

דעת הרמב״ם הוא כי היה בזה צו התורה למען הרחיק את בנ״י מע״ז וזבחיהם לשעירים שהיו האומות מורגלים בזה, ולכן זהו בגדר שימת לב והרחקה מהם.

הרמב״ן חולק על זה, ומוכיח, הלא גם הבל תיכף לאחר בריאת העולם הביא ג״כ קרבן לד׳, וישע ד׳ אל הבל ואל מנחתו, ולא היה אז ע״ז בעולם. וגם נח בצאתו מן התבה הקריב קרבנות ויטב בעיני ד׳. וע״כ דעתו של הרמב״ן שונה, והוא, כי הקרבן והוידוי עליו הוא כדי לעורר את החוטא לתשובה, שיתן אל לבו כי כל מה שנעשה להקרבן היה ראוי לבוא עליו, והקרבן הוא רק תמורה ע״ע עפ״י חסד הבורא.

וע״ז תמה הרב הנ״ל, איך אפשר לחשוב כזה שקרבן בעל חי ישמש לתמורה לאדם בחיר היצורים, האם שוים הם האדם והבהמה בערכם? היתכן? ולכן בא המחבר הרב הנ״ל בהסבר מוסרי המכיל הנחות כאלו.

היות האדם הוא בטבעו חובב את רכושו וקנין כספו, משום שהוא יגע עליהם להשיגם, ואם יאונה לו היזק ממון אפילו מועט הוא מצטער על זה ברוחו ונפשו, ולכן כשאדם בא ומקריב קרבן את שורו, את כשבו שהם ממונו שעמל עליהם נחשב הוא אז בבחינת מקריב מקצת נפש, והראי' מיעקב אבינו שהסתכן עצמו בשביל פכים קטנים. ומוצא גם סמוכין לזה מילקוט קהלת: בנוהג שבעולם אדם נכשל בדבר עבירה ומתחייב עליה מיתה, כיצד מתכפר לו? מת שורו, אבדה תרנגולתו וכו' יצאה ממנו טיפת דם, מקצת נפש ככל הנפש, הדא מן הכא, והדא מן הכא, והחשבון מתמצה. לחז"ל היה איפוא ברור, שאם אחד חוטא חמורות שדין מיתה שייך בזה, גם מקצת נפש מועיל, וממון הוא מקצת נפש ברוח ומחשבה, עכ"ל.

ברם לפי ע"ד אין הדבר מתישב ומתבהר, כי לפי ההנחות האלה היה יותר נאות, לקחת כסף או זהב בערך מקצת, שיגע עליו, ולהשליכם לים או לשרפם כמו קרבנות, וזה יהא נחשב כמקצת נפש, והם דוממים אינם מרגישים, ומדוע נרשה להאביד ולשרוף בעלי חיים מרגישים צער ויסורים כ"כ, בשבילנו, אם אדם חטא, בהמה מה חטאה?

לכן נראה לי, כי קשה לכנוס במערבולת של טעמי מצוות, כי לאחר כן ג"כ לא נדע טעם האמיתי, ובעיקר עלינו לדעת כי כמה מצוות הם בבחינות חוקים אשר לא נתגלו טעמן, כמו למשל חזיר, שעטנז, מילה, פרה אדומה וכו', וזהו לשון התורה, זאת חוקת התורה.

ואם כי יש שאומרים כי אנו מעלים את הבע"ח למדרגת מדבר, אם ישתמש למטרת האדם, וזהו ראוי והגון, והדמיון הוא כי גם הבע"ח אוכלים ומכלים את הצומח, וזהו כוונת הפסוק „אדם כי יקריב מכם" הקרבן הוא בתוכן קרבן לטובת האדם, ובא מן הבהמה, מן הבקר...

והעיקר הוא הסמיכה והוידוי על הקרבן...

הנסתרות לד' אלקינו, והנגלות לנו ולבנינו...

הכרת הטוב ועשיית הטוב

(דרשה ב׳ לפרשת ויקרא)

ויקרא אל משה, וידבר אליו מאהל מועד לאמר.

עשרה שמות היו לו למשה, וא"ל הקב"ה למשה, חייך, מכל שמות שיש לך איני קוראך אלא בשם שקראך בת פרעה (ילקוט שמעוני).

כדי להבין את דברי חכמינו ז"ל, אלה, מדוע בחר השם דוקא בשם משה ואיזה יתרון לשם זה מכל השמות, נקדים דברי בעל עקידה בפ׳ תשא, וז"ל, הכרת טובת זולתו והשבת גמול טוב להמיטיב היא מדה יקרה מאוד, אם כי שהמיטיב עשה הטובה שלא על מנת לקבל פרס וגומלין, ואפילו אין לו צורך בהשבת גמול, בכל זה מן המוסריות הוא להכיר הטובה, לזכרה, ולגמול אותה בשעת הכושר. וההפך מן המדה היקרה של הכרת טובה, היא כפיית טובה המקובלת, והיא מדה רעה ופחותה מאוד. — ונמשך מזה, כי גם בבחינת השם יתעלה אשר הוא הטוב האמיתי המיטיב לנו יותר מכל זולתו, ראוי לנו להחזיק לו הכרת טובתו, להודות לו על חסדיו ולהשיב לו כביכול גמול, אף כי קטן ודל הוא בערכו יתברך, כי גם אם נקריב לו כל אילי נביות לתודה, לא נוכל להשיב לו אף על אחת מני אלף של טובותיו שהפליא לעשות עמנו מנעורנו עד היום, בכ"ז אחרי כי תכלית השבת הגמול הוא רק להראות מצדנו הכרת הטוב, ולא נכחיש חסדו, לאמר, ידנו רמה ולא ד׳ פעל כל זאת, אז הלא די לנו אם נראה הכרת טובתו, אפילו בגמול של דבר קטן ופחות הערך, והאיש אשר יחדל מעשות זאת וישכח טובת בוראו עליו, הוא איש נבל, ונבלה עמו, ואינו ראוי עוד שייטיב לו השם יתברך, עכ"ד.

גרעיני הרעיון הזה גילו לנו חז"ל במדרש תנחומא פ׳ שמות, ויקם מלך חדש על מצרים אשר לא ידע את יוסף, וכי לא היה מכיר את יוסף? א"ר אבין משל לאחד שרגם איקונין של דוכוס, אמר המלך התיזו את ראשו עכשיו, שלמחר עושה בי כך, עכשיו לא ידע את יוסף, למחר הוא אומר לא ידעתי את ד׳.

יוסף שהיה המשביר, וע"י חכמתו ועצתו הציל את הארץ מגוע ברעב, וגם את העשירים בכסף וזהב מכל המדינות שבאו לשבור אוכל, ובכ"ז היה פרעה כפוי טובה אליו, ועשה עצמו כאלו

לא ידע את יוסף, ולכן על ידי אותה המדה הנשחתה הזאת העיז גם לכפור בד׳ ולאמר לא ידעתי את ד׳.

מובן שכמו שמדת כפיית טובה היא רעה ופחותה מאוד, כן חשובה היא מדת הכרת הטובה, והתשוקה להשיב גמול טוב להמטיב. ובזה יובנו דברי חכמינו לעיל, א״ל הקב״ה למשה, חייך, שאיני קוראך אלא בשם שקראך בת פרעה „משה, משום שאמרה „כי מן המים משיתיהו״ — היא עשתה לך החסד היותר גדול, להציל חייך, אם כי אולי היתה מסכנת א״ע מפני זה. את החסד הזה עליך לזכור כל ימי חייך, ושיהיה לימוד מוסרי לכל בני אדם לזכור חסד וטוב תמיד, ושמך משה יזכיר אותך ואת כל ישראל לזה. וזה לשון מד״ר פרשה א׳, „מכאן אתה למד מתן שכרן של גמ״ח״, ז״א, ללמוד ולהודיע, כמה יקר וחביב מדה זו.

והנה לפי חוקי הלשון היה ראוי לקראו משוי, בתמונת בינוני פעול, והיא קראה אותו משה, בתמונת בינוני פועל, כי נצנצה בה רוח נבואה, לאמר, הילד הזה המשוי מן המים, יהיה משה, כלומר, שהוא מעותד ומזומן מן ההשגחה להיות גואל אשר ימשה את אחיו מעמקי צרותיהם... (תורת ב״נ)

מיר, און זיי

ויקרא ד׳ אל משה וגו׳ (א׳ א׳).

מה בין נביאי ישראל לנבואת בלעם וחביריו, ארחב״ה, אין הקב״ה נגלה להם אלא בחצי דבור, כמה דתימר ויקר ד׳ אל בלעם, אבל נביאי ישראל בדבור שלם שנא׳ ויקרא אל משה (מדרש).

יעדער געגנשטאַנד האָט זיין שטענדיקן פּלאַץ, וואו עס געפינט זיך. ער געפינט זיך אָבער אויך צופעליק אין אַן אַנדער פּלאַץ. צום ביישפּיל: וואַסער האָבן זייער שטענדיקן אָרט אין ים׳ען און טייכן, פייער האָט זיין שטענדיקן אָרט אין האָלץ און שטיינער. ביידע, וואַסער און פייער, קענען צופעליק זיך אָבער געפינען אַנדערשוואו אויך.

דאָס זעלבע זיינען די אַרטיקלען תורה, ג-טלעכע השגה, מדות טובות, איז דער פּערמאַנענטער אָרט זייערער, נאָר ביים אידישן פאָלק. „אשרי הגוי אשר ד׳ אלקיו, העם בחר לנחלה לו״ (תהלים ל״ג). אונזער געבאָרן און אַנטשעאונג אַלס פאָלק, זיינען געווען פאַר דעם צוועק.

ווען מיר געפינען תורה אָדער דעם אָפּשיין פון תורה און פון נבואה, אויך ביי אַנדערע פעלקער, איז דאָס נאָר צופעליק...

דער גאַנצער וואָרט „ויקרא" וואָס באַדייט שטענדיקייט איז נאָר צו משה'ן געזאָגט געוואָרן, צו בלעם'ן איז „ויקר", אַ צופעליקייט, לשון מקרה... (אהל יעקב)

אָט דעם באַגריף דאַרפן מיר אידן שטענדיק פאַרשטייען, און קיינמאָל זיך ניט לאָזן פאַרבלענדן פון דעם אָפּשיין פון זייערע אויסגעצייכנטע העכערע יחידים, וואָס מיר רופן אָן „חסידי אומות העולם". דאָס וועט זיין פאַר אונזער טובה ווענן, מיר זאָלן ניט אַנטוישט ווערן...

ב. אלף זעירא

און מיט דאָס אויבנגעזאָגטע קען מען דערקלערן דעם „אלף זעירא" וואָס אין „ויקרא" — ווייל גראַדע משה רבנו זעלבסט האָט געדאַרפט שרייבן אויף זיך אליין „ויקרא" וואָס מיינט דאָך זיין גרויסע מדרגה און שלמות, אַז דער בורא עולם איז מיט אים „בדבור שלם", און משה דער „ענו מכל האדם" קען דאָס ניט שרייבן אויף זיך, האָט ער גענומען און פאַרקלענערט כאַטש דעם אלף... (זכרון ישראל)

ג.

ויקרא ד' אל משה. עיין רש"י כי ויקרא לשון חבה וכו'.

דורך דעם ווערט פאַרשטענדלעך וואָס די גמרא אין מגילה זאָגט „ויקר" זו תפילין, געבויט אויף דעם פסוק „וראו כי שם ד' נקרא עליך, ויראו ממך" אלו תפילין שבראש. אייגענטלעך דער וואָרט „נקרא" איז דאָך לשון „קריאה" און „ויקר" איז דאָך גאָר „טייערקייט", טאָ וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס איינע צו די אַנדערע? אָבער רש"י'ס באַמערקונג לשון חבה, מיינט טייערקייט, ליבשאַפט, איז שוין ריכטיק.

מקריב זיין דעם איך

אדם כי יקריב „מכם" קרבן לד' וגו'.

דער ריזשינער רבי זצ"ל פלעגט אַזוי זאָגן, דער וועלכער גיט זיך, זיין „איך" אָפּ, אום צו דערפילן דעם רצון ד', דאָס הייסט ער גיט זיך זעלבסט פאַר אַ קרבן, דעם יעניקן פּאַסט דער נאָמען

„אדם", ער איז דער ריכטיקער אדם. און דער שטרעבן פון העכערן מענטשן דארף שטענדיק זיין: א) צו טראַנספאָרמירן דאָס חומר'דיקע אין צורה. ב) צו אויסזויבערן די מדות. ג) צו אַריינברענגען די ליכטיקייט אין דאָס פינסטערניש, אויף אַזוי פיל, אַז דער חושך זעלבסט זאָל לייכטן... אָט ווי דער פסוק זאָגט „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד", דער ערב זאָל אויך ווערן „יום" טאָג ליכט...
(הצדיק ר' ישראל ריזינער)

די רפואה צו חולי הנפש

וסמך ידו על ראש העולה ונרצה לו לכפר עליו (א' ד').

דער וואָרט „לו" איז אייגענטלעך איבעריק?

מיט אָט דעם וואָרט לערנט אונז די תורה די באַדייטונג פון קרבן, און דאָס איז, אַז דער ברענגער פונעם קרבן זאָל פאַרשטיין זיין פאַרברעכן, און דער אונטערשייד פון חולי הגוף ביז חולי הנפש איז, ביי די ערשטע דאַרף דער חולה ניט פאַרשטיין אין וואָס זיין קראַנקייט באַשטייט, ער קען נעמען די רפואות און געזונט ווערן, אָבער ביי חולי הנפש ווי אַן עבירה, מוז ער וויסן זיין פעלער און פאַרברעכן אום צו וויסן אויף ווייטער צו אונטערשיידן פון גוטס צו שלעכטס. און דאָס באַדייט די סמיכה און וידוי אויפן קרבן. דאַן ערשט „ונרצה לו" — דאָס מיינט זיין „איך" דאַרף בעסער ווערן.
(אהל יעקב)

גרויסהאַלטונג ברענגט צו צעשפּליטערונג

יקריב אותו לרצונו לפני ד'. וסמך ידו על ראש העולה ונרצה לו לכפר עליו (א' ד').

— לפני ד' וסמך, אין סמיכה בבמה (זבחים קי"ט).

סמיכה און וידוי אויפן קרבן, איז די הויפט פונקציע וואָס איז מכפר אויפן זינדיקן (יומא ל"ו), ווייל ער באַטראַכט זיך בעת מעשה אַז דער קרבן פאַרבייט דאָך אים, און דאָס ברענגט אים צו תשובה. אָבער, אין אַ במה טויג דאָס ניט. ווייל „במה" מיינט גאוה, ווי די חז"ל זאָגן, כל מי שיש בו גסות הרוח כאלו בנה במה (סוטה ד' ע"ב), „במה" מיינט אויך אָפּגעזונדערקייט", ווי די חז"ל זאָגן שלא יהא כל אחד ואחד בונה במה לעצמו... און דיביידע זאַכן גייען מערסטנס צוזאַמען... און דעריבער קען דאָרט ניט רוען די שכינה, און קיין קרבן איז ניט מכפר. (כלי יקר)

אין געזעלשאפטלעכן לעבן, זעען מיר אויך ווי גאווה און גרויסהאלטונג ברענגען צו סעפעראַטיווע נייגונגען, און זיינען גורם צו צעריסנקייט און צעשפליטערונג, אַנשטאַט אחדות און האַרמאָניע. גרויסהאַלטונג האָט ג-ט פיינט, און עס איז אַן אַנשיקעניש...

אַ נשיא ביי אידן דאַרף ניט זיין קיין פּערזאָן קולט

אשר נשיא יחטא ועשה אחת וגר (ד׳ כ״ב).

אשרי הדור שהנשיא שלו נותן לב להביא כפרה על שגגתו קל וחומר שמתחרט על זדונותיו (רש״י).

איז שווער די רש״י וואָס רעדט וועגן דור „אשרי הדור״, ווען די תורה רעדט דאָך בלויז וועגן נשיא זעלבסט?

ווילן דאָס אַנדערע פאַרענטפערן מיט דער רש״י אויפן פסוק „אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם״ (ד׳ ג׳) כשהכהן גדול חוטא אשמת העם הוא זה (רש״י), דעריבער איז דאָ די זינד פון נשיא אויך אַ זינד אויפן פאָלק. אָבער דער פאַרגלייך איז ניט לאָגיש, וואָרעם דער נשיא איז אין זיין עצם מהות אַנדערש ווי דער כהן גדול, דער כהן גדול איז דאָך דער מכפר און מתפלל פאַרן פאָלק, אָבער ניט דער נשיא.

דער תירוץ אויף דער רש״י איז אַזוי: צו זאָגן „אשרי הנשיא״ איז ניט ריכטיק און פּאַסיק, ווייל עס איז ניט קיין „גליק״ און קיין מעלה פאַרן נשיא זעלבסט צו זיין אַ חוטא בשוגג, אַ נשיא דאַרף קיין שוגג אויך ניט זיין... ווי דער פסוק זאָגט „גם בלא דעת נפש לא טוב״, נאָר דער גליק איז פאַרן פאָלק און פאַרן דור, וואָס זעען זייער נשיא זוכט זיך ריין צו וואַשן און מכפר זיין אַפילו אויף אַ שוגג. דער דור וועט פון אים פיל לערנען, און זיין השפעה אויפן פאָלק וועט זיין גרויס.

אַ קרבן מוז זיין ריין פון אומרעכט

והסיר את מראתו בנוצתה והשליך אותה וגר (א׳ ט״ז).

אר״ת העוף הזה פורח וטס בכל העולם ואוכל בכל צד, ואוכל מן הגזילות ומן החמסין, אמר הקב״ה הואיל והזפק הזה מלא גזילות אל יקרב לגבי המזבח (מד״ר ג׳ ד׳).

אייגענטלעך ווי קען מען דען באַשולדיקן אַן עוף אין גזילה? האָט ער דען שכל צו פאַרשטיין אַז מען טאָר ניט גזל׳נען? ער

איז דאָך מער ניט ווי אַ בעל חי? און געוויס זיינען די אייגנטימער פון די פעלדער און וויינגערטנער מוחל דעם עוף און זיינען זיך מיאש פון דעם, טאָ ווי פאַסט דאָ גזל?

נאָר פון די רייד וואָס די חז״ל האָבן דאָ געזאָגט, פאַרשטיין מיר, אַז ווען עס קומט צו אַ קרבן וואָס איז הייליק, איז מען דאָרטן אין הימל מקפיד, אַז ער זאָל זיין ריין פון יעדן סאָרט גזל, ער דאַרף זיין זויבער און נעגאַטיוו פון יעדער אומרעכט, און מען וואַרפט דעריבער אַרויס דעם טייל וואָס אַנטהאַלט דירעקט די גזילה... כאָטש על פי דין איז דאָ ניט שייך קיין גזילה.

אַבסאָלוטע גלייכהייט

עולה הוא אשה ריח ניחוח לד׳ (א׳ י״ז).

נאמר בעוף ריח ניחוח, ונאמר בבהמה ריח ניחוח, לומר לך אחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכון לבו לשמים (משנה מנחות ק״א).

די וועלט פרעגט אָבער, צו וואָס דאַרף די תורה זאָגן ריח ניחוח ביי דעם קרבן עשיר? דאָס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך! דער הויפט נייעס איז דאָך ביים קרבן עני, אַז ער איז עולה לרצון גלייך מיטן קרבן עשיר, דאַרף דאָך די תורה שרייבן בלויז ביים קרבן עני, אַפילו הממעיט ובלבד שיכוון לבו?...

דער תירוץ איז, אויב אַזוי, וואָלטן מיר דעם קרבן עשיר אָפּגעלערנט מיט אַ קל וחומר פון עני, מה דאָך אַז אַן אָרעמער קרבן איז גוט, איז דאָך אַ רייכער גרויסער קרבן געוויס גוט, וואָלטן מיר דאַן פאַרשטאַנען אַז דער קרבן עשיר איז דאָך בעסער, און די תורה וויל פעסטשטעלן אַז זיי זיינען ביידע אַבסאָלוט גלייך. דעריבער זאָגט די תורה בייביידן ריח ניחוח צו באַטאָנען אחד המרבה ואחד הממעיט, זיינען גלייך אַבסאָלוט... (בשם אוה״ח)

ב.

דער ט״ז (או״ח א׳ ג׳) פרעגט דאָס אַזוי: ווי איז אויב דער מרבה האָט אויך געטאָן מיט כוונה, דאַן דאַרף דאָך דער מרבה זיין חשוב׳ער און גרעסער?

דער תירוץ איז, אַז דער מענטש אַרבעט ניט אויפן שטיק נאָר אויף דער צייט, ווי די חז״ל זאָגן „אגירא דיממא אגן". נו, ווען צוויי אַרבעטן גלייכצייטיק אויפן טאָג, און ביידע האָבן געאַרבעט

די זעלבע צייט, מיט דער זעלבער מאָס ענערגיע, אָבער איינער איז געווען פּעאיקער און האָט אויפגעטאָן מערער, קען מען ניט מאַכן קיין אונטערשייד ביים באַצאָלן זיי, נאָר זיי זיינען גלייך.

לויט דעם דאָזיקן ביישפּיל קומט אויס, אַז אויב אַפילו צוויי האָבן גלייכצייטיק געטאָן אין עבודת השם, איינער האָט געלערנט משנה און דער צווייטער האָט געזאָגט תהלים, אָבער ביידע מיט דער כוונה לשם שמים, איז זייער שכר גלייך. (געהערט בשם הבעש״ט)

דעם אָרעמאַנ׳ס קרבן

ונפש כי תקריב קרבן מנחה (ב׳ א׳).

א״ר יצחק מפני מה נשתנתה מנחה, שנאמר בה „נפש״? אמר הקב״ה מי דרכו להביא מנחה — עני; מעלה אני עליו כאלו הקריב נפשו לפני (מנחות ק״ד).

דער רבונו של עולם, ער פילט מיט דעם אָרעמאַן, און ווי ווייניק דער אָרעמאַן זאָל טאָן, נעמט דאָס דער אויבערשטער צו פאַר גרויס און גוט, און דעריבער ווען אַן אָרעמאַן גיט אַ קרבן, זאָגאַר אַ קליינעם קרבן, איז עס גלייך ווי דער גרעסטער ביים גביר.

צו

אויסדויער און ענערגיע

צו את אהרן ואת בניו לאמר זאת תורת העולה וגו׳ (ו׳ ב).

אין צו אלא זירוז מיד ולדורות (תורת כהנים).

דאָ רעדט זיך וועגן דעם עולת תמיד, וואָס באַלאַנגט צום כלל ישראל, נו וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס צו אַ כלל, און באַזונדערס צו אידן, וואָס האָבן שטענדיק געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט צו הייליקייט, אַזוי צום משכן, און צו אַלץ וואָס ג־ט האָט געהייסן? טאָ וואָרום דאַרף מען דאָ האָבן ספּעציעלן זירוז? אידן זיינען אַלעמאָל ברייטגיביק צו הייליקייט!

די חז״ל זאָגן כל העוסק בתורה כאלו הקריב כל הקרבנות, ווי דער פסוק זאָגט „זאת תורת העולה״, און דער פאַרגלייך איז זייער אַ גלייכער און אַ טיפזיניקער.

די תורה איז אַלעמאָל געווען דער גרעסטער קרבן וואָס

דאָס אידישע פאָלק האָט געבראַכט, און מיר ברענגען נאָך ביז איצט. די תורה פאָדערט פון אונז די גרעסטע מאָס ענערגיע און זריזות, די גרעסטע מאָס שטאַרקייט, האַרטקייט, אַנטקעגן אַ וועלט, וועלכע וויל ניט ליידן ניט אונז און ניט אונזער תורה, ווייל דער ענדציל פון תורה איז ענדלעך דאָך געצילט אויך צו זיי, צו דער גרויסער וועלט, צו באַלייכטן זייער פינסטערניש... און דאָס איז זיי דערווידער, זיי ווערן זיך קעגן אָט דער ליכטיקייט, און באַקעמפן מיט ביטערקייט און ווילדקייט דעם פאָלק וואָס טראָגט אין זיינע פליגלען אָט די ליכטיקייט. אין אָט דעם אומגלייכן קאַמף פון אַ מערהייט קעגן אַ קליינע מינדערהייט, ווערן מיר, די מינדערהייט, די קרבנות, די עולה'ס אויפן מזבח פון אמת'ע מענטשהייט...

און דאָס מיינען די ווערטער „היא העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה עד הבוקר", דאָס אידישע פאָלק איז דער קרבן עולה, וועלכער ווערט געברענט אויפן פייער אַ גאַנצע נאַכט — די גרויסע נאַכט פון גלות — עד הבוקר, ביזן פרימאָרגן... ווען עס וועט קומען דער „בוקרן של מלכיות". די וועלט וועט קריגן ליכטיקייט, זי וועט קומען צו באַזינונג, וועט אָנערקענען און טייער האַלטן דעם פאָלק פון דער תורה, פון די נביאים. — אָבער ביז יענער צייט? דאַרפן מיר ליידן, האָבן ענערגיע און געדולד אָן אַ שיעור...

עס פעלט דער פאַקעט

צו את אהרן ואת בניו לאמר... (ו' ב')

אר"ש ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס (ת"כ).

על פי חסידות, האָט דאָ געזאָגט דער סאָסעווער רבי זי"ע, לויט דער גמרא (ע"ז ד') הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה, רשעים נידונין בה וצדיקים מתרפאים בה. אַלע מצוות, תורה און תפלה, ווען זיי ווערן געטאָן מיט התלהבות, מיט ברען, גייט די התלהבות אַרויף אויבן, דאָרטן ווערט דאָס פאַרבאַהאַלטן אין אַ באַזונדער קאַסע, ווי מיר זאָגן אין סליחות „שתשים דמעותינו בנאדך להיות".

ווען עס קומט די פאַסיקע צייט צו טאָן ישועות פאַר אידן נעמט ג־ט ב"ה אַרויס אָט די התלהבות, וואַרעמקייט פון איר פאַקעט, און די צדיקים האָבן דורך דעם אַ רפואה, אידן ווערן געהאָלפן. ווי איז אָבער אַז עס פעלט וואַרעמקייט אין מצוות, איז

ניט געוועז וואָס צו באַהאַלטן... און ניט קיין פּאַקעט... אַט דאָס מיינט חסרון כיס... (עצי לבנון)

ר' מאיר פּרימישלאַנער'ס אַ וואָרט

ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים, והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה אל מקום טהור. והאש על המזבח תוקד... (ו' ד')

ר' מאיר פּרימישליאַנער פלעגט זאָגן על פּי מוסר, זאָל יעדער מענטש אין זינען האָבן, אַז עס וועט קומען די צייט וואָס ער וועט אויסגעטאָן ווערן פון זיינע בגדים, און מען וועט אים אָנטאָן אַנדערע בגדים (תכריכים)... והוציא את הדשן", מען וועט דעם גוף, וואָס דאָס איז נאָר דער אַש פון דאָס וואָס איז פריער געוועזן מענטש, אַוועקטראָגן אויסערן שטאָט... אויפן הייליקן ריינעם אָרט, און דאַן „והאש על המזבח תוקד" איי וועט דאָס דער פייער פון גיהנום פלאַקערן...

לאָמיר דעריבער בעסער תשובה טאָן באַצייטנס...

אַ סגולה נפלאה

אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה (ו' ו').

דער של"ה הקדוש ברענגט בשם הקדוש ר"מ קאַרדוואַרא, אַ סגולה צו דעם, אַז אַ מענטש זאָל ניט האָבן קיין מחשבות זרות און הרהורים פון עבירות, זאָל ער זאָגן אָט דעם פּסוק, אש תמיד תוקד וגו'.

באמת איז אין פּסוק זעלבסט מרומז אָט די סגולה. אַ מענטשלעכער ווען קען זיינע מחשבות האַלטן זויבער און הייליק, נאָר ווען ער וועט טראַכטן שטענדיק וועגן תורה און מצוות, דאַן האָט קיין אַנדער געדאַנק ניט קיין מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין זיין מוח. עס איז פּונקט ווי ווען אַ פייער ברענט אויף אַן אָרט, קען דאָרטן קיין זאַך זיך ניט אויפהאַלטן ווייל דער פייער פאַרניכטעט יעדער זאַך.

דאָס מיינט, אש תמיד תוקד על המזבח, דער ג-טלעכער פייער פון תורה ווען ער באַהערשט שטענדיק דעם מענטשן, דאַן איז לא תכבה, קען ניט קומען אַ פרעמדער געדאַנק און אויסלעשן אים... (כתב סופר)

מען זאָגט איבער פון בעל שם טוב הקדוש וועגן, אַז גליקלעך

איז דער מענטש וואָס זיין מחשבה האָט שטענדיק דבקות אין רבש״ע, אָבער טאָמער לאָזט ער אַמאָל אָפּ אָט די פאַרבינדונג, הייסט דאָס אַראָפּגעפאַלן פון זיין מדרגה. און דאָס מיינט דער פסוק, על פי רמז, אשרי אדם לא יחשוב ד׳, לו עון. גליקלעך איז דער מענטש, וואָס „לא יחשוב ד׳״, אויב ער טראַכט אַמאָל ניט פון ג־ט, ווערט דאָס גערעכנט פאַר אַ זינד צו אים — „לו עון״, דאָס צייגט דאָך, אַז שטענדיק טראַכט ער נאָר פון ג־ט...

אום ניט צו פאַרשעמען

זאת תורת החטאת, במקום אשר תשחט העולה וגו׳ (ו׳ י״ז).

דעם קרבן עולה האָט מען מקריב געווען אין צפון זייט. זאָגט אָן די תורה, אַז דעם קרבן חטאת זאָל מען אויך מקריב זיין אין דעם זעלבן אָרט. איז אייגענטלעך שווער, פאַרוואָס? די עולה קומט פאַר עבירות פון הרהור הלב, דאָס הייסט די שלעכטע מחשבה, דער קרבן חטאת קומט אויף עבירות פון מעשים, און האַרבע אויך, אַזעלכע ווי חייבי כריתות. טאָ וואָרום זאָלן זיי ווערן געאָפּפערט אין איין און דעם זעלבן פּלאַץ?

דער תירוץ איז, ווען דער חטאת וואָלט געאָפּפערט געוואָרן אין אַן אַנדער פּלאַץ, וואָלטן אַלע פאַרשטאַנען אַז דער ברענגער איז אַ האַרבער בעל עבירה, דעריבער, אום ניט צו פאַרשעמען אים, האָט ער געבראַכט דעם חטאת אין דעם זעלבן פּלאַץ וואו די עולה... (תוספות ישנים)

די תורה איז גרעסער ווי קרבנות

אשר צוה ד׳ את משה בהר סיני ביום צותו את בני ישראל להקריב את קרבניהם לד׳ במדבר סיני (ז׳ ל״ח).

דער שינוי לשון „בהר סיני״ און „במדבר סיני״ אין דעם זעלבן פסוק איז מערקבאַר.

דער הר סיני און דער מדבר סיני אונטערשיידן זיך אין דעם, וואָס דער מדבר סיני כאָטש ער איז אויך געריייניקט און געהייליקט געוואָרן דורך דעם וואָס די אידן האָבן דורכגעמאַרשירט דורך אים מיט די דגלים, און אַלץ איז געווען דורך אַן אָרדער פון דעם אויבערשטן, דאָך איז דער הר סיני פיל חשוב׳ער און

הייליקער געוועזן, ווייל דאָרטן איז דאָך געוועזן די קבלת התורה און התגלות ד'.

די גמרא דרש'נט „זאת התורה לעולה", אַז דער וואָס לערנט תורת עולה איז גלייך ווי ער האָט מקריב געוועזן אַן עולה. דאָ אָבער איז דאָ אַ רמז אין פסוק, אַז די תורה וועגן אַן עולה, איז נאָך גרעסער ווי אַ קרבן עולה זעלבסט, ווייל די תורה פון קרבנות איז געגעבן „בהר סיני" — די קרבנות זעלבסט איז בלויז געוועזן „במדבר סיני", אין אהל מועד. (כנפי נשרים)

שמיני

דרשה לפרשת שמיני

מאכלות אסורות

הנה בטעם איסור אכילת בעלי חיים טמאים כבר חקרו ודרשו כמה מהראשונים והביעו טעמים שונים, ואחד מהם היותר מקורב אל השכל הוא של בעמ"ח „נשמת חיים", כי טעם האיסור הוא, לא מפני שיזיק לגוף האוכלם כמו שכמה חשבו, לא, כי הלא רוב הגויים אוכלים אותם, והם בריאים בגופם, ואינם נזוקים, וגם חכמת הרפואה לא מצאה איזה הפסד לאדם על ידם, אבל טעם האיסור של התורה שרשו הוא במדות הנפש, יען רוב בעלי חיים הטמאים הם דורסים וטורפים, אכזרים בטבעם, והמאכל נעכל בהאוכל ונעשה בלבישת צורה חדשה לבשר ודם, ולעצמותו של האוכל אותם, ולכן יושרש עי"ז אותן מדות הנשחתות והרעות מהבעל חי הטמא לאדם האוכלם וכפתגם הידוע, כי איכות האדם הוא, מה שאוכל...

ומפני זה ישנם דעות שמבארים את הדין של שור נגח בסקילה ובשרו אסור באכילה, שלכאורה תמוה מדוע? הלא יוכלו להמיתו על ידי שחיטה ולאכול את בשרו, אלא מפני טעם האמור למעלה, כי שור נגח יען שהוא מועד להזיק דינו הוא כחיה רעה טמאה ואין מועיל לו שחיטה להכשירו, כי גם בו נמצאו המדות האכזריות, וע"י אכילת בשרו יעברו המדות האלה לאדם האוכלם.

ומפני זה נוכל להבין כי דור המדבר נקרא דור דעה יען שאכלו את המן שנקרא לחם שמים, שהיה דק בחומרו ולא היה בו אותם האלמנטים הגסים הארציים, ונטע באוכליו עדינות נפש ורוח עליון שמיימי, וזכו ע"י זה לקבלת התורה כי נזדכך גופם ע"י

המן, ולכן בהכנסם לארץ פסק המן תיכף, יען כי ארץ ישראל יש בה קדושה של מעלה, אשר „עיני ד׳ שם״ כלשון הכתוב, ואוירא דארץ ישראל מחכים, כדברי חז״ל, ולכן לא היה צורך עוד בהמן.

והנה התורה הביעה חומר הענין בסגנון יותר חריף ומזהיר בדומה לעניני עבירות אחרות. והכתוב אומר בסוף פ׳ שמיני, ולא תטמאו את נפשתיכם בכל השרץ וגו׳, יען כי טומאת המאכל מטמא גם את הנפש, ועבירה זו גוררת אחריה עוד עבירות אחרות ללכת מדחי אל דחי ולבסוף להתחתן בנכרים, לעבור על כל מצוות התורה, לכפירה, ולטמיעה גמורה בין הגויים, כידוע.

חכז״ל אמרו מפני מה נתחייבו ישראל באותו הדור כליה מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע (מגילה), ולכאורה תמוה, וכי דינא הכי להתחייב כליה בשביל אכילת סעודה אסורה? מפני מה הדין כ״כ חמור? הלא זהו לא לפי רוח התורה לענוש קשה? אבל חז״ל הורונו בזה עד כמה גדול כוח הטומאה של כשלון אכילה טמאה, וכי זהו רק ההתחלה בדרך הירידה ולבסוף מתגלגלים למטה עד בירא עמיקתא, ולכן העונש גדול ע״ש סופו, כמו בבן סורר ומורה.

בספר בן אורי יסופר מעשה נורא ומאוים, שקרה במדינת ספרד, המראה ומוכיח כמה גדול החטא של מאכל או משתה אסור:

נסיך ידוע שהי׳ בגדר מלך בהגליל שלו קרא אליו כמה מחכמי ישראל בסביבתו, וגזר עליהם שמוכרחים לעשות אחד משלשה דברים עפ״י פקודתו, א) לשתות יינו, ב) לאכול בשר חזיר, או ג) לזנות עם נשים נכריות. כשמעם גזירת הנסיך נבהלו מאוד והתחננו אליו ובכו בדמעות, כי לא יוכלו לעשות שום דבר מאלה יען כי כולם אסורים להם על פי ד״ת. אבל הנסיך עמד על דעתו לבלי הרף ואיים עליהם שבאם לא ישמעו לקולו ישים אותם במאסר עולם. ויהי כשמעם את חרון אפו ורוע הגזירה, בקשוהו שיתן להם לפחות ג׳ ימים להתיישב ולהתיעץ בדבר. לאחר הזמן המיועד הובילו אותם כולם לפני הנסיך, להגיד לפניו את החלטתם. ויענו כולם כי בחרו בעבירה של שתיית יין, כי זהו חטא הקל מכולם. עפ״י פקודת הנסיך הכניסו אותם בארמון נאה והדור מאוד ושמו לפניהם היינות היותר מובחרים ומבושמים, והם שתו קימעא קימעא, ואח״כ הוסיפו ושתו הרבה עד לשכרה, וכאשר נשתכרו, העבירום

משרתי הנסיך לחדר שני יותר יפה ומהודר והשולחנות היו מוכנים מכל מיני מגדים ובשר חזיר מפוטם לרוב, ויאכלו מכל אשר לפניהם לשבעם. כשגמרו לאכול ולשתות הכניסום שכורים ונדהמים לחדרים מיוחדים שעל המטות שכבו זונות וזנו עמהן... למחרת כשקמו, ושכרותם פג מהם נזכרו מה שעבר עליהם, ומה שחטאו וטמאו את עצמם בכל ג׳ העבירות. אז בכו תמרורים עד דכדוכה של נפש, והודו ואמרו כמה גדול כחה של עבירה שאחת גוררת השני׳. לבסוף לא השלימו שנתם וכולם מתו במיתות חטופות...

דער כוח פון ניחום אֲבלים

ויאמר משה אל אהרן הוא אשר דבר ד׳ לאמר בקרובי אקדש, ועל פני כל העם אכבד, וידם אהרן (י׳ ג׳).

— וידם אהרן שהיה בוכה בקול ואז שתק (הרמב״ן).

דער רמב״ן איז אומפאַרשטענדלעך! דערקלערט מען עס אזוי. ווייל אייגענטלעך האָט די תורה געדאַרפט זאָגן „וידם אהרן" גלייך נאָך דעם פסוק „וימותו לפני ד׳" וואָרום עפּעס נאָך משה׳ס רייד צו אים? נאָר דער אמת איז אַז אהרן האָט טאַקע באַוויינט זיינע צוויי קינדער, האָט משה רבנו אים געטרייסט: זאָלסט וויסן מיין ברודער, אַז זיי זיינען געווען גרויסע הייליקע מענטשן, מערער פאַר אונז ביידן, און דעריבער האָט ג־ט געזאָגט „בקרובי אקדש", כאָטש דאָ איז ניטאָ קיין מוסר אָדער דין, נאָר מיט דער כוונה אַז משה זאָל האָבן מיט וואָס צו טרייסטן זיין ברודער אהרן. און דאָס מיינט דער וואָרט „לאמר", משה זאָל דאָס זאָגן אין זיין טרייסטונג צו אהרן, און עס איז שוין פאַרשטענדלעך דער רמב״ן, אַז אהרן האָט זיך געטרייסט ערשט נאָך משה׳ס דאָזיקע רייד... (יסוד התורה)

עס ווערט דערציילט אויפן חפץ חיים זי״ע, אַז קומענדיק פון וועג האָט ער געטראָפן די לויה פון זיין זון ר׳ אברהם ז״ל, אַ יונגערמאַן אין די בליענדיקע יאָרן און דערצו אַ גרויסער למדן, פרומער און גוטער, און ער האָט אים זייער ליב געהאַט. האָט ער זיך געזעצט שבעה און האָט גאָר ניט גערעדט.

דער שטילשווייגן פון חפץ חיים האָט געערגערט די פרווי זיינע, און זי האָט אים פאַרגעהאַלטן:

— סטייטש! זאָגט זי צו אים, ווי קען מען דאָס שווייגן?

אַ הון איז אַרוים פון הויז?... אַזאַ טייערער קינד, אַ בריליאַנט האָט מען פאַרלאָרן, וואָס שווייגסטו?

האָט דער חפץ חיים זיך אָפּגערופן, אַז פאַרנדיק אויפן באַן איז ער אַנדערעמלט געוואָרן, און אים האָט זיך גע'חלום'ט אַז אַ ספר תורה איז ביי אים אין הויז פאַרברענט געוואָרן... און ער האָט מערער ניט גערעדט... וידם אהרן...

עס ווייזט אויס אַז אין די קורצע ווערטער, דעם חפץ חיים'ס איז שוין געווען אַנגעוואונקען די טרייסטונג, אַט ווי משה רבנו האָט געזאָגט צו אהרן.

כי מפני הרעה נאסף הצדיק

הוא אשר ד' וגו' (י' ג').

עכשיו אני רואה שהם גדולים ממני וממך (רש"י ותי"כ).

פרעגט מען, פון וואַנען איז דאָס איצט קלאָר געוואָרן צו משה רבנו אַז זיי זיינען גרעסער?

— כידוע איז מיתת צדיקים, איז אָדער צוליב כפרה אויפן דור, אָדער כדי זיי זאָלן ניט זען ברעה וואָס קומט אָן, איז אויב צוליב כפרה, איז דאָך גענוג איין צדיק, אויב אָבער כדי זיי זאָלן ניט זען די צרות, נעמט מען צו אַלע גרויסע צדיקים.

אַריבערטראָגן אַלעס געמיטלעך

וידם אהרן וגו' (י' ג').

הלל הנשיא שמע קול צווחה בעיר, אמר מובטחני שאינו בתוך ביתי (ברכות ס').

פרעגט מען, פאַרוואָס איז דאָס הלל געווען אַזוי זיכער, אַז עס איז ניט ביי אים אין הויז? מען שטראָפט דאָך אַמאָל אַ צדיק אויך, „וסביביו נשערה מאוד"? און אפילו אויב ער האָט יאָ אַזוי געפילט, האָט ער דאָס אָבער ניט געדאַרפט אַרויסזאָגן אַזוי, עס איז ניט עטיש! ווייל עס זעט אויס ווי גאווה.

נאָר דער געדאַנק איז דאָ אין גאַנצן אַנדערש. הלל האָט שטענדיק געלערנט זיינע בני בית און פאַמיליע לייט אַז זיי זאָלן מקבל באהבה זיין אַלץ וואָס עס זאָל פּאַסירן, אַפילו דאָס ערגסטע, זאָלן זיי גוטמוטיק שטילערהייט פאַרטראָגן. ווען הלל האָט דערהערט אַז מען שרייט געוואַלדן אין אַ הויז, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס

איז געווים ניט ביי אים אין הויז ווייל ביי אים אין הויז זיינען זיי געלערנט און דיסציפלינירט ניט צו שרייען קיינמאָל... (פנינים יקרים)

אַ מדרש פּליאה

וידם אהרן (י׳ ג׳).

מה הוי ליה למימר, וביום השמיני ימול בשר ערלתו (מדרש פליאה).

לויט דער גמרא אין שבת ווערט דער קינד גע׳מל׳ט דעם 8-טן טאָג צוליב „כדי שלא יהיו כולם שמחים ואביו ואמו עצבים״.

דאָס אין דעם טאָג וואָס דער משכן איז אויפגעשטעלט געוואָרן איז געווען אַ גרויסע שמחה פאַרן רבש״ע (מגילה), און אין דעם זעלבן טאָג זיינען נדב ואביהו געשטאָרבן. האָט דאָך אהרן געקענט טענה׳ן צום רבש״ע, אַלע פריילען זיך אין דעם טאָג, וואָרום זאָל איך אין דעם טאָג האָבן אַזאַ אומגליק? אהרן האָט אָבער געשוויגן, און דערפאַר האָט ער געקראָגן שכר. אָט אָס מיינט דער מדרש פליאה. (פרח לבנון)

קיום העולם

נדב ואביהו מתו בשביל שלא נשאו נשים, דכתיב (במדבר ג׳ ד׳) ובנים לא היו להם (יבמות ס״ד א׳).

אייגענטלעך איז שווער צו פאַרשטיין, אויב מען איז ניט מקיים אַ מצות עשה זאָל קומען דער שווערסטער שטראָף? פאַרוואָס?

געפינען מיר אָבער דאָס זעלבע ביי חזקי׳ המלך, אַז ישעי׳ הנביא האָט אים געשיקט זאָגן „צו לביתך כי מת אתה״ משום שלא עסקת בפרי׳ ורבי׳. איז אויך דאָס זעלבע מערקבאַר, פאַרוואָס אַזאַ האַרבע שטראָף?

קען מען עס פאַרענטפערן מיט אַ חז״ל, מתחילה עלה במחשבה לברוא את העולם במדת הדין, ראה שאין העולם מתקיים שיתף לו מדת הרחמים (מד״ר בראשית י״ב).

אַלזאָ פירט זיך איצט די וועלט מיט דעם מדת הרחמים, אָבער פאַרשטענדלעך אַז נאָר מיט די מענטשן וואָס באַגערן און שטרעבן צו קיום העולם, מיט זיי מוז מען זיך פירן מיט מדת הרחמים, ווייל מיט דין קען די וועלט קיין קיום ניט האָבן. אָבער

די יעניקע וואָס ווילן ניט האָבן קיין קינדער ווילן זיי דאָך גאָר ניט אין קיום העולם, מיט זיי פּירט מען זיך מיט מדת הדין. און ווײַבאַלד אַז מיטן דין איז „נפש החוטאת תמות" איז שוין איצט רעכט די שאַרפע וואָרנונג פון ישעי׳ הנביא צום מלך חזקיהו, און אויך פאַרשטענדלעך די טויט שטראָף צו נדב ואביהו צוליב די זעלבע סיבה... (פרדס מרדכי)

אהרן און דוד

וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ד׳ (י׳ ו׳).

צו פאַרשטיין דעם ענין, פאַרוואָס האָט אהרן גראָדע געשוויגן „וידם אהרן" און די חז"ל זאָגן אַז עס איז אַ שיינע ווירדיקע האַלטונג „שקבל שכר על שתיקתו", דאַקעגן אָבער דער כלל ישראל דאַרף וויינען און קלאָגן אויף דער שריפה, אשר שרף ד׳. —

עס איז מערקווירדיק און אויך שווער צו באַנעמען, וואָרום האָט דוד מלך ישראל געקלאָגט און געוויינט אויף זיין זון אבשלום נאָך זיין טויט און אבשלום איז דאָך געווען אַ בן סורר ומורה און אַ מגלה עריות (סוטה ח׳ ע"ב), און אהרן האָט געשוויגן אויף צוויי קינדער צדיקים?

דער וועג פון די אנשי מעלה איז ניט צו וויינען נאָך דער פּאַסירונג נאָר מקבל זיין די יסורים אַלס אַן עונש, און בפרט די בני אהרן וועלכע זיינען געווען גדולי הדור, זיינען זיי אומגעקומען צוליב עון הדור. און זיי האָבן אין זייער קורצן לעבן אויפגעטאָן מער ווי אַנדערע אין אַ לאַנג לעבן, אָבער דער „בית ישראל", ער איז פאַראַנטוואָרטלעך, און דעריבער „יבכו את השריפה".

דוד׳ס וויינען און קלאָגן איז געווען אויף אַ שלעכט קינד אום אַרויסנעמען אבשלום׳ען פון די „שבעה מדורי גיהנום" האָט ער אַרויסגעוויינט זיבן מאָל „בני אבשלום" (סוטה י׳).

די אידישע טראַגעדיע

וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ד׳ (י׳ ו׳).

מערקווירדיק וואָס אין קיין פאַל פון דעם אָפּשטאַרבן פון גדולי הדור, ווערט ניט דערמאָנט אַזאַ אויסדרוק ווי „וכל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ד׳", ניט ביי די אָבות, ניט ביי אהרן, ניט ביי משה רבנו, פאַרוואָס איז גראָדע דאָ אַזאַ

טראַגיק מער ווי אומעטום? עס איז פיל מער ווי הספד, ווי אַבלות, אז"וו, עס איז אַ שריפה...

די אורזאַכע פון דעם איז ווייל זיי, נדב ואביהו, זיינען אומגעקומען און קיין קינדער האָבן זיי ניט איבערגעלאָזן וועלכע זאָלן קומען אויף זייער קבר באַקלאָגן, אָדער דערמאָנען זייערע פּאָטערס, זייער צדקות, זייער גרויסקייט, זייער געטריישאַפט, און דאָס איז אַלעמאָל אַ נחת רוח פאַר עלטערן ווען די קינדער קומען אויף זייערע קברים. ווען ניט, איז עס אַ אַנדערש ווי געוועגלעך, איז עס אַ טראַגעדיע!

און דאָס איז מרמז די גמרא אין יבמות ס"ד אויפן פּסוק „ובנים לא היו להם" (במדבר ג') הא היה להם בנים לא מתו. איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז ניט זייער קינדערלאָזיקייט האָט גורם געווען זייער שטאַרבן יונג און אין אַזעלכע אומשטענדן, ווייל דער טעם איז דאָך געשריבן אין דער תורה „שהקריבו אש זרה" — נאָר די כוונה איז אַזוי ווען זיי לאָזן איבער קינדער, איז עס ניט געשטאָרבן, ווי די חז"ל זאָגן אויף יעקב אָבינו לא מת מה זרעו בחיים (תענית ד').

ווען מיר באַקלאָגן דעם לעצטן אידישן חורבן, איז די טראַ־געדיע אַזוי גרויס, אַזוי אומפאַרגלייכלעך, ניטאָ קיין קברים, ניטאָ קיין אָרט וואו צו וויינען, וואו צו קלאָגן. אָפּגעווישט, אָפּגעמעקט און פאַרשוואונדן אין אַש. דעריבער איז עס אַ שריפה, און אַ מצוה ניט צו פאַרגעסן... (הרב חיים ברוך פאַסקאַוויץ)

דער טלית פון ריזשינער זצ"ל

ויקרבו וישאם בכתנתם וגו' (י' ה').

ותאכל אותם, אותם ולא בגדיהם (סנהדרין נ"ב).

מען גיט איבער אויף אַ גרויסן רב אין ארץ ישראל וואָס איז געווען אַ גרויסער חסיד פון דער ריזשינער משפחה, און ער האָט אַריינגעקראָגן דעם ריזשינער'ס זצ"ל טלית, איז עס געווען ביי אים זייער טייער, אַז ער וואָלט דעם טלית ניט אָפּגעגעבן פאַר קיין געלט אין דער וועלט.

זיצנדיק אַמאָל אין סוכה, האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים, איך וויים אַז עס איז דאָ אין ירושלים שענערע סוכות פאַר מיינע,

אבער דערפאר וועט איר ניט געפינען אין קיין סוכה אזא אוצר, אזא צירונג וואס איך האב דא, און דאס איז דער טלית פון ריזשינער זצ"ל, וואס ער האט געטראגן נאר לכבוד יום טוב און זיין שמחה איז דאן געווען גרויס, אן א שיעור.

און ער האט מסביר געווען דעם ענין אזוי, יעדער תשמיש פון קדושה איז הייליק, און אויב די כלי קודש איז גענוצט געווארן פון א קדוש, איז גאר קיין שיעור ניטא צו די מדרגה פון קדושה וואס עס אנטהאלט אין זיך. א ראי' קענען מיר ברענגען פון די בגדי כהונה, וואס קיין פייער האט דאס ניט גענומען, ווי מיר זעען ביי די בני אהרן, אז דער פייער האט נאר געמאכט „שריפת נשמה וגוף קיים", און אפילו דער וואס זאגט אז עס איז געווען שריפת הגוף, איז דער ווארט „ותאכל אותם" ממעט אותם ולא בגדיהם (סנהדרין נ"ב). דאס זעלבע זעען מיר אויך ביי דעם מזבח, וואס עס האט געברענט שטענדיק אויף אים א פייער, און ער אליין איז ניט פארברענט געווארן (זע סוף חגיגה).

עס איז א הייליקע סגולה אין דעם פאראן, און ווי מיר געפינען אין ירושלמי, אז א איד פון גליל האט געזאגט „מקלו של רבי מאיר היתה בידי, והיא מלמדת לי דעה" (ירושלמי מו"ק פ"ג ה"א), דעריבער איז יעדער חפץ פון א הייליקן אידן הייליק און טייער... אפילו דער שטעקן וואס ער שפארט זיך אן אויף אים... (זע אור פני משה אויף ירושלמי דארט) און בפרט א חפץ פון א מצוה געווים...

די סימפאטיע פון כלל איז א טרייסט

ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ד' (י' ו').

משה רבנו האט בארואיקט אהרנ'ן מיט זיינע קינדער, איר זאלט ניט קלאגן צופיל, און ניט פראוון קיין אבילות. אין אייער טרויער נעמען אנטייל דער גאנצער כלל ישראל, זיי סימפאטיזירן מיט אייך. מיר געפינען אין דער גמרא (מו"ק כ"ח) כשמתו בניו של ר"י, נכנסו ד' זקנים לנחמו, פתח ר' טרפון ואמר, ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השריפה וגו'. זעען מיר אלזא אז דאס איז א טרייסט. (תורה תמימה)

כעס

ויקצף על אלעזר ועל איתמר וגו׳ (י׳ ט״ז).

וישמע משה וייטב בעיניו (י׳ כ׳).

קשה ההקפדה שגרמה לו למשה לטעות (תו״כ).

כעס איז איינע פון די שלעכטע מדות, וואָס דער מענטש דאַרף זיך דערווייטערן פון דעם, ווייל דאָס קען ברענגען צו ערגערס פון דעם און צו אַזוינע פאַטאַלע טעותים, מען זאָל ניט קענען עס פאַרריכטן. אַט ווי מיר געפינען דאָס ביים גרעסטן נביא משה רבנו.

צו אילוסטרירן עס, איז ווערט צו דערמאָנען די מעשה פון דער גמרא (אין סנהדרין קי״ג) דרש ר׳ יוסי בצפורי, אבא אליהו קפדן הוה, איכסי מיניה תלתי יומי ולא אתא. א״ל אמאי לא אתא מר? א״ל קפדנא קרית לי. א״ל הא דקמן דקא קפיד מר (זע דאַרט). אין קורצן איז דער אינהאַלט: רבי יוסי פלעגט האָבן גילוי אליהו. איינמאָל דרש׳נט זיך רבי יוסי, אַז מיין פריינט אליהו הנביא איז געווען אַ קפדן (אַ כעסן), און דאָס באַציט זיך אויפן כעס וואָס אליהו האָט געשריען אויף אחאב מלך ישראל (רש״י), האָט אליהו זיך דערפאַר דריי טעג ניט באַוויזן צו רבי יוסי. אויפן פערטן טאָג איז ער געקומען, פרעגט רבי יוסי אליהו׳ן ווארום ביסטו ניט געקומען די דריי טעג? ענטפערט אים אליהו, דו רופסט מיר קפדן... רופט זיך אָפּ רבי יוסי, אָט דיין ניט קומען באַשטעטיקט דאָך אַז דו ביסט טאַקע אַ קפדן... דער תורת חיים דערקלערט עס נאָך קלערער: מילא אויף אחאב׳ן מיט זיינע עבודה זרה, האָסטו מקנא געווען „קנאת ד׳ צבאות״ — אָבער איצט זוכסטו דאָך דיין אייגענעם כבוד...

אַ צווייטע מעשה פון דעם „תולדות״, דער זייל פון חסידות און דעם בעל שם טוב׳ס אַן אָנהענגער. האָט ער אַמאָל געבעטן דעם בעש״ט, אַזוי ווי ער גאַרט צו האָבן „גילוי אליהו״ זאָל ער אים מיטהעלפן אין דעם. רופט זיך אָפּ דער בעש״ט מיט אַ שמייכל, ווי אַזוי קענט איר זוכה זיין צו דעם, אַז איר זייט אַזאַ כעסן און קפדן? אויב איר וועט נעמען אויף זיך צו פאַרמיידן זיך פון כעס און קפדנות, אַ יאָר צייט, דאַן וועט איר האָבן גילוי אליהו. האָט דער תולדות אָנגענומען אויף זיך.

אין אַ יאָר שפּעטער, זאָגט דער בעל שם טוב צו ר׳ יעקב

יוסף, בעהמ"ח פון תולדות, איך בעט אייך צו מאַכן אַ סעודה. האָט ער אַזוי געטאָן און איינגעלאַדן דעם בעש"ט און די גאַנצע חברותא. אין מיטן דער סעודה, קומט אַריין פּלוצלונג אַן אָרעמאַן, און שטופּט זיך אַריין אומגעבעטן אויבנאָן און האָט אָנגעהויבן כאַפּן עסן און טרינקען ווי אַ גראָבער מענטש.

דער תולדות איז געוואָרן אין כעס. אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן, נאָר ער פרעגט דעם אָרעמאַן ווי אַלט ער איז? די כוונה פון דער שאלה האָט געמיינט אַזוי, לויט דער גמרא, איז ביז פערציק יאָר גוט צו עסן, נאָך דעם, איז טרינקען בעסער, און וויבאַלד דער אָרעמאַן טוט ביידע, פרעסט און טרינקט, טאַ ווי אַלט איז ער?...

ענטפערט אים דער אָרעמאַן, היינט איז מיר געוואָרן פערציק יאָר. דאָס איז אויך געווען אַ שאַרפער ענטפער, דאָס מיינט, היינט איז פאַר מיר גוט ביידע זאַכן עסן און טרינקען.

פרעגט אים דער תולדות ווייטער, און ווי אַלט זייט איר געווען נעכטן? (דאָס מיינט, דו האָסט דאָך נעכטן אויך געגעסן און געטרונקען). האָט זיך דער אָרעמאַן אויפגעשטעלט, און האָט געבליצט מיט צאָרן: צייט איך לעב און קום צווישן מענטשן, האָט מיר נאָך קיינער אַזוי ניט פאַרשעמט, און איז פּלוצלונג אַנטלאָפן.

האָט דער בעש"ט זיך אָפּגערופן צום „תולדות", נו קענט איר דען מיט אַזאַ קפּדנות זוכה זיין צו „גילוי אליהו"?...

וואָס מען עסט, דאָס ווערט מען

אל תשקצו את נפשותיכם בכל השרץ (י"א מ"ג).

— פירש"י באכילתו.

מערקווירדיק ווי „מאכל איסור" איז פיל האַרבער ווי אַנדערע עבירות, זעען מיר ווי תוספות אין חולין דף ה' ע"ב ד"ה „צדיקים עצמם" ואור"י דוקא במידי דאכילה אין הקב"ה מביא תקלה על ידן, שגנאי הוא לצדיק שאוכל דבר איסור. ווייל דאָס וואָס דער מענטש עסט ווערט פאַרוואַנדלט אין זיין בלוט און פליייש, ווערט ער זעלבסט אַ דבר טמא, ווי דער גאון וצדיק ר' חיים צאַנזער זצ"ל שרייבט אין זיינע תשובות אַז די אורזאַך פון דעם וואָס דער גאַנצער געגענט אין מדינת „מערען" איז אַסימילירט געוואָרן

נעמט זיך עס וואָס זיי האָבן געהאַט שוחטים, פרייע, קלים, האָבן זיי מאכיל געווען דעם עולם מיט טריפות ונבילות, און זיי זיינען פאַר'טמא'ט געוואָרן און אַראָפּ נאָכדעם פון דת.

די דיעטע

זאת החיה אשר תאכלו וגו' (י"א ב').

דער מדרש זאָגט, הה"ד אמרת ד' צרופה, המצוות ניתנו כדי לצרף בהם את הבריות.

ווען אַ דאָקטאָר קומט צו אַ חולה, און געפינט אויס אַז ער טאָר מאַנכע עסנס ניט עסן, זאָגט ער אים אָן אויף דעם, אָבער גלייכצייטיק פאַרשרייבט ער אים וועלכע עסנס עס זיינען גוט פאַר אים. דאָס זעלבע זעען מיר אַז השי"ת האָט אונז פאַרשריבן אַ דיעטע וואָס מען זאָל יאָ עסן, פאַרשטיין מיר אַז דאָס וואָס ער האָט פאַרבאָטן איז פאַר אונזער טובה וועגן... (אמרי שפר)

אַ פיינער רמז

להבדיל בין הטמא ובין הטהור, בין החיה הנאכלת ובין החיה אשר לא תאכל (י"א מ"ז).

טהור קומט שפּעטער? איז עס פּילייכט אין איינקלאַנג מיט דער גמרא (פּסחים ג') מען זאָל ריידן בלשון נקיה, דעריבער איז דער פּסוק מסיים „ובין הטהור". אָבער אויב אַזוי, האָט ער דאָך געדאַרפט זאָגן „בין החיה הנאכלת" אויך צום סוף?

נאָר דאָ איז אַ רמז אויף דער מעשה פון דער גמרא (יומא פ"ב) עס האָט פּאַסירט אַז אַ שוואַנגערע פרוי האָט פאַרשמעקט עסנוואַרג אום יום כיפור. האָט מען איר געזאָגט „היינט איז יום כיפור" האָט זי זיך באַרואיקט, און אויסגעפּאַסט, איז איר געבאָרן קינד געווען ר' יוחנן. אַן אַנדערמאָל האָט פּאַסירט דאָס זעלבע, אום יום כיפור, מיט אַן אַנדער פרוי, האָט זי זיך ניט באַרואיקט ביז מען האָט איר געגעבן עסן, איז נאָכדעם דער געבאָרן קינד געווען שבתאי אוצר פּירי (אַ ספּעקולאַנט מיט עסנוואַרג).

אָט דאָס איז דער פּסוק מרמז, „להבדיל בין הטמא ובין הטהור" צו וויסן וואָס פאַר אַ קינד עס וועט זיין אַ צדיק אָדער פאַרקערט, איז דער סימן „בין החיה הנאכלת ובין החיה אשר לא תאכל" די געווינערין וואָס עסט אום יום כיפור, או די וואָס עסט ניט... (חסדי אבות)

תזריע

דרשה לפרשת תזריע

כשם שנכנס לברית...

וידבר ד׳ וגו׳ וביום השמיני ימול בשר ערלתו (י"ב י"ג).
תנו רבנן המל אומר אקב"ו על המילה, אבי הבן אומר אקב"ו להכניסו בבריתו של א"א, העומדים אומרים כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים (שבת קל"ז).

ביור"ד סימן רס"ה מדקדק הט"ז ס"ק ג׳ למה מקדימין חופה למע"ט, הלא עפ"י סברא יש להקדים מע"ט? ומתרץ, לפי שאין עונשין בבי"ד שלמעלה פחות מבן כ׳, ולכן החופה קודמת, שהיא י"ח לחופה.

ונראה לפרש באופן אחר, אבל נקדים לבאר את נוסח הברכות שנקבע בגמרא שבת הנ"ל. ובהקדם איזה מקומן בענינים השייכים לחינוך הבנים ולימוד תורה, בפ׳ ואתחנן ו׳ בפ׳ שמע והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך. יש להתבונן למה לא נאמר בלבבך? כי דברים אלו צריכים לחדור לעומקו של הלב! ונאות יותר „בלבבך"!

הנה יש שני מיני עובדי השם ושומרי תורה, אחד מאהבה שלבו נתמלא אהבה לד׳ מתוך הכרה והתבוננות בגדולות ד׳ ומפעליו, והשני עובד מיראת העונש, או מהתקוה שישיג גמול בעד מעשים טובים. ויש הבדל רב ביניהם, הראשון שאהבת ד׳ משגבו, הוא עומד בתומתו תמיד, וחסון הוא כאלון, היצר לא יטהו להבלי ותאוות הזמן, יעמוד בתקפו כגבור חיל, אבל השני כשנפגש עם רעש החיים היצר יפתהו האי עלמא כבי הילולא וכו׳ ויתחיל לפסוח על שתי הסעיפים, עד ש„יפול קרבן" ללבו הרע. ובזה מובן הלשון „על לבבך" כי זה מוסב על דברי הכתוב בתחלה ואהבת את ד׳ וגו׳, שמקושר לד׳ באהבה, לכן הוא כגבור מושל על הלב, כמאמר חז"ל „צדיקים לבם בידם ורשעים הם ביד לבם".

ובזה יובן לנו ביאור חדש (עי׳ הזוהר הק׳ רס"ט פ׳ ואתחנן, דפוס אמסטערדאם) וז"ל, ודברת בם ותדבר מיבעי ליה, אלא בעי בר נש לאנהגא גרמיה בהו ולאתנהגא גרמיה דלא יסטי לימינא ולשמאלא, „בשבתך בביתך" באורח מישור ובאורח תקונא דילפון מיניה בני ביתיה לאנהגא גרמיה עמהון בנחת ובחידו, ובלכתך בדרך ג"כ באופנא הנ"ל.

הנה לפי דברי הזוהר מלת ודברת בם הוא לשון הנהגה, כמו בלשון ארמית וינהג את הצאן (שמות ג׳) ת״א ודבר ית ענא, וכן בלשון חז״ל דבר אחד לדור (סנהדרין ח׳), ואפילו בלה״ק יש הוראה כזאת, ידבר עמים תחתינו (תהלים מ״ז), ובא הכתוב להזהיר את האב שיתנהג לפי חוקי התורה בכל מעשיו ובכל דרכיו כדי שילמדו בניו וב״ב ממנו.

ואין זה דוחק לפרש מלת „ודברת" מלשון הנהגה, כי הרבה פעמים יפעלו וידברו יותר המעשים מהדברים (עיין בספר עקידה שער כ״ח פ׳ וישב), ומטעם זה סמך הדברים „ושננתם לבניך", כלומר באופן זה תצליח לשנן להם שיהיו כמוך.

והנה כל איש ישראל אשר ברכו ד׳ בבן זכר, וגם קיים המצוה להכניסו וכו׳ מברכים אותו העומדים שם „כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה", כמו בברית אם האב יכול למול, אזי החיוב עליו, ואם לא עושה שליח, כן הדין בלימוד תורה לבניו, וכמו בברית הלא העיקרים עיקר קיום המצוה, כן בלימוד, העיקר הוא הקיום.

אבל הקב״ה בידעו את חלישות האדם, ברא בעדו אשה עזר, שהיא תהי׳ לו לעזר בכל הדברים, וכדברי שלמה המלך, מצא אשה מצא טוב ויפק רצון מה׳ (משלי י״ח), מלת „ויפק" כוונתה „הוצאה לפועל" (פארווירקליכן) וכן זממו אל תפק (תהלים ק״מ) ויעץ לנו שהע״ה כי ע״י אשה טובה יכול האדם להוציא לפועל מעשיו הטובים.

ולכן מקדים החופה קודם המעשים טובים, ומסיים כן יכנס לתורה, לחופה ולמעשים טובים. (תב״נ)

סמיכת הפרשיות

אשה כי תזריע וילדה וגו׳ (י״ב ב׳)

די סמיכות פון פ׳ תזריע צו די ענדע פון פ׳ שמיני, קען מען זאָגן על פי מליצה. די פרוי וואָס מאַכט אַן אונטערשייד אין מאכלים, ווי די תורה זאָגט בין החיה אשר תאכל וגו׳, זי ווייס צו אונטערשיידן פון טמא, טהור, כשר, טריף, די יעניקע, באַשטייט איר אייגענע טומאה אין בלויז געציילטע טעג. די פרוי אָבער וואָס ווייס ניט קיין אונטערשייד אין כשר טריפה, איז איר טומאה אין אַלעס, אָן אַן ענדע... (נחלת צבי)

עיניך יונים

וביום השמיני ימול בשר ערלתו (י״ב ג׳)

מען דערציילט אויף ר׳ חיים ברלין זצ״ל, זייענדיק רב אין מאָסקווע, האָט אמאָל זיצנדיק ביי אַ ברית מילה, געהערט, ווי דער בעל ברית דריקט זיך אויס: ביי מיר וואָלט רעכט געווען ניט צו מל׳ן מיין קינד, איך האלט ניט פון דעם, נאָר אז דער קינד וועט אויסוואַקסן, פיליכט וועט ער וועלן זיין אַ איד, זאָל ער קענען...

אויף דעם האָט ר׳ חיים געזאָגט פאָלגענדעס. איצט איז מיר פאַרשטענדלעך די גמרא (ב״ב כ״ג) כל דמדדי וחזי לקיניה מידדי, ואי לא, לא מידדי. טויבן האָבן די נאַטור אַז ווען זיי שפרינגען אַוועק פון זייער נעסט, דערווייטערן זיי זיך אויף אַזאַ שטרעקע פון וואַנען זיי קענען נאָך זען מיט די אויגן זייער נעסט, אָבער ווייטער דערפון שפרינגען זיי ניט. זיי האָבן אינסטינקטיוו מורא, טאָמער וועלן זיי זיך ניט קענען אומקערן צו זייער נעסט.

די זעלבע אייגנשאַפט האָט דאָס אידישע פאָלק. די אידן וועלכע דערווייטערן זיך פון אידישן נעסט, פון דער אידישער היים, פון אידישן גייסט, וועלן אָבער זיך ניט דערווייטערן אַזוי ווייט, אַז זיי זאָלן זיך ניט קענען אומקערן צוריק... און ווי שיין עס קלינגט די רייד פונעם משורר אין שיר השירים: הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים. דו ביסט שיין מיין פאָלק, דיינע אויגן זיינען ווי ביי די טויבן, זיי זיינען געווענדעט צום נעסט, ניט צו פאַרלירן דעם נעסט...

מילה מוז זיין אין דעם אַכטן טאָג

וביום השמיני ימול בשר ערלתו (י״ב ג׳).
ביום אפילו בשבת, ביום ולא בלילה.

אין פלוג באַלאַנגען אָט די הויפט דינים פון מילה, אין פ׳ לך לך, ביים אָריגינעלן פאַרזאָג פון דער מצוה, אָבער ניט דאָ, אין דער פרשה פון נגעים?

דער תירוץ איז, מיר זאָלן ניט מיינען אַז מילה איז דוחה שבת, נאָר ביי די אָבות וואָס זיי האָבן נאָך קיין מצוה פון שבת ניט געהאַט, אָבער ניט ביי די קינדער וואָס האָבן שוין די מצות

שבת, דעריבער האָט מען דאָ באַטאָנט אַז אפילו נאָך קבלת התורה איז אויך מילה דוחה שבת. (אוה"ח)

און בעוה"ר ווי אומווירדיק איז עס, ווען מען איז מדחה מילה אויף זונטיק, צוליב באַקוועמלעכקייט, און צוליב קאָמפּאַני א. אַ. וו.

דער קרבן פון אַ יולדת

ובמלאת ימי טהרה לבן או לבת תביא כבש בן שנתו לעולה (י"ב ו').

וואָס אייגענטלעך האָט אַ יולדת געזינדיקט זי זאָל דאַרפן אַ קרבן? די חז"ל זאָגן אַז דאָס איז צוליב איר שבועה וואָס „קופצת ונשבעת"... נאָך אַ כוונה איז דאָ אין דעם, ווייל „על ג' עבירות נשים מתות בשעת לידתן, על שאינן זהירות בנדה", און מען דערמאָנט דאָס אין הימל דאַן, דאַרף זי דעריבער אַ כפרה, אויף דעם ח"ו... אָדער ענלעך צו דעם... (תולדות יצחק)

דרשה לפרשת תזריע

די נגעים פון דער מענטשהייט

והבגד כי יהיה בו נגע צרעת וגו' (י"ג מ"ז).

אויב דער ענין פון קרבנות איז דאָך אויפגעלערט געוואָרן דורך די ראשונים ווי דער רמב"ם און רמב"ן, און די חכמי הקבלה, איז אָבער דער ענין פון נגעים זייער שווער צו באַגרייפן, און בפרט נגעי בגדים, נגעי בתים. ווי קומט דאָס אַ נגע אויף אַ הויז, אויף אַ בגד? זיי זיינען דאָך ניט קיין לעבעדיקע באַשעפענישן? זיי האָבן דאָך ניט קיין בלוט און נערוון, וואָס זאָלן קראַנק ווערן אָדער פאַרדאַרבן ווערן?

זאָגט טאַקע דער רמב"ן אַז דאָס איז פון די אומנאַטירלעכע דערשיינונגען וואָס דער בורא עולם האָט באַשאַנקען זיין פאָלק ישראל, ווייל אידן זיינען פאַרבונדן מיט ג-ט, און דעם אויבערשטנס גייסט רוט אויף זיי שטענדיק, דאַרפן זיי זיין פּערפעקט גייסטיק און קערפּערלעך, און ווען זיי טוען אַ פאַרברעכן קעגן ג-ט, און פאַרדאַרבן זייער שלמות, ציייגט זיך עס אַרויס באַלד אויף זייער קערפּער, קליידונג, אָדער אויפן הויז; זיי זאָלן זען אַז „די שכינה האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי". און דעריבער באַטאָנט דער פסוק „ונתתי נגע צרעת בבית ארץ אחוזתכם" (י"ג ל"ד), דאָס איז אַ

מכה פון ג־ט, אלס א שטראף אויף דער הויז. און דאס האט געקענט פאסירן נאר אין ארץ ישראל, אין דער לאנד וואס איז הייליק, און די שכינה רוט דארט, און דווקא נאך „כיבוש וחילוק" (תורת כהנים), ווייל דאן האבן זיי זיך „באזעצט און באַרואיקט", דאס הייסט גייסטיק פארפולקאמט געווארן.

די חז"ל זאגן אז נגעי בתים קומען אויף „צרות עין", דאס מיינט ענגהערציקייט, ניט פארגינען דעם צווייטן. זיי זאגן אבער גאר ניט וועגן נגעי בגדים.

דער כלי יקר וויל זאגן אז דאס קומט צוליב גסות הרוח, גרויסהאלטונג, גאווה, ווייל שיינע בגדים איז דער גורם צו גאווה, און דעריבער ווערן די בגדים געפלאגט מיט נגעים.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם וויל איך באמערקן, אז אזוי ווי אמאל ווען מיר זיינען געווען דער עם הנבחר איז אונז געקומען אלס א שטראף פאר שלעכטע מדות, אויסערנאטירלעכע אין דער פארם פון נגעים, אויפן קערפער, הייזער, און בגדים — זעען מיר איצט ווי די גאנצע מענטשהייט וואס דארף אויסגעלייטערט ווערן פאר איר פארדארבנקייט איז געשטראפט געווארן מיט אן א שיעור קראנקייטן, וועלכע די פיזישע מעדיצין איז ניט אימשטאנד צו פארשטיין, זייער אנטשטעאונג, אורזאך און קוראציע, ביז וואנען די פארשונג האט זיך דערגריבלט צו פארשטיין זייער כאראקטער און אורשפרונג, און פיל מחלות וואס איז ביז איצט געווען אומפאר־שטענדלעך איז איצט געווארן פארשטענדלעך און קלאר. צב"ש, די מאגן געשווירן (אלסערס) אנטשטייען הויפטזעכלעך, דורך כעס, אויפ־רעגונג, אומצופרידנקייט און יאגעניש (ד"ר אלווארעז, מאיא קליניק). נאך פארשידענע קערפערלעכע קראנקייטן, וועלכע די פיזישע מעדיצין קען נאך איצט אויך ניט פארשטיין, קומט לעצטנס די פסיכאלאגישע וויסנשאפט און דעקט אויף זייער אורערשטע אורזאך, און ווי אזוי צו קורירן זיי (סייקיק טראומא).

מיר זעען אלזא ווי ווייט דער קערפער איז ענג צוזאמענגעבונדן מיט די כחות הנפש און ווי שטארק די לעצטע באווירקן אויפן גוף, צום גוטן און צום שלעכטן.

יע, די נגעים, קראנקייטן און פלאגן פון דער היינטיקער מאדערנער צייט מערן זיך אומצאליק. די השגחה עליונה האט געעפנט א טירל (פתח כחודו של מחט) פאר די וויסנשאפט צו דערגרונטעווען

די סיבות פון זיי, וועלכע זיינען מערסטנס די פאָלגן פון מדות רעות, פאַרדאַרבענער לעבנס שטייגער, דעגענערירטע אַטמאָספערע, א. אַ. וו.

אונזערע נביאים, חכמים, האָבן דאָס געוואוסט דורך זייער נבואה און הייליקע חכמה — די מענטשהייט דערוויסט זיך עס ערשט, נאָך שווערע שרעקלעכע ליידן און יסורים. יחידים און פעלקער ליידן דאָס זעלבע, די צעשפליטערונג פון דער וועלט איז אויך אַ קראַנקייט, קנאה, גאווה, פוסטער כבוד, זיינען די סיבות.

ביז וואַנען די מענטשהייט וועט ניט לערנען פון אונזער תורה, נבואה און חכמה, דעם אמת'ן וועג פון לעבן, וועלן די פרשיות פון נגעים און מצורעים זיך ניט ענדיקן...

דרישה לפ' מצורע

מצורע

טהרת המשפחה

והדוה בנדתה (ט"ו ל"ג).

תניא זקנים הראשונים היו אומרים, והדוה בנדתה שלא תכחול ולא תפקוס ולא תתקשט בבגדי צבעונין, עד שבא ר"ע ולימד, א"כ אתה מגנה אותה לבעלה, ונמצא בעלה מגרשה, אלא מה אני מקיים והדוה בנדתה, בנדתה תהא עד שתבוא במים (שבת ס"ד).

דער ענין פון נדה און טהרת מקוה וועלכע איז ביי אידן פון די האַרבע מצוות, און וועלכע זיינען זייער אָפּגעהיט געוואָרן, איז איצט ליידער, צו אונזער גרויסן בזיון, זייער צעבראָכן געוואָרן. די אורזאַך איז ניט פוילקייט, אָדער ניט גענוג אינטערעס אין אידישע דינים, נאָר פשוט גראָבקייט און ווידערשפעניקייט.

אַט דער אידישער ריינער פאַמיליען לעבן, וואָס איז געווען אונזער מאָראַלישע שיינקייט פאַר הונדערטער דורות, איז איצט אויסגעלאַכט און באַשפיגן געוואָרן. עס איז ניט עם־הארצות בלויז, אָפּילו ניט קיין תאוה־עראַטיק, נאָר שפאָט און קעגנערשאַפט זיינען די הויפּט סיבות פון דער מאָראַלישער געפאַלנקייט.

זיי קענען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס גראַדע אַ מקוה איז מטהר? אַט דאָס און ענלעכע פראַזן ענטפערן זיי ווען מען פאָדערט זיי

אויף וועגן דער מצוה. עס קומט אויס אז אלץ פארשטייען זיי יע, נאר בלויז אט דאס פעלט זיי צו וויסן...

נו און די מצות מילה פארשטייט מען דען? און דאך ווערט דאס אפגעהיט אפילו ביי די יעניקע עברינים וואס טהרת המשפחה שטויסן זיי אוועק.

ווען א דאקטאר ארדערט א חולה פארשידענע וואסערן צו זיין רעמאטיזם אדער הויט קראנקייט, כאטש די מעדיצין איז א ווייטער צווייפל ביים דאקטאר אליין, און דאך טוט מען דאס, אבער די אידישע תורה איז ביי זיי מינדערווערטיק.

איר הערט אבער אמאל, פון די בעסערע פון זיי, אן אנדער טענה, אז די מקוה איז ניט ריין און סאניטאריש גענוג.
אט די יעניקע ווילן מיר פרעגן, פארוואס פארטראכטן זיי זיך ניט ווען זיי גייען זיך באדן אין א „סווימינג פול" וואו מאנכע מאל הונדערטער מענטשן באדן זיך טעגלעך, פיליכט איז דער „פול" אנגעפילט מיט מיקראבן פון אנשטעקנדיקע קראנקייטן?...

אינטערעסאנט איז דערביי צו איבערגעבן פאר די לייענער וואס עס האט מיר דערציילט דער באוואוסטער מעדיצינער דער ליבנסווירדיקער דאקטאר יעקב סמיטליין, וואס האט פיל געפארשט אויף דעם געביט.

ער האט איינמאל געוואלט זיך איבערצייגן אויף וויפל עס איז דא ריינקייט אין א מקוה, און דאס גלייכן אין א „פול". איז ער אוועק אין אן איסט סייד מקוה, אנגעשעפט א פלעשל וואסער, און דאן געגאנגען צו א פול אין קאני איילאנד, און אויך גענומען דאס זעלבע, פארזיגלט די 2 פלעשלעך וואסער און אוועקגעשיקט צו די „באארד אף העלט" צו אנאליזירן דעם מיקראבישן קאנטענט פוןביידע. דער אנאליטישער באריכט פון דארט איז געווען: אז די וואסער פון „סווימינג פול" אנהאלטן זייער פיל מערער באקטעריעס פון די מקוה וואסער, און דערצו פון אן אנשטעקנדיקן כאראקטער...

מיין פאטער ז"ל וועלכער איז געווען א יוצא ונכנס ביי ר' יצחק אלחנן קאוונער רב זצ"ל, אין הויז, האט דערציילט אז צום רב איז געווען א מקורב און אן אורח הגון, דער באוואוסטער קאוונער דאקטאר פיינבערג. אפילו אין א וויכטיקן תורה געשפרעך מיט רבנים פלעגט דער רב בעטן מחילה, און מפסיק זיין צו

אויפנעמען דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט דעם רב שטענדיק געהאָלפן אין חיזוק היהדות.

מאַנכע רבנים האָבן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס טוט ר׳ יצחק אלחנן אַזוי. איינמאָל האָט זיי דער רב דערקלערט דעם טעם דערפון.

הערט זיך איין וואָס דאָקטאָר פיינבערג האָט אויפגעטאָן פאַר אידישקייט. די משכילים דאָ אין שטאָט זוכן צו פאַרלוימדן די מקואות אַז זיי זיינען ניט ריין און ניט סאַניטאַריש. דאָ אין דער שטאָטישער רעגירונג האָבן זיי ניט געקענט גאַרניט פועל׳ן. האָט איינער פון זיי פאַר׳מסר׳ט אין פעטערבורג, און עס איז געקומען אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכן דעם צושטאַנד. נו עס איז דאָך ניטאָ קיין מאָס און מאַסשטאַב ווי עס דאַרף זיין די ריינקייט, און עס ווענדט זיך אָן דעם ווילן פון דעם אונטערזוכער און זיין ערלעכקייט. איך האָב זיך געווענדעט צו מיין פריינט ד״ר פיינבערג וואָס איז געאַכטעט אויך ביי דער „גאָווערמענט״ אין קאָוונע, ער זאָל טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך צו פאַרמיידן דאָס שליסן די מקואות. דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר דער קאָמיסיע, און האָט פאַרגעלייגט זיין הילף ביים אונטערזוכן, און איז נאָכגעפאָרן אין זיין רייך־געפּוצטע קאַרעטע מיט זיי צוזאַמען. שטייענדיק לעבן דער מקוה, האָט ער אַרויסגענומען אַ גאָלדן מיט דימענטן־באַזעצטן בעכער, האָט אָנגעשעפּט אַ פולן בעכער מקוה וואַסער און אויסגעטרונקן אין גאַנצן פאַר זיי אין די אויגן. דאָס האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן איינדרוק, אַז זיי האָבן זיך מער ניט געגריבלט, זאָגנדיק, עס איז גוט גענוג, און האָבן אונטערגעשריבן אַ גוטע מיינונג...

מיט יאָרן פריער איז טהרת המשפחה ניט געווען קיין פּראָבלעם, ווייל די גרעסטע מערהייט האָבן עס אָפּגעהיט בכל חומר הדין. בלויז געציילטע אין גרויסע שטעט זיינען געווען עברינים. מען זאָגט איבער פון מינסקער מגיד ר׳ בנימין, אַז ער האָט פון דער בימה גע׳מוסר׳ט אָט די אויסנאַמען: „די וועלט זאָגט, אַ וואַסער אָן פיש, עס פּאַסירט אָבער אַמאָל פיש אָן וואַסער, ווייסט איר ווי מען רופט אָן אָט די פישעלעך? כרת׳לעך!...״

און פיליכט איז דאָס די אורזאַך וואָס דער יוגנט איז אַזוי אומגעצאַמט, חוצפה׳דיק און פאַרפרעמדט, דער סאַמע געבאָרן פון אַ אידן דאַרף זיין על פי מצות התורה, און דעריבער איז שווער

צו דערוואַרטן פון אַזעלכע אידעלעך זיי זאָלן גרויסערהייט זיין גוטע תורה-טרייע אידן.

מנהג ישראל תורה

ביי אידן האָט מען שטענדיק מדקדק געווען אויף אַ מנהג צו אָפּהיטן אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ דין.

אין אַלטן פּינקס פון דער שטאָט קראָקע, ווערט באַשריבן אַז ווען דער רמ״א איז דאָרט אָנגעקומען פאַרן הויפּט רב, האָט דאָרטן געהערשט אַ מנהג אַז ווען אַן אשה איז געגאַנגען טבילה, האָט דער בעדער אָפּגעגעבן אויפמאָרגן דעם מאַן מזל טוב. דער רמ״א האָט דאָס געהערט, און ער האָט דאָס מיט פאַרדרוס אָנגערופן אַ מנהג עם הארצות, און ניט אין איינקלאַנג מיט אידישע צניעות, און ער האָט אָנגעזאָגט דעם בעדער מער ניט צו פירן זיך אַזוי.

איינמאָל באַגעגנט איין בעל-בית דעם בעדער און פרעגט אים, מיט פאַראיבל, בין איך ביי דיר ניט קיין חשוב׳ער בע״ב, וואָס דו גיסט מיר ניט אָפּ מזל טוב? פאַרענטפערט זיך דער בעדער, ערשטנס האָט מיר דער נייער רב אָנגעזאָגט, מער דאָס ניט צו טאָן, צווייטנס, אייער פרוי איז גאָר נעכטן ניט געווען צו טבילה... דער בע״ב איז געוואָרן דערשראָקן, און איז אַוועק צום רמ״א מיט אַ געוואַלד: רבי וואָס האָט איר דאָס געטאָן, מיין פרוי האָט צוליב אייער מבטל מאַכן די אַלטע תקנה, מיר אָפּגענאַרט, זי איז ניט געגאַנגען טבילה זייענדיק זיכער אַז איך וועל זיך ניט דער-וויסן...

דער רמ״א איז געוואָרן אַזוי דערשראָקן און פאַרביטערט. — וואָס האָב איך געטאָן? האָט ער געוויינט מיט טרערן. דאָס לערנט אונז ווי ווייט הייליק איז אַ מנהג ישראל, אפילו אַזאַ ניט איידעלער מנהג, האָט דאָס אויך פאַרמאָגט הייליקייט. און אַלס תשובת המשקל האָט ער גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו אויפקלייבן אַלע מנהגי ישראל, און אַרויסגעבן זיי צוזאַמען מיט די הלכות וואָס ער האָט געדרוקט. (שובה ישראל)

תורה איז אַלץ

זאת תהי׳ תורת המצורע וגו׳ (י״ד ב׳).

די תורה אונזערע נעמט אַרום אַלע פאַזן פון לעבן, סיי די רעליגיעזע סיי די קערפּערלעכע. דער קערפּער דאַרף אָפּגעהיט ווערן

לויט די פאַרשריפטן פון דער תורה און אירע געזעצן ער זאָל זיין געזונט. די תורה איז אַ לעבנסוועג, „דרך חיים", וואָס דרינגט אריין אין אַלע דעטאַלן פון לעבן.

תורה איז ניט דער זעלבער באַגריף ווי רעליגיע ביי גויים! ביי זיי האָט די רעליגיע צו טאָן נאָר בלויז מיט די גייסטיקע זייט פון לעבן. ביי אידן איז תורה אַלץ אומפאַסנד, און ווען איינער היט ניט אָפּ זיין קערפּער ווי געהעריק און שטעלט אים אויס צו געפאַר, אָדער ער פייניקט אים, אויף דעם זאָגט די תורה „ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש".

דער מנהיג דאַרף גיין צום פאָלק

ויצא הכהן אל מחוץ למחנה, וראה הכהן (י״ד ג׳).

אַמאָליקע יאָרן פלעגט אַ מנהיג ביי אידן זיין טריי איבערגעגעבן צום פאָלק, און מיט דער נשמה פיבער זיך אינטערעסירן מיט דעם מצב פון דאָס פאָלק. פלעגט אַליין גיין צום פאָלק, צו זיי אין די הייזער, און מיט די אויגן זען אַליין די פעלערן, און זוכן אויסצובעסערן זיי.

דעריבער געפינען מיר ביי שמואל הנביא, וואָס מען האָט אים גערופן „רואה" — „והלך מדי שנה בשנה וסבב בית אל", איז אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז אום צו זען אַלץ מיט די אויגן.

היינטיקע צייטן באַנוגענט מען זיך מיט „נביאות", ניב שפתים, בלויז לעקטשורס, רעדעס...

דער אַמאָליקער וועג איז געווען „ויצא הכהן", „וראה הכהן", צו זען אַליין, קומען אין קאָנטאַקט, זיך איבערצייגן און העלפן... (תשבי)

צרעת קומט אַלס אַ שטראָף פאַר צושליסן די האַנט צו צדקה

ואם דל הוא ואין ידו משגת (י״ד כ״א).

דער דין איז, אַ מצורע עשיר האָט געבראַכט אַ קרבן עני איז ער ניט יוצא, כאָטש ביי אַנדערע פאַלן איז ער יע יוצא בדיעבד.

פרעגט זיך פאַרוואָס איז ביי מצורע אַנדערש?

— די חז״ל זאָגן אַז נגעים קומען אַלס אַ שטראָף פאַר צרת עין, דאָס הייסט קאַרגשאַפט צו צדקה (ערכין ט״ז), איז דעריבער

אויב אַ מצורע אַ רייכער ברענגט דעם קרבן פון אַן אָרעמאַן ציינגט ער דאָך אַז ער איז נאָך ניט אויסגעהיילט געוואָרן פון זיין קאַרגשאַפט, טאַ וואָס קען שוין העלפן אַזאַ קרבן?...

אַ תּלמיד חכם וואָס לערנט ווייניק איז עס ווי אַ קרבן עני

אַ לערנער קען זיך ניט אָפּפּטר'ן מיט בלויז קביעת עתים לתורה, מיט דעם אויסרייד, וואָס אַנדערע לערנען גאָרניט, ווייל יענע זיינען דאָך אָרעמע לייט נעבעך אין תורה, אין דעת, אָבער אַ למדן איז דאָך אין דעם זינען פון אַן עשיר, און אַן עשיר איז ניט יוצא מיט אַ קרבן עני... (דער חפץ חיים זצ"ל)

דעם ווילנער גאון'ס ווערטער צו זיין שוועסטער וועגן תורה לערנען

זיין שוועסטער איז אַמאָל געקומען קיין ווילנע באַזוכן איר ברודער. זי האָט געגאַרט צו ריידן מיט אים וועגן פאַמיליע און ריידן מיט אים וואָס לענגער. אָבער דער גאון האָט איר אונטער־געבראָכן, נאָכדעם ווי ער האָט געפרעגט וועגן איר געזונט און איר פאַמיליע. מיין שוועסטער דו זעסט מיין באָרד ווי גראָ ווייס זי איז שוין, איז דעריבער קיין צייט ניטאָ צו ריידן, איך הייל זיך צו **לערנען**.

— סטייטש מיין ברודער, איך בין דאָך געקומען פון ווייט?

האָב קיין פאָראיבל ניט שוועסטער, איז געוועזן זיין ענטפער, דאָרטן אויף יענעם עולם, וועל איך האָבן צייט מער מיט דיר צו ריידן, דאָ אָבער איז אַ קורצער יאָריד, און מען דאַרף איינקויפן וואָס מערער...

צווייערליי אָרעמע לייט

ואם דל הוא, ואין ידו משגת (י"ד כ"א).

די מפרשים זוכן דאָ צו דערקלערן דעם כפל לשון, עס איז דאָך איינס און דאָס זעלבע?

על פי צחות האָב איך געזאָגט, „ואם דל הוא" מיינט פשוט, אַן אמת'ער אָרעמאַן. „ואין ידו משגת" מיינט, אַז ער איז מאַטעריעליש

ניט קיין אָרעמאַן, נאָר ער איז אָבער אַזוי געבונדן ביי זיין קאַרגע נאַטור, אַז זיין האַנט דערגרייכט ניט צו זיין קעשענע, די האַרץ לאָזט ניט... איז ער דעריבער נעבעך אויך אַן אָרעמאַן...

ניט ריידן דרייסט אין לומדות

בנגע נראה לי בבית (י״ד ל״ה).

די חז״ל באַמערקן: וואָרום ניט דער לשון „נגע״, נאָר „כנגע״, אַזוי ווי אַ נגע, דאָס הייסט צווייפלהאַפט? — דאָס לערנט אונז, אַז אַפילו ער איז אַ תלמיד חכם, זאָל ער ניט ריידן דרייסט, זיכער ביי זיך, נאָר דער אויסשפּראַך זאָל זיין „פּילייכט״, „אומגעפער״, אַלץ אין אַ באַשיידענער פאָרם... (ת״כ)

אידיש געלט

ולא יטמא כל אשר בבית (י״ד ל״ו).

די חז״ל באַמערקן אַזוי, אויף וועלכע כלים האָט די תורה חס געוועזן? אויב כלי שטף? קען מען דאָך טובל זיין. עסנוואַרג, קען מען דאָך עסן בימי טומאה. נאָר עס מיינט כלי חרס, ליימענע כלים, די וועלכע זייערע ווערדע איז דאָך זייער נישטיק און דאָך „התורה חסה על ממון ישראל״.

מיר לערנען דערפון די תורה-פּרינציפּן בנוגע אידיש געלט. כאָטש מיר זעען פיל מאָל דאָס פאַרקערטע, אַז געלט פאַרנעמט אַ קליינעם אָרט אין אידישן דענקען. נאָר עס ווענט זיך ווען און וואָס. יעקב אָבינו האָט זיך אומגעקערט אין מיטן וועג, און ביינאַכט, צוליב „פּכים קטנים״, דאָס מיינט געגומען אַ ריזיקע, און דאַקעגן געפינען מיר פאַרקערט, ווען אליפז האָט דעריאָגט יעקב׳ן, האָט יעקב זיך ניט איינגעשטעלט קעגן, און האָט אים אָפּגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט.

און אַזוי איז דער ריכטיקער וועג. ווען סכנות נפשות, אָדער הצלת נפשות איז פאַרוויקלט, דאַן האָט געלט קיין ווערדע ניט, ווען אָבער עס איז נאָרמאַלע אומשטענדן, דאַן דאַרף יעדער איד אָפּשאַצן די חשיבות אַפילו פון אַ פּרוטה. אַט אַזוי האָבן זיך אידן געפירט די גאַנצע צייט פון גלות, און דאָס האָט זיי פיל אַרויסגעהאָלפן...

טומאת הנדה און טומאת מת

והדוה בנדתה (ט״ו ל״ג).

כטומאת הנדה היתה דרכם לפני (יחזקאל ל״ו).

מען באמערקט דאָ, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק ניט דעם פאַרגלייך צו טומאת מת? וואָס עפּעס דוקא טומאה פון אַ נדה. איז דער תירוץ, אַז טומאה פון אַ מת, טאָר קיין כהן ניט אַריינגיין אין הויז וואו די טומאה געפינט זיך, אָבער טומאה פון אַ נדה מעג אַ כהן אַריינגיין אין הויז. דער נמשל איז, אַז די זינד פון אידן איז געגליכן צו טומאה פון אַ נדה, וואָס דער רבונו של עולם דערווייטערט זיך ניט פון זיי, אַפילו אין זייער טומאה, און די שכינה רוט ביי אידן אַלעמאָל, אַפילו ווען אידן געפינען זיך ביי גויים אין דער טומאה, ווי דער פסוק זאָגט, „השוכן אתם בתוך טומאותם״. — אַ נדה ווערט דאָך שפּעטער ריין, און דאָס זעלבע אידן, וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם...

אחרי

תורת המשפחה בישראל

אל תטמאו בכל אלה כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם, ותטמא הארץ ואפקד עונה עליה ותקיא הארץ את יושבי׳ (ויקרא י״ח, כ״ד) עיין רש״י שם משל לבן מלך וכו׳.

וירא ישראל את בני יוסף, ויאמר מי אלה, ויאמר יוסף אל אביו בני הם אשר נתן לי אלקים בזה, ויאמר קחם נא אלי ואברכם (בראשית מ״ח ח׳ ט׳).

וירא ישראל, בקש לברכם, ונסתלקה שכינה ממנו, לפי שעתיד ירבעם ואחאב לצאת מאפרים ויהוא ובניו ממנשה; ויאמר מי אלה, מהיכן יצאו אלה שאינן ראוין לברכה; אשר נתן לי אלקים „בזה״, הראה לו שטר אירוסין ושטר כתובה (רש״י).

יש לדייק בזה, ראשית אין מובן דברי רש״י שהראהו שטרי אירוסין וכתובה, מה מועיל זה, אם הבנים אינם ראויים לברכה מפני הדורות הרעים שעתיד לצאת מהם? והשנית, הלא מצינו בחז״ל הנחה אחרת לגמרי, כי בפסוק וישמע ד׳ אל קול הנער באשר הוא שם (בראשית כ״א י״ז) לפי מעשיו של עכשיו הוא נדון, ולא לפי מה שהוא עתיד לעשות, לפי שהיו מלאכי השרת

מקטרגים ואומרים רבש"ע מי שעתיד זרעו להמית בניך בצמא אתה מעלה לו באר? וכו' (ראש השנה ט"ז, רש"י שם).

ברם גם הנחה זאת נסתרת לכאורה מגופי תורה בעצמם, בענין בן סורר ומורה, דנים אותו דוקא על שם סופו, לא מפני של עתה שאכל תרטימר בשר ולוג יין, אלא יען שהוא מתרגל בילדותו במותרות כאלה, מי יערב לכשיגדל אם לא ישיג זה בהיתר לא ילך וילסטם את הבריות, ולכן התחשבה התורה עם העתיד להיות. סתירה זו מובאת במהרש"א בשם הרא"מ ומתרץ שם עפ"י דרכו.

והנה כדי להשלים את שני המשפטים אלה הנראים כסותרים איש את חבירו, נקדים בזה מה שלמדו אותנו חכמי המוסר בעניני כחות הנפש באדם, מן השאלות ששאלו אנשי אלכסנדריא את רבי יהושע בן חנניא, היתה אחת, כתוב אחד אומר כי לא אחפוץ במת המת (יחזקאל י"ח) וכתוב אחד אומר כי חפץ ד' להמיתם (שמואל א' ב') כאן בעושין תשובה, וכאן באין עושין תשובה (נדה ע' ע"ב).

הגאון רי"ם מאריך בדברי חז"ל אלה, ומסיק לבאר כן, וז"ל הזהב „כן גם ענין עושין תשובה ואין עושין תשובה, הוא עפ"י בחינת ידיעה שכלית, אם האדם עפ"י ידיעה שכלית מוכשר לתשובה, אזי הקב"ה מאריך אפו וממתין על תשובתו וחי, ואם ע"פ ידיעה שכלית אינו מוכשר לתשובה (אם כי עפ"י בחירתו יכול לעשות תשובה) אזי חפץ ד' להמיתו אם לא יהי' להאדם זכות מכריע לחיים, ומה הוא היסוד שיהי' האדם מוכשר לתשובה, הוא ההרגש, שיהי' חי מרגיש בחסרונו, ואז התקוה שיתעורר לתשובה, אבל אם אין הרגש, התשובה מאין תולד" (אבן ישראל).

לפי הסבר הזה, כוונתו לפרש „כאן בעושין תשובה" היינו שהוא מוכשר לתשובה, עפ"י ידיעה שכלית כי עדיין נשאר ההרגש בקרבו להתפעל ולהתעורר ע"י עצמו או ע"י אחר שמוכיחו, „וכאן באין עושין תשובה" כוונתו, שאבד ההרגש, ואינו מתפעל מתוכחת זולתו, וגם בעצמו אין לו שום תחי' להתעוררות, ז"א כאבן דומם, ולזה אין תקוה שתבוא איזה סיבה להנטותו לתשובה.

ולאחר החידור והעיון גם לשון הגמרא מסייע לפירוש הזה, כי לכאורה אין מובן „באין עושין תשובה" שהוא לשון הוה, מדוע נגמר דין שמים עליו, הלא ב„עמוד ושוב קאי", ויחכו עד אשר יעשה תשובה? אבל לפי פירושו הגאונית מובנים הדברים...

והנה בענין בן סורר ומורה, דרשו חז"ל למה נסמכה לפרשת יפת תואר לומר לך שכל הנושא יפ"ת יהי' לו בן סורר ומורה (סנהדרין ק"ז).

בזה הראו לנו חז"ל כי יפת תואר, זהו נישואין שהתירו בקושי ודוקא בשעת חירום מפני כי נגד יצה"ר דברה תורה, אבל איננה לפי רוח התורה, ודעת הכמים אינה נוחה הימנו, ולכן אין בהם שום קדושה כנישואי ישראל ע"י חופה וקידושין, ובן הנולד מביאה כזו אם כי כשר הוא על פי דין תורה אבל הורתו ולידתו אינה עפ"י רוח התורה וטהרת ישראל, אלא רוח העמים נודף הימנו... וממילא אין לו לבן כזה חזקת כשרות וטהרת הזיווג שנאמר עליו שנדון אותו כמעשיו של עכשיו, ואדרבה מקורו אינו טהור, לכן אם התחיל מעט מזעיר על דרך לא טוב, אנו כמעט בטוחים כי ישתרש בחטא ויגדיל פשע על עון, ולכן מובן שנדונוהו על שם סופו, ולמדרגת תשובה לא יגיע כפי שהסביר הגרי"ם הגמ' „באין עושין תשובה", והוא בבחינת אלה שאינם מסוגלים לתשובה... אבל אצל ישמעאל אם כי הי' אחרי כן נער פרא הולך על דרך לא טוב, אבל הורתו ולידתו הוא מפילגש שיש לה קידושין, ובן אברהם הנהו, ולכן אנו דנין אותו רק לפי מעשיו של עכשיו, ולא של העתיד שלו ולא של הדורות יוצאי חלציו, כי הוא במדרגת „עושין תשובה" ויש לו גם בחירה חפשית לבחור בטוב, ועפ"י ידיעה שכלית הוא מוכשר לתשובה.

עם כל האמור נקל להבין הרש"י שהתחלנו, כשראה יעקב את העתיד היוצא מן אפרים ומנשה „נסתלקה ממנו שכינה" ואמר בבהלה „מי אלה" שאינם ראוים לברכה? כי יעקב אבינו חשב שמסתמא הם בנים של אשה זרה לא עפ"י דת ישראל, ובאלה מן הנכון להתחשב עם העתיד שלהם או של יוצאי חלציהם, ואת זה הבין יוסף, ואמר ליעקב „בני הם אשר נתן לי אלקים בזה", שהראהו שטרי אירוסין וכתובה, זאת אומרת מנישואין טהורים וכשרים, ובאלה דנים אותם לפי מעשיהם של עכשיו, ולכן הם ראויים לברכה.

צא ולמד מזה כמה גדול כחה של טהרת המשפחה בישראל, ולאו דוקא טהרת המשפחה במובן הידוע אלא גם תורת המשפחה, זאת אומרת כל דיני עריות שבתורה ושניות לעריות, וכל עניני נישואין האסורים מפני קרבות משפחה, זיקת יבום וחליצות. חיי המשפחה הטהורים היו הגורמים לחיי האחדות האידיאליים ואחדות הדעות גם כן.

אבל מעת שנהרסה טהרת ותורת המשפחה נהרס ונשבר בית ישראל לרסיסים, אנדרלמוסיא בא לעולם, אין אהבה ואין כבוד, אין חבה ואין יראה, אין שלום ואין שלוה, נתרבו המחלוקת, גדלו המריבות, הנער ירהב בזקן, וחוצפא יסגי, וכל אלה באו מפני שסרו מדרך התורה, שעשתה אותנו לעם קדוש, וכיון שסרו אפילו מעט, הלכו מדחי אל דחי ונתקיים „וסרתם ועבדתם א׳ אחרים" — אם אך יש הסרה מקצת מדרך התורה, אז יש במציאות גם לעבוד ע"ז.

וכמה גדולים נאמנים ואמיתים דברי התורה „כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם". לכו קוראים ועיינו בדברי הגאון מלבי"ם על הפסוקים הנזכרים וזה לשונו, אם הי׳ אומר בכל אלה נטמאו הגוים, הייתי מפרש על המצריים, כי גם הם נטמאו בכל הטומאות האלה, לכן הוסיף אשר אני משלח מפניכם, להודיע שמדבר מן הכנענים, כי ארץ מצרים לא קאה את יושבי׳, רק ארץ כנען לבד. ותטמא הארץ, כי יען שהיא ארץ קדושה מקבלת טומאה מדברים האלה, מה שאין כן ארץ מצרים שהיא ארץ טמאה ואין דברים אלו מזיקים לה, כי היא ערות הארץ.

הגאון החכם הנ"ל שהפליא בשעתו את עולם התורה בחריפותו׳ שחשבוהו אז ליחיד בדורו, מבאר בדבריו הקצרים אלה את חומר ענין העריות בשעה שעוברים עליהם בארץ הקודש, ובא להשלים את דברי רבנו רש"י על הדברים „ותקיא הארץ" שאינו נמצא סגנון חריף כזה אפילו בשני התוכחות, ומדוע? התשובה על זה היא, יען שא"י היא ארץ קדושה, פלטין של מלך, שאינו סובלת טומאה, ומקיאה את המטמאים אותה.

לכו נא ונוכחה, הביטו אל צור חוצבתם... ולכן ביותר צריך זירוז ומאמץ בארץ ישראל, וד"ל.

מיט מפרנס זיין פאַמיליע, קען מען ניט יוצא זיין מצות צדקה

ואל יבוא בכל עת אל הקודש (ט"ז ב׳).

די גמרא זאָגט אויפן פסוק „עושה צדקה בכל עת" זהו המפרנס אשתו ובניו (כתובות נ׳). זאָל אַ מענטש ניט ווען זיך אָפּפטר׳ן מיט דעם אַלס אַ צדקה, ווייל דאָס איז ניט מקדש זיין נשמה, אָט דאָס מיינט על פי הצחות „ואל יבוא בכל עת אל הקודש", מיט דער צדקה פון „עת"... נאָר ער זאָל געבן צדקה טאַקע צו פרעמדע... (גנזי יוסף)

דער אַפּטער רב קלייבט אויס אַן אכסניא

השוכן אתם בתוך טמאתם (ט״ז ט״ז).

אפילו בשעה שהם טמאים שכינה עמהם (יומא נ״ו ב׳).

דער אַפּטער רב (אוהב ישראל) איז אַמאָל געפאָרן אין אַ געוויסע שטאָט. די חסידים האָבן צוגעגרייט צוויי גביר׳ישע אכסניות פאַרן רבי׳ן. ביידע זיינען געווען פיינע כשר׳ע אידישע הייזער, און אויך ביידע זיינען געווען גרויסע מיט קאמפארט, נאָר אויף איינעם איז אַרויס אַ קלאַנג אַז דער בעל הבית איז ניט אָפּגעהיט אין ענינים פון אשות, און דעריבער איז ער געווען געפאַלן ביי זיך, און גוטמוטיק, דער צווייטער איז אָבער געווען גאוה׳דיק. די ברירה וואו צו איינשטיין האָט מען איבערגעלאָזן דעם רבי׳ן. דער אַפּטער האָט אויסגעקליבן צו איינשטיין ביי דעם יעניקן וואָס מען האָט אויף אים גערעדט...

אַז מען האָט דעם רבי׳ן געפרעגט דעם טעם פון זיין אויסוואַל, האָט ער דערקלערט אַזוי, דער בעל גאווה אויב ער איז טאַקע ריין פון זינד, אָבער דורך זיין גאוה פאַרטרייבט ער דעם רבש״ע, ווי דער לשון הגמרא, אין אני והוא יכולים לדור בעולם (סוטה ח׳), און אויב דער רבש״ע קען ניט איינשטיין ביי אים, קען איך אודאי ניט... אָבער דער צווייטער, אָבוואָל מען רעדט אויף אים, איז אָבער מפורש געשריבן אין דער תורה, אני ד׳ השוכן אתם בתוך טומאותם, און אויב דער רבש״ע פאַסט דאָרט צו שטיין, קען איך אויך דאָרט איינשטיין...

מען מוז אַליין תשובה טאָן

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתם וגו׳ (ט״ז ל׳).

אין פריערדיקע פסוקים ווערט דערמאָנט די עבודה פון כהן גדול, דערביי זאָגט די תורה, וכפר בעדו ובעד העם (כ״ד). האָט דאָך שוין דער כהן גדול געבראַכט כפרה און סליחה פאַרן כלל, טאָ צו וואָס דער תענית אז״ון?

דער תירוץ איז אַזוי: דער כהן גדול האָט דורך דער עבודה בלויז פאַרקלענערט דעם פאַרברעכן, און געבראַכט זיי צו דער מדרגה פון זיין געגרייט צו תשובה און סליחה, אָבער מען מוז אַליין טאָן תשובה, וידוי און תענית, און „לפני ד׳ תטהרו“. (ספורנו)

גיב אַריין לעבן אין דער מצוה

ושמרתם את חקתי ואת משפטי אשר יעשה אותם האדם וחי בהם (י״ח ה׳).

אַלע מצוות פון דער תורה זיינען ניט ווי עס געהער צו זיין, אויב זיי ווערן געטאָן אָן נשמה, אין דער בחינה פון „מצות אנשים מלומדה״ — ניין, עס טויג אַזוי ניט, די מצוות וואַרטן אויף די מענטשן אַז זיי זאָלן אַריינגעבן אין זיי לעבן, חיות, נשמה. דער מענטש דאַרף זיין וואַכעדיק און לעבעדיק מיט זיין גאַנצן וועזן, ווען ער איז מקיים די מצוה, אָבער ניט אַז די מצוה זאָל אַרויסקומען אַ גוף אָן אַ נשמה, אָן לעבן... וחי בהם, ולא שימות בהן... (ישמח ישראל לאדמו״ר ר׳ ישראל מטשורטקוב ז״ל)

אַ רמז אויף טהרה אום יום כיפור

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם וגו׳ (ט״ז ל׳).

אויף דעם אויסדרוק פון טהרה אום יום כיפור ווערט געזאָגט אַ שיינער רמז, באַזירט אויף דער משנה, ויש במה שנברא ביום הראשון טומאה, בשני אין בו טומאה, בשלישי יש בו טומאה, ברביעי ובחמישי אין בו טומאה (כלים פ׳ י״ז משנה י״ד). און דעריבער פאַלט אוים יום כיפור אין די טעג פון מאָנטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, שבת, און ניט אין די אַנדערע, ווייל אין די אויבנ־דערמאָנטע טעג איז די בריאה געווען אַזעלכע וואָס איז בלויז פון טהרה, און ניט פון מאַטעריאַל וואָס איז מקבל טומאה. יום כיפור איז מטהר, און דעריבער איז זייער שאַרף און אויסדריקלעך באַטאָנט איינקע מאָל דער טערמין פון טהרה ביי יום כיפור. (הפוסק, בשם הג׳ עזרא אלטשולער זצ״ל)

אַ הייליקער וואָרט פון ר׳ יצחק וואָרקער זצ״ל

לפני ד׳ תטהרו וגו׳ (ט״ז ל׳).

א״ר עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם, אביכם שבשמים, שנאמר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרת, ואומר מקוה ישראל ד׳, מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב״ה מטהר את ישראל (יומא פ״ו).

דער רבי ר׳ יצחק וואָרקער זצ״ל פלעגט זאָגן, ווען ווערט מען טהור פון אַ מקוה, אויב מען בויגט זיך אַרונטער אין די

וואסער, אבער אויב מען וויל זיך ניט ארונטער בייגן נאָר מען שטייט גלייך שטאָלץ, ווערט מען ניט ריין... און דאָס זעלבע ווען העלפט יום כיפור און תשובה, אויב מען בויגט דעם „איך" ארונטער, און מען אונטערדריקט דעם שטאָלץ...

מיט דעם קען מען דערקלערן דעם מאמר אין דער גמרא: אמר ר"ג פעם אחת הייתי מהלך בספינה, וראיתי ספינה אחת שנשברה בים, והייתי מצטער על תלמיד חכם שבה, ומנו רבי עקיבא, וכשעליתי ביבשה בא ודן לפני בהלכה, ואמרתי לו בני מי העלך, אמר לי דף של ספינה נזדמן לי וכל גל וגל שבא עלי נעניתי לו ראשי (יבמות קכ"א).

מען זעט דערפון ארויס אַ לערע, אַז די מדה פון אַ מענטשן צו ארונטער בויגן דעם קאָפּ צו יעדער אומגעבונג, ראַטעוועט אים פון געפאַר, און אַט אַזוי איז אויך אין גייסטיקן זין צו רייניקן זיך די נשמה, און צו איבערשאַפן זיך אין אַ נייע ריינע באַשעפעניש, דאַרף מען נאָר איינבויגן די איינגעבוירענע שטאָלץ און גאוה...

דאָס קען מען זאָגן, אַז רבי עקיבא גייט „לשיטתו", פון זיין מאמר אין יומא פ"ו, צום מאמר אין יבמות קכ"א. (הרב א. טיבלום, ת"א, ישראל)

בזיון המצוה

ושפך את דמו וכסהו (י"ז י"ג).

תניא במה ששפך יכסה, שלא יכסנו ברגל, שלא יהיו מצוות בזויות עליו.

מען טאָר ניט מכסה זיין מיטן פוס, ווייל עס איז אַ בזיון המצוה.

עס איז ניט גענוג דער אויספירן די מצוה במעשה, נאָר עס דאַרף זיין מיט כבוד און רעספעקט. דאָס זעלבע דאַרף זיין ביי די רעאַליזירונג פון אַלע מצוות, ווייל די מצוות זיינען שלוחים פון בורא עולם, און שלוחו של אדם כמותו. (חומת אנך)

אַ סקאַנדאַליעזע דערפינדונג

ואל אשת עמיתך לא תתן שכבתך לזרע לטמאה בה (י"ח כ').

דער באַרימטער רב מהרי"ל צירלסאָהן ז"ל, אין זיין ספר „מערכי לב", קלערט וועגן אַ שאלה למעשה, וואָס מען האָט אים געפרעגט, צי מעג מען מאַכן אַ קינסטלעכע שוואַנגערשאַפט צו אַ

פרוי וואָס איר מאַן איז אַן עקר. אין זיין אויספיר אסר'ט ער דאָס צו טאָן, און דער קינד וואָס ווערט געבוירן דורך אזא קינסט־לעכע איינשפריצונג איז אַ ממזר, ווייל די זרע איז דאָך פון אַ פרעמדן, אויסער וואָס די עצם דערפינדונג איז אומווירדיק און עקלהאַפט. דער אויסדרוק פון אויבנדערמאָנטן פסוק איז מרמז, אַז אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל ניט געגעבן ווערן די זרע פון אַ פרעמדן צו דער אשה, איז עס טמא, און דער קינד איז טמא.

לעצטנס איז שוין די שאלה ברייט דורכגעלערנט געוואָרן פון די גדולי תורה און אַלע זיינען מסכים לאיסור גמור וחמור.

באַמערקונג: אין דעם פאַל ווען די זרע איז פון אייגענעם מאַן, דאַרף מען אָנפרעגן אַ גדול בתורה מפורסם.

קדושת הארץ

ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה כאשר קאה את הגוי אשר לפניכם (י״ח כ״ח).

אין פ' קדושים שטייט „ולא תקיא אתכם הארץ" (כ' כ"ב), שטייט „הארץ" צום סוף. ווייל אַ הייליקע לאַנד קען פאַרטראָגן אויף זיך נאָר אַ הייליק פאָלק, און דאָס זעלבע קען נאָר אַ הייליק פאָלק פאַרטראָגן די קדושה וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט.

און דעריבער איז די תורה מזהיר אין צווייערליי לשונות: די לאַנד זאָל אונז קענען איינהאַלטן, און מיר זאָלן קענען אויס־האַלטן די קדושה פון דער לאַנד.

זאָלן דאָס נעמען אין אַכט די רעגירער פון אונזער לאַנד, און געדענקען די ווערטער פון דער תורה, וועלכע האָט אַזוי האַרב גערעדט וועגן די הייליקייט פון ארץ ישראל...

דרשה

קדושים

צו פיר קאַטעגאָריעס אַלטע לייט דאַרף מען אָפּגעבן כבוד און אַכטונג

לויט ווי דער „תורה תמימה" רעכנט אויס, אויפן באַזיס פון חז"ל, זיינען איינגעשלאָסן פיר סאָרטן זקנים אינעם פסוק „מפני

שיבה תקום והדרת פני זקן" (י"ט ל"ב): א. צו אן אלטן מאן אין יאָרן; ב. צו א יונגן מענטשן וואָס האָט זיך קונה געווען חכמה, „יניק וחכים"; ג. צו א מענטשן וואָס איז זיך עוסק אין צדקה און מעשים טובים, ווי דער לשון חז"ל, שאני ר' יחזקאל דבעל מעשים הוא דאפילו שמואל קאים מקמיה (קידושין ל"ג); ד. צו א ירא שמים, ווי דער לשון חז"ל, ניקום מקמיה דגבר דחיל חטאין הוא (שבת ל"א). אָבוואָל אין פוסקים איז עס ניט אַרויסגעבראַכט בפרטיות'דיק.

ווען מיר קומען צו דער ערהאַבענער מצוה פון „הידור" צו דעם אַלטן מאַן, קומט ניט ווילנדיק אַרויף אויפן געדאַנק, דער פאַרגלייך פון דער באַציאונג צו דעם מיט דורות פריער, צו דער פון איצטיקער צייט, און דער אונטערשייד איז שטוינענדיק גרויס!

אַנשטאָט דעם וואָס אַמאָליקע יאָרן איז די כבוד באַציאונג צום אַלטן געווען גרויס, צוליב זיין יאָרן עלטער, פּראַקטישן פאַרשטאַנד, און אויך מיטגעפיל צו זיין שוואַכקייט קערפּערלעך, זעען מיר היינט דאָס פאַרקערטע, ביטול, פאַראַכטונג, צעקראַכן, „אַלדמען" איז אַ סינאָנים, פאַר אָפּגעלעבט, אַלט מאָדיש, „איגנאָרענט", אז"וו, און ניט נאָר עקזעסטירט אַזאַ באַציאונג צום פרעמדן אַלטן מאַן, נאָר עס איז דאָס זעלבע צום אַלטן טאַטן, מאַמען, און אפילו צו ברידער די עלטערע.

איז די פראַגע, ווי קומט אַזעלכעס צו דער אידישער יוגנט? מיר קענען נאָך פאַרשטיין די גוי'שע וועלט פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי, ווייל אין זיי שטעקט נאָך די מדות פון דער אַמאָליקער געצנדינסט וואָס שטאַרקייט און שיינקייט האָבן געגעבן חשיבות, און דאָס פאַרקערטע האָבן גורם געווען שפלות. און די ציוויליזאַציע פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט איז ניט ווייט אַוועק פון ע"ז קולט פון אַמאָל, אָבער אידישע יוגנט! ווי קומט דאָס צו אייך?...

דער תירוץ איז, מען האָט זיך דערווייטערט פון תורה, און מען האָט זיך דערנענטערט צו גוי'שע קולטורן. מען איז אַוועק ניט נאָר פון עצם תורה, נאָר פון אַלעם וואָס איז פאַרבונדן מיט תורה. מדות, דרך ארץ און עטיק. און ניט נאָר די יוגנט, זאָגאָר די אַלטע זיינען באַהערשט געוואָרן פון דער אידייע, זיי זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַן „אינפעריאָרעטי קאָמפּלעקס" אַז זיי טויגן טאַקע ניט, און אונטערטעניקן זיך צו דער יוגנט.

אַט דער גייסטיקער צושטאַנד איז פרעמד געווען צו אונזערע דורות פון אַמאָל, ער רויבט אַוועק פיל פון אונזערע שיינע מדות, און גראָבט אונטער איבערהויפּט די יסודות פון אידישער מאָראַל, פאַראורזאַכנדיק אויך אַן צעריסנקייט אין דאָס אידישע הויז! און אַזי ריכטיק אויסגעהאַלטן זיינען די רייד פון די חז״ל: י״ח קללות קילל ישעי׳ הנביא את ישראל ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם דבר זה, „ירהבו הנער בזקן״ (חגיגה י״ד).

אייגענטלעך איז אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איז דאָס די גרעסטע קללה? אין וואָס באַשטייט די שאַרפקייט פון דעם אויסדרוק „ירהבו הנער בזקן״? דער יונגער וועט שטאַלצירן איבערן אַלטן. יע! מיר קענען דאָס איצט, אין דעם ליכט פון איצטיקן לעבן פאַרשטיין. דאָס איז אַ גרויסע קללה! די שטאַרקייט פון אונזער פאָלק, איז אַלעמאָל געווען זיין היים, זיין הויז, אַז אונזערע שונאים האָבן אונז אין דעם מקנא געווען: „מה טובו אהליך יעקב״ האָט בלעם צו זיין ווידערווילן באַשטעטיקט און אָנערקענט. קינדער האָבן אָנערקענט די הערשאַפט פון עלטערן, און אַט דער שלום־בית, אַט די אידיליע, איז צעשטערט געוואָרן. אונזער פעסטונג, אונזער שטאַר־קייט איז צושאַטערט געוואָרן!

מיר וואַרטן און האָפן נאָר אַז אלי׳ הנביא זאָל קומען און רעהאַביליטירן אונזער הויז, דעם בית יעקב, ווי דער נביא האָט געזאָגט, הנני שולח לכם את אלי׳ הנביא וכו׳ והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם... (מלאכי ג׳)

היסח הדעת ברענגט הסתרת פנים

קדושים תהיו כי קדוש אני ד׳ אלקיכם (י״ט ב׳).

א) וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרגלייך? קען דען אַ מענטש זיין אַזוי קדוש ווי דער רבש״ע? דער תורת כהנים זאָגט, שאם אתם מקדשים עצמכם, מעלה אני עליכם כאלו קדשתם אותי.

עס איז נעמלעך אַזאַ באַגריף ווי צו זאָגן אַז די „קדושה של מעלה״ איז אָפּהענגיק אַן דעם, וויפל אידן זיינען זיך מקדש. דורך אידישע קדושה, ברענגט מען קדושה של מעלה כביכול...

ב) ביי קדשים טאָר ניט זיין קיין היסח הדעת, ווייל דאָס מאַכט פסול די קדשים, עס איז אַ פסול הגוף, און ווייל אידן זיינען דאָך אַן עם קדוש, טאָרן זיי קיינמאָל ניט האָבן קיין היסח

הדעת פון רבש״ע. דאן צאָלט דער רבש״ע אָפּ מיט דער זעלבער מדה, און ער איז ניט מסיח דעת פון אידן. טאָמער אָבער איז פאראַן היסח הדעת, צאָלט דער רבש״ע אָפּ מיט היסח הדעת און הסתרת פנים. און דער נביא זאָגט, קודש ישראל לד׳, ראשית תבואתו, כל אוכליו יאשמו — ווען אידן האַלטן זיך ביי קדושה מיט אַלע באַדינגונגען, דאַן קענען אַלע אידישע שונאים קיין שליטה ניט האָבן... (הרב ר״מ פינסקי)

צום באַדויערן איז וואָס די געשעענישן פון דער וועלט רייסט מיט יעדן איינעם אַפילו דעם „מאמין״ ער זאָל זיך מסיח דעת זיין פון דעם רבש״ע, דער שאַפער און פירער פון דער וועלט. עס דערנענטערט זיך אָבער די צייט וואָס יעדער וועט מוזן זיך קערן נאָר צום רבש״ע נאָך הילף, דאַן וועט ווערן רייף די צייט פאַרן גואל צדק.

כיבוד אב ואם און שבת

איש אמו ואביו תיראו, ואת שבתותי תשמורו (י״ט ג׳).

אויב אַ איד פאַרשטייט און היט אָפּ די וויכטיקייט פון כיבוד אב ואם דער יעניקער וועט אָפּהיטן, טייער האַלטן דעם שבת אויך, ווייל צייגט דען ניט דער שבת, אַז ג־ט איז דער בורא עולם, דער שעפער און פאָטער פון אונז אַלעמען און פון אַלעס...

חילוקי דינים ביי כיבוד אב ואם ביי אַ פאַרהייראַטע פרוי

איש אמו ואביו תיראו: ת״ר איש אינו אלא איש, אשה מנין, כשהוא אומר תיראו, הרי הן שניים. א״כ מה ת״ל איש, איש סיפק בידו לעשות, אשה רשות בעלה עליה וכו׳ (קידושין ל׳ ע״ב).

פאַרבלייבן מיר פון דער גמרא ניט פעסטגעשטעלט, איז אַ פאַרהייראַטע פרוי מחויב אין כיבוד אב ואם אָדער ניט? — דאַרף מען מסביר זיין פאָלגענדעס, דער חיוב איז טאַקע דאָ אויך אויף אַ פרוי, ווען זי איז אַ פנויה, אָבער ווען זי האָט חתונה גייט זי אונטער דעם „רשות הבעל״, און ער נעמט אַראָפּ דעם חיוב, אָט אַזוי ווי ער איז מפיר אירע נדרים. דעריבער אויב דער מאַן איז ניט מקפיד, איז זי מחויב בכבוד או״א.

מען דאַרף אויך מסביר זיין, דאָ רעדט זיך דאָך וועגן מורא, ניט כיבוד, מורא מיינט דאָך „לא ישב במקומו, ולא יסתור את

דבריו" און דאָס איז דאָך נאָר מאָראַלישע רעספּעקט, ניט קיין געלט קאָסטן, טאָ ווי אַזוי קען דער מאַן איר דאָס שטערן? און בפרט ווי די חז"ל זאָגן „השוה המקום מורא אב למורא המקום", קען דען דער מאַן איר שטערן אין יראת שמים? מוז מען דעריבער זאָגן אַז כיבוד איז ניטאָ ביי אַ נשואה, אָבער מורא יע. (תורה תמימה)

די פאָטאָגראַפיע פון עלטערן

איש אמו ואביו תראו וגו׳ (י״ט ג׳).

„ותתפשהו בבגדו" באותה שעה באת דמות דיוקנו של אביו וכו׳ (סוטה ל״ז).

אום צו מאַכן אַ פאַרבינדונג פון דער מצוה פון מורא אב ואם צו דער ענדע פון פאַריקער סדרה פון עריות, און אויך פון דעם אָנפאַנג „קדושים תהיו" — ווען אַ מענטש פילט אַז ער איז נאָענט צו באַגיין אַן עבירה, איז די סגולה דערצו ער זאָל זיך דערמאָנען אָן זיין פאָטער און מוטער, און דאָס וועט אים אָפּהאַלטן פון דער עבירה, און באַזונדערס אָן עבירה פון עריות, אָט ווי מיר זעען ביי יוסף הצדיק, ווי די אויבנדערמאָנטע גמרא סוטה ל"ז זאָגט.

דער אור החיים הק׳ זאָגט אויך, „ושמעתי משם אנשי אמת כי דיוקן האב תגביר כח הקדושה בבן, ותמנעהו מלבוא אל התיעוב ולזה מי שיצרו תוקפו יצייר בין עיניו יולדיו ויהי׳ לו למשיב נפש".

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, דערמאָן איך זיך אָן עפּיזאָד. דורכ־פאָרנדיק די שטאָט לאַריין אַהייא, זייענדיק שבת ביים שוחט מר. שיף פון וואָלאָזין, זע איך אויפן וואַנט אַ בילד פון זיין פאָטער ר׳ שלמה חסיד, דער איינציקער חסיד פון דער ליטווישער שטאָט וואָלאָזין. זאָגט ער צו מיר, דער טאַטע האָט ניט געוואָלט זיך פאָטאָגראַפירן און שיקן מיר זיין בילד, האָב איך צו אים געשריבן, טאַטע דו לערנסט דאָך גמרא, זע די גמרא סוטה ל"ז, אַז יעקב'ס געשטאַלט האָט אָפּגעהאַלטן יוסף הצדיק פון עבירה, נו איך געפין זיך דאָ אין אַ לאַנד וואָס איז פול מיט שטרויכלונגען, טו מיר צוליב און שיק מיר דיין בילד. ווען ר׳ שלמה חסיד האָט געלייענט דעם בריוו, איז ער אַריין צו ר׳ רפאל'ן דער רב און ר"מ פון וואָלאָזין און געוויזן אים דעם בריוו. — אייער זון איז גערעכט,

שיקט אים אייער בילד, און טוט זיין פארלאנג, איז געווען דעם גאון׳ס ענטפער.

דעם אָסטראָווצער רבי׳נס אַ תירוץ

איש אמו ואביו תיראו, ואת שבתותי תשמרו אני ד׳ (ויקרא י״ט ג׳).

יכול יהא כבוד אב ואם דוחה שבת, ת״ל איש אמו ואביו וכו׳ אני ד׳ (יבמות ה׳).

ד״ה אויב דער פאָטער הייסט אים מחלל שבת זיין דאַרף ער ניט פאָלגן.

פרעגט מען, צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ פסוק אויף דעם, וויבאַלד דער פאָטער איז דאָך ניט „עושה מעשה עמך" איז ער אים ניט מחויב צו פאָלגן? ווי מיר געפינען ביי אַ נשיא, ונשיא בעמך לא תאור, בעושה מעשה עמך, און דעם זעלבן דרש ווענדעט אָן די גמרא אויף אַ פאָטער (זע דאָרט יבמות כ״ב). איז דער תירוץ, עס קען זיין במציאות אַז דער פאָטער זאָל אים הייסן מחלל שבת זיין, און דאָך זאָל ער יע זיין אַן „עושה מעשה עמך", דהיינו ווען דער פאָטער רעדט אויפן טעלעפאָן פּריוויטיק, און אין זיין פלאַץ איז נאָך ניט שבת, און ער רופט צו זיין זון אין אַזאַ לאַנד וואָס דאָרטן איז שוין יע שבת, און ער הייסט אים טאָן אַ מלאכה. איז אַן „עושה מעשה עמך" איז ער דאָך יע, ווייל ביי אים איז דאָך נאָך ניט שבת, און דאָך דאַרף דער זון אים ניט פאָלגן, ווייל ביים זון איז דאָך שוין שבת און „אני ד׳"... (פון הגה״צ רי״מ אָסטראָווצער זצ״ל)

די גוי׳עשע השגה

ואהבת לרעך כמוך (י״ט י״ח).

ווען הלל האָט דאָס דערקלערט צום גוי וואָס האָט געוואָלט זיך מגייר זיין, האָט ער אים געזאָגט, „מה דעלך סני לחברך לא תעביד" (שבת ל״א). פאַרוואָס ניט דעם לשון פון פסוק? וואָרום עפּעס אין נעגאַטיוון זין? — ווייל די גויים האָבן ניט קיין השגה צו ליב האָבן יענעם ווי זיך, אַזאַ מאַראַל איז צו גרויס פאַר זיי, און ניט אַנגעמבאַר. דאָס העכסטע וואָס זיי קענען משיג זיין,

איז נאָר דער נעגאַטיוו, ניט צו טאָן דיין חבר, וואָס דו ווילסט ניט האָבן פאַר זיך... (חידושי הרי"מ)

ואהבת לרעך כמוך (י"ט י"ח).

די דערקלערונג אויבן, פון חידושי הרי"מ, איז זייער פּאַסיק פאַר די חסידישע אויפפאַסונג און זייער גרויסקייט אין אהבת ישראל, וואָס די גדולי החסידות האָבן דערגרייכט צו דער מדרגה, און די מאַסן חסידים האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן. אָבער דאָס איז נאָר פאַר יחידי סגולה.

אַ מער פּשוט'ער און דערגרייכבאַרער צוגאַנג איז פאָלגנדיקער. אייגענטלעך, פאַרוואָס זאָגט די תורה „לרעך" און ניט „את רעך"? נאָר דער לעצטער אויסדרוק „את רעך" וואָלט מיינען צו ליב האָבן יענעמס פּערזענלעכקייט ווי זיך, און דאָס איז פון די שווערסטע זאַכן וואָס געציילטע האָבן דאָס דערגרייכט, ווי יהונתן און דוד, אָבער עס איז ניט אויסגעהאַלטן צו אַלעמען, ווייל עס איז קעגן דער נאַטור. וואָס די תורה פאַרלאַנגט יע פון אונז, איז צו ליב האָבן „לרעהו", דאָס מיינט אַלץ וואָס רירט אָן דעם צווייטן אַרום אים, ד"ה צו פרייען זיך מיט יענעמס גליק, צו באַדויערן יענעמס צער און שלעכטע לאַגע, אַט אַזוי ווי די אייגענע, און אויף דעם קומט דער אויספיר „אני ד'", דאָס פאַרלאַנגט דער רבש"ע, ווייל דאָס איז מעגלעך און ניט שווער... (ר' שמשון רפאל הירש ז"ל)

דיפּלאָמאַטישע שווינדל און בעטרוג

לא תגנבו ולא תכחשו (י"ט י"א).

עס איז שווער צו זאָגן אַז דאָ רעדט זיך וועגן סתם גניבה, פאַרלייקענען, אָדער פאַלש שווערן, ווייל דאַן פּאַסן זיי ניט אַריין אין דער סדרה פון „קדושים" — וואָרום צי דען קען מען זיך אָנרופן קדוש אויב מען גנב'עט ניט? און אויך די ווענדונג צום רבים איז ניט לאָגיש, ווייל דער כלל אומה איז ניט חשוד אויף די אַלע געמיינהייטן. גיכער איז דאָ די כוונה וועגן אַן אַנדער סאָרט גנבה און שבועה, עס איז די נאַציאָנאַלע גנבה און בעטרוג, באַוואוסט אונטער דעם בכובד'יקן נאָמען „דיפּלאָמאַטיע" וואָס פעלקער באַנוצן זיך מיט דעם, און זיינען זיך מורה היתר, אַז אין באַציאונגען פון פאָלק צו פאָלק איז דערלויבט און זאָגאָר פאַרנינפטיג צו באַ־שווינדלען און אָפּנאַרן...

אונזער תורה אָבער האַלט, אַז ניט נאָר איז אינדווידועלע פאַרברעכן פאַרבאָטן, נאָר אויך פעלקער און מדינות טאָרן דאָס אויך ניט...

פריער זיך אַליין שטראָפן

הוכח תוכיח את עמיתך (י״ט י״ז).

ר׳ ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגן, אַלע את׳ן אין דער תורה זיינען מרבה עפּעס, אפילו דער „את ד׳ אלקיך תירא״ האָט ר׳ עקיבא גע׳דרש׳נט „לרבות תלמידי חכמים״, טאָ וואָס קומט דאָ דער „את עמיתך״ מרבה זיין? נאָר ער קומט מרבה זיין אַז דער וואָס זאָגט יענעם מוסר, זאָל פריער זיך אַליין מוסר זאָגן...

עפ״י חסידות: שטראָפן יענעם איז שווער, נאָר דו זאָג צו יענעם, הער ברודער עס איז דאָ אַ מצוה פון תוכחה, פאַרוואָס שטראָפסטו מיר ניט? — דאָס מיינט „הוכח״ אַז „תוכיח״ דו ברודער דאַרפסט דאָך מקיים זיין די מצוה פון תוכחה...

דאַן וועט דאָס זיין אַ תוכחה אָן פּאַראַיבל...

אַ מצוה וואָס ווערט פאַרנאַכלעסיקט

לא תלין פעולת שכיר (י״ט י״ג).

— אמאי, אלא מקרא אחרא אשתמע, דכתיב ביומו תתן שכרו, ולא תבוא עליו השמש כי עני הוא ואליו הוא נושא את נפשו (תצא) לא תבוא עליו השמש, אזדהר דלא תתכנש בגינוי לעלמא עד לא ימטי זמנך לאשכנשא, כד״א (קהלת י״ב) עד אשר לא תחשך השמש (זוהר).

דער זוהר טייטשט עס אויס, דו זאָלסט חס ושלום ניט אַוועקגיין פאַר דער צייט פון דער וועלט, אַזוי האַרב איז דער ניט באַצאָלן אַ געדונגענעם אַרבעטער אין צייט. דער חפץ חיים זי״ע ברענגט עס אין ספר אהבת חסד, און דערקלערט עס מיט נאָך טעמים, וועט דען אַ איד וואַרטן מיט שופר בלאָזן, אָדער אתרוג בענטשן ביז נאַכט? און אָט אַזוי איז די מצוה פון שכר שכיר, מען טאָר ניט אָפּלייגן צו באַצאָלן אויף שפּעטער אָדער מאָרגן.

ר׳ לייב דער עלטסטער זון פון חפץ חיים ז״ל, שרייבט אין זיינע מעמוארן, אַז איינמאָל האָט דער פאָטער זיינער, דער חפץ חיים, אים אויפגעוועקט שפּעט אין דער נאַכט — „מיר האָבן

פארגעסן צו באצאָלן שלמה דעם שניידער פאַר זיין אַרבעט, מען מוז שוין גיין באצאָלן אים פאַר זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט פאַר אונז". — טאַטע, אַזוי שפּעט, זאָל זיין מאָרגן. — ניין מיין זון, לא תלין פעולת שכיר...

מען טאָר ניט באַריידן אַפילו אַ רבים

לא תלך רכיל בעמך (י״ט ט״ז).

על פי צחות וויל איך זאָגן אויפן וואָרט „בעמך", ווייל פאַראַן מאַנכע רכילות וועלכע רעדט ניט נאָר אויפן אינדווידואַל, נאָר אויף אַ קיבוץ, אויף אַ חברה, אָדער אויף אַ כלל אידן פון אַ געוויסער שטאָט אָדער לאַנד, אַט ווי מען רעדט, ליטוואַק, גאַליציאַנער אז״וו, מיט ניט קיין גוטע כוונה, דאָס טאָר מען אויך ניט על פי מוסר התורה...

אַ מוסטער פון מדות

הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא (י״ט י״ז).

יכול יוכיחנו אפילו כשמשתנים פניו מפני הבושה, ת״ל ולא תשא עליו חטא (ערכין ט״ז).

עס איז אַ מצוה צו אויסשטראָפן מיט ווערטער, דעם יעניקן וואָס טוט אומרעכט, אָבער עס איז פאַרבאָטן צו טאָן עס אין דער עפנטלעכקייט, אום ער זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. און דאָס איז די כוונה פון די ווערטער „לא תשא עליו חטא", אַט דורך דיינע שטראָף רייד טאָרסטו ניט פאַראורזאַכן בושה צו אים. דער וואָרט „חטא" מיינט עס פעלט. און דאָס מיינט די בלוט פון זיין געזיכט לויפט אַוועק צוליב שאַנדע, ווי די גמרא זאָגט „אזיל סומקא ואתא חיורא" (ב״מ נ״ח). (תורה תמימה)

מיר קענען דערפון לערנען אַ לערע אין עטיק און מדות, מה דאָך אַז דעם פערזאָן וואָס טוט אומרעכט, און עס איז אַ מצוה צו שטראָפן אים, דאַרפן מיר דאָך זיין זייער פאַרזיכטיק ניט צו פאַרשעמען אים, טאָ ווי שטרענג אָפּגעהיט מיר דאַרפן זיין צו יענעמס כבוד און רעספּעקט ווען יענער האָט קיין אומ-רעכט געטאָן, און ווי נאָכמער מיר דאַרפן זיין אָפּגעהיט פון באַקומען כבוד פאַר זיך זעלבסט, וואָס איז באַזירט אָדער פאַראורזאַכט דורך יענעמס בזיון, און אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן „המתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעולם הבא" (ירושלמי חגיגה פ״ב ה״א).

ווי ווייט אונזערע גדולי התורה זיינען געווען אין דעם אָפּ־געהיט, קען אילוסטרירן אַט די פּאַסירונג. דער גדול המוסר ר׳ נחום וועלוול, דער זון פון הגה״צ ר׳ שמחה זיסל פון קעלם, איז אַמאָל געקומען אין ווילנע צו אַ חתונה וואו עס זיינען געווען איינגעלאַדן די עליטע פון תורה אין ווילנע. איינער פון די גדולים האָט געהאַלטן אַ דרשה, און עס איז געווען זייער אומגעלונגען און דורכפאַליק. נאָך אים האָט מען מכבד געווען ר׳ נחום וועלוולען צו ריידן. ער איז געווען פון דער נאַטור באַשאָנקן מיט אָראַטאָרישן טאַלאַנט ווי נאָר אייניקע געציילטע מייסטערס פון וואָרט קענען. ער האָט זיך אָבער אַנטזאָגט צו ריידן טראָץ אַלע בקשות פון די אַנוועזנדיקע. און דאָס האָט אַלעמען געוואונדערט.

שפּעטער אָבער האָט ער עס דערקלערט צו זיינע אינטימע פריינט, וואָס האָבן אים געפרעגט וועגן דעם, אַז ער האָט חושש געווען טאָמער וועט ער מיט זיין שיין ריידן פאַרטונקלען דעם פאַריקן רעדנער, און יענער וועט זיך פילן פאַרשעמט, וועט ער אומגערן זיין אַ „מתכבד בקלון חבירו״, און דער ירושלמי דריקט זיך אויס, המתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעוה״ב (ירושלמי חגיגה פ״ב ה״א).

האָב ליב יענעם אפילו מיט זיינע חסרונות

ואהבת לרעך כמוך (י״ט י״ח).

דער בעש״ט האָט מבאר געווען דעם פּסוק אַזוי, דו מענטש, דו האָסט זיך זעלבסט ליב, טראָץ דעם וואָס דו האָסט אַזעלכע גרויסע חסרונות, אַט אַזוי דאַרף מען ליב האָבן דעם צווייטן, אַבוואָל דו זעסט אויף יענעם גרויסע חסרונות... (בשם הבעש״ט)

פרייען זיך אין יענעמס גליק

ואהבת לרעך כמוך (י״ט י״ח).

אַלע מצוות פון „בין אדם לחבירו״, ד״ה פון מענטש צו מענטש, זיינען כמעט אַלע באַזירט אויף די מדות פון חסד, רחמים, יושר און צדק. אַט אַזוי זיינען די מצוות פון מקרב זיין אַ גר, יתום, אלמנה, השבת אבידה, הענקה, אז״וו.

מיר געפינען אָבער ניט דירעקט אַ פאַרזאָג, צו פרייען זיך אין יענעמס גליק, אין יענעמס אויפגעריכט ווערן, און אויסער

וואָס עס איז ניטאָ מפורש אַזעלכעס אין דער תורה, איז עס אויך ניטאָ אין דער נאַטור פון מענטשן... ווייל קנאה באַהערשט אפילו יעניקע וואָס האָבן רחמנות אויפן געדריקטן...

קומט די תורה און זאָגט דאָס אומדירעקט אין דעם אויבנ־דערמאָנטן פסוק, דו זאָלסט ליב האָבן דעם חבר ווי זיך, אַט אַזוי ווי דו פרייסט זיך אין דיין גליק, אַט אַזוי זאָלסטו זיך פרייען און פאַרגעניגן האָבן פון יענעמס גליק...

דער דריטער ליבהאָבער

ואהבת לרעך כמוך, אני ד׳ (י״ט י״ח).

וואָס באַדייט דער אויספיר „אני ד׳". דערקלערט מען דאָס מיט אַ ביישפּיל: צוויי מענטשן וואָס האָבן זיך זייער ליב געהאַט, אָבער זיי האָבן געוואוינט ווייט איינער פון צווייטן. האָט פּאַסירט אַז מען האָט געמאַכט אַ בלבול אויף איינעם פון זיי, און מען האָט אים פאַר׳משפט צו טויט שטראָף, און עס איז פּובליקירט געוואָרן דורכן געריכט, אַז אין אַ באַשטימטן טאָג וועט מען דורכפירן דעם פסק דין איבער יענעם, זאָלן אַלע קומען זען. איז גראַדע געקומען דער חבר זיינער וועלכער האָט אים געליבט. ווי ער האָט דערזען ווען מען גייט דאָ הרג׳נען, האָט ער אָנגעהויבן שרייען און פּילדערן זייער שטאַרק, איר זאָלט וויסן אַז איך האָב געטאָן דעם פאַרברעכן, ניט ער, איז געוואָרן די זאַך זייער אויפ־פאַלנד ביי די ריכטער, און די זאַך איז דערגאַנגען צום קיסר זעלבסט. האָט דער קיסר נאָך זיי געשיקט און געפרעגט זיי: — זאָגט מיר דעם אמת, וואָרום זיכער האָט דאָך נאָר איינער געטאָן דעם פאַרברעכן, טאָ וואָרום זאָל דער צווייטער שטאַרבן אומזיסט? האָט דער צווייטער געענטפערט: איך בין זיכער אַז מיין ערלעכער חבר האָט אַזאַ פאַרברעכן ניט געקענט באַגיין, איז עס דאָך נאָר אַ בלבול, איז שוין מיר בעסער איך זאָל שטאַרבן, און ניט זען דעם טויט פון מיין חבר, און דאָס זעלבע האָט געזאָגט דער באַשולדיקטער. הערנדיק אַזוינס, האָט דער קיסר זיי ביידן באַפרייט, ווייל מענטשן וואָס קענען זיך אַזוי ליב האָבן זיינען ערלעכע און זיינען אַ מוסטער פאַר מענטשלעכקייט, און דער קיסר אַליין האָט געוואָלט זיין פאַרבונדן מיט אַזעלכע מענטשן און זיין דער דריטער ליבהאָבער.

דאָס זעלבע מיינט דער פסוק, אויב דו ווערסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך, דאַן זאָגט ג-ט „אני ד׳", וויל איך זיין צווישן אייך... (הרב הקדוש ר׳ ישראל ריזינער זצ"ל)

ר׳ הערשל גינזבורג פון זלאַטאָפּאָל

ואהבת לרעך כמוך (י״ט י״ח).

א מוסטער עקזעמפלאַר פון ערלעכקייט און מענטשן ליבע, איז געווען אין דער שטאָט זלאַטאָפּאָל קיעווער גובערניע, זיין נאָמען איז געווען ר׳ צבי הירש גינזבורג, א תלמיד חכם און משכיל, באַהערשט 5-6 שפּראַכן. זיין פרנסה איז געווען א קראָם פון אייזנ־ווארג און פאַרם מאַשינעריי, און האָט זיך געפירט דורך 9 אָנגע־שטעלטע און א מענעדזשער. ער אַליין מר. גינזבורג איז געזעסן על התורה. פלעגט קומען אַלע טאָג אויף א שעה אין קראָם, בלויז דורכלייענען די ציימונג, און טרינקען טיי. דער בוכהאַלטער פלעגט אים צושטעלן א יערלעכן באַריכט. די לעצטע יאָרן האָט אָנגעפאַנגן צייגן א יערלעכן פאַרלוסט פון 6000 רובל. — אויב אַזוי — האָבן געזאָגט זיינע געלט לייער, די גבירים חאַראַל און בראָדסקי — מוז מען ליקווידירן דעם געשעפט! האָט זיך ר׳ הערש אויפגעשטעלט און מיט טיפן ערנסט געזאָגט: איך קען דאָך ניט טאָן דאָס אָן דעם הסכם פון מיינע שותפים. — וועלכע שותפים? האָבן זיי זיך געוואונדערט. — אָט די אַרבעטער אין מיין געשעפט זיינען שותפים, מיר אַלע מאַכן א לעבן, פאַרוואָס זאָלן זיי פאַרלירן זייער היונה? גענוג אַז איך אַליין פאַרליר געלט אָבער אַז מען זאָל ליקווידירן, וועלן דאָך צען משפחות פאַרלירן...

ערע זיין אָנדענק! געווען א ידיד נאמן צו מיין פאָטער ז"ל.

האָב ליב אַפילו דיין גלייכן

ואהבת לרעך כמוך (י״ט י״ח).

מען פרעגט, ערשטנס, ווי איז דאָס מעגלעך „כמוך"? עס שטימט דאָך ניט מיט דער נאַטור פון מענטשן. צווייטנס, לויט דער גמרא „יש שממונו חביב עליו מגופו" איז דאָך פאַראַן אַזעלכע וואָס געלט איז ביי זיי טייערער ווי זיך זעלבסט, פּאַסט זיך בעסער „ואהבת לרעך כממונך".

דער פילאָזאָף אפלטון זאָגט, אַז ליבשאַפט הערשט נאָר ביי

צוויי קעגנזועצטע סוביעקטן, צב"ש, די טרוקענע ערד לעכצט נאָך רעגן, דער פאַרקויפער וואַרט אויפן קונה. דאָס איז ווייל זיי זיינען צוויי היפוכים, אָבער דאַקעגן ביי צוויי גלייכע איז פאַרקערט, עס הערשט שנאה. כל אומן שונא את בן אומנתו, יעדער פּראָפעסיאָנאַל האָט ניט ליב זיין גלייכן. נאָך אַ ביישפּיל, אַ גביר האָט ניט ליב דעם צווייטן גביר, דאַקעגן גלייכט ער דעם אָרעמאַן, ער גיט אים הילף, און דורך דעם חסד פּראָפּיטירט ער, ווי די חז"ל זאָגן יותר משהבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם בעל הבית.

קומט די תורה און זאָגט אָן: ואהבת לרעך כמוך, זאָלסט ליב האָבן דעם יעניקן וואָס ער איז אַפילו „כמוך", דיין גלייכן... און ניט דענקען אַז ער נעמט אַוועק, אָדער קאָמפּעטירט מיט דיר.

די מורא'דיקע אחריות פון דער מצוה

לא תעמוד על דם רעך, אני ד׳ (י"ט ט"ז).

מנין לרואה את חבירו טובע בנהר, או לסטים באים עליו שהוא חייב להצילו, ת"ל לא תעמוד על דם רעך (ת"כ).

אַנדערע באַמערקן דעם „אני ד׳", וואָס מיינט ער דאָ? — דאַרטן וואו עס באַרירט אַן ענין וואָס איז „דבר המסור ללב", דאָס הייסט, דו זעלבסט ביזט אַנפאַרטרויט אויב דו טוסט די מצוה פולשטענדיק און מיטן גאַנצן האַרצן, אַנדערע מענטשן קענען ניט וויסן וואָס ביי דיר אין האַרצן טוט זיך, דאַרטן ווינקט אָן די תורה „אני ד׳" — זאָלסט וויסן אַז איך ג-ט זע און ווייס אַלץ, דיין האַרץ און דייגע מחשבות.

ביי דעם ענין פון הצלת נפשות, זאָל אַ מענטש ניט דענקען אַז ער וועט יוצא זיין מיט קלייניקייטן, און ער וועט נאָך קריגן כבוד דערצו... זאָגט ג-ט, „אני ד׳", זאָלסט וויסן אַז איך זע אַלעם און ווייס וויפל ערנסקייט דו האָסט אַריינגעטאָן אין דער זאַך. (דאָס זעלבע זאָגט רש"י ביי „לפני עור לא תתן מכשול", ע"ש רש"י).

דער דין תורה ביי הצלה איז ניט נאָר די געלט קאָסטן, נאָר לויט אַנדערע פּוסקים דערגרייכט עס ביז ספק סכנת נפשות, ד"ה יעדער מוז זיך לאָזן אויף ספק סכנת נפשות אום צו ראַטעווען אַ אידן פון ודאי סכנת נפשות, ווייל ביי יענעם איז דאָך ודאי און ביי אים איז נאָר ספק (עיין מנחת חינוך מצוה רל"ז ס׳ ב׳ בשם הירושלמי).

א מוסר השכל לערנען מיר דערפון, אויב דער דין איז אזוי ווען איין איד איז אין סכנה, טאָ ווי איז שוין ווען הונדערטער און טויזנטער אידן געפינען זיך אין אזא לאגע, ווי ווייט מיר דארפן אָפּפערן זיך אום ניט צו עובר זיין אויפן „ל אתעמוד על דם רעך...

זאָגן תוכחה איז ווי אַ מעדיצין

הוכח תוכיח — אפילו מאה פעמים (בבא מציעא קט״ז).

זאָגן יענעם מוסר, אַבוואל דאָס איז אַ מצוה, דאַרף מען עס אָבער גוט אָפּוועגן און אָפּמעסטן אַזוי ווי אַ מעדיצין, לויט יענעמס אויפנאַמספעאיקייט, ניט געבן אַ צו גרויסע פּאַרציע מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, עס מעג אַפילו דויערן אַ לאַנגע צייט, ביז הונדערט מאָל... (חיי המוסר)

די יוגנט זאָל ניט פאַרשעמען דעם עלטער

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן (וי״ט ל״ב).

„מפני שיבה״, איידער דו ווערסט אַלט זאָלסטו אויפשטיין! קעגן וועמען? קעגן דיין אייגענעם שלעכטן „איך״ וואָס וויל דיר פאַרפירן, און שטערט דיר צו טאָן גוטעס אויף שריט און טרים, און דאָס דאַרפסטו אויפשטיין „מפני שיבה״, איידער דו ווערסט אַלט, ווייל שפּעטער אין שוין צו שפּעט... דורך דעם איז „והדרת פני זקן״, וועסטו באַשיינען דיין עלטער, ווי די חז״ל זאָגן, אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנתינו (סוכה נ״ג) גליקלעך איז דער יוגנט וואָס פאַרשעמט ניט דעם אייגענעם עלטער... (זוהר)

רעספּעקט ביים לעבן

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן (וי״ט ל״ב).

אין די איצטיקע דורות איז אַלטקייט אַ חסרון, און דער בטול צום אַלטן איז זייער גרוים, דאָס נעמט זיך פון דעם גייסט פון מאַטעריאַליזם, צו פאַרערן דעם שטאַרקן, דעם מעכטיקן, און מבזה זיין דעם שוואַכן, דעם אַלטן. נאָכן אַלטנס לעבן, פילט מען רעספּעקט און אויך קנאה צו דעם וואָס האָט זוכה געווען צו אַלטקייט. זאָגט די תורה אַז רעספּעקט דאַרף מען האָבן צום אַלטן צום גרויען, אין זיין פּנים, דאָס הייסט ווען ער לעבט.

מפני שיבה תקום, והדרת **פני**... זקן.

רעספעקט פאַר די מענטשלעכע פּערזאָן

ואיש אשר יתן את שכבתו בבהמה מות יומת, ואת הבהמה תהרגו (כ׳ ט״ו).

אם אדם חטא, בהמה מה חטאה וכו׳. ד״א כדי שלא תהא בהמה עוברת בשוק ויאמרו זו היא שנסקל פלוני על ידה (סנהדרין נ״ד).

פון די ווערטער פון תלמוד קענען מיר אַרויסלערנען, ווי ווייט די תורה האָט געשוינט דעם כבוד פון אַ מענטשן, אפילו פון אַזאַ וואָס האָט זיך אַליין דערנידערט צו דער מדרגה פון אַ חיה, ווי דער פסוק דריקט זיך אויס: תבל הוא (י״ח כ״ג), עס איז אומווירדיק, מיאוס, אָפּשיילעך... איז אויסער די זינד זעלבסט, איז עס דאָך אַזוי געפאַלן, נידעריק און עקלהאַפט. נו ווען אַ מענטש האָט זיך זעלבסט אַזוי פאַר׳מיאוס׳ט, דאַרפן מיר דען היטן זיין כבוד? דערקלערן די חז״ל: יע! מיר דאַרפן הרג׳נען די בהמה, אום מענטשן זאָלן ניט דערמאָנען יענעמס נידעריקן פאַרברעכן, אפילו נאָך זיין טויט, זיין טויט שטראָף האָט ער באַקומען, און דאָס איז זיין כפרה, אָבער ער איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אַ מענטש, און רעספּעקט פאַר די מענטשלעכע פּערזאָן...

אמור

דער טאָג לייט אום זומער און צאָלט אָפּ אום ווינטער

ואמרת אליהם — להזהיר גדולים על הקטנים (רש״י).

אמור אל הכהנים, זש״ה יום ליום יביע אומר, ולילה ללילה יחוה דעת. תניא, באחד בתקופת ניסן ובאחד בתקופת תשרי, היום והלילה שוין, מכאן ואילך היום לוה מן הלילה, והלילה מן היום, ופורעין זה לזה בפיוסין, הכל בלי שטר ובלי גוזר דין, הוי יום ליום וגו׳. אבל למטה כמה שטרות וכמה גוז״ד (מדרש רבה ויקרא כ״ו ד׳).

עס איז אַ כלל אַז „כהנים זריזים הם״, און דאָך מוז מען אָנזאָגן פיל מאָל, ווייל דער בעסטער מענטש איז שוואַך אין כחות, אין רצון און אין זכרון...

ווי שיין און שאַרפזיניק דער געדאַנק וואָס די חז״ל האָבן דאָ דערקלערט, און דערהויפּט די קריטיק אויף דעם מענטשן וואָס

איז דאָך דער „יציר כפיו״ פון וועלט באַשעפער, און דאָך איז ער קליינלעך און נידעריק לגבי די אַנדערע באַשעפענישן, ווי טאָג און נאַכט.

זעט און באַוואונדערט: אין די חדשים ניסן און תשרי זיינען דער טאָג און נאַכט ביידע גלייך אויף גלייך. הויבט אָבער אָן דער זומער צו דערנענטערן זיך, די אַרבעט אין פעלד און אין גאָרטן איז גרויס, הויבט גלייכצייטיק אָן דער טאָג צו לייען צייט ביי דער נאַכט, ער ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג, און די נאַכט קלענער, אום צו קענען פאַרטיק ווערן מיט די אַלע אַרבעטן. מען מוז זיך באַנוגענען מיט ווייניק שלאָפן. דערפאַר אַז עס קומט תשרי, דער ווינטער קומט אָן, הויבט אָן דער טאָג אָפּצאָלן דעם חוב צו דער נאַכט, שטופנווייז. זאָלן מענטשן אָפּרוען דעם ווינטער. און אָט דער ליי און צאָל-אָפּ האַנדל-וואַנדל, קומט פאָר רואיק, שטיל, אָן וועקסלען און אָן דין תורות.

וויפל אָבער באַוואָרענישן, קריגערייען און דיספוטן קומט פאָר ביי מענטשן ווען זיי פירן דורך אַ טראַנזאַקציע פון לייען און אָפּצאָלן?!

די כהנים זיינען די לערער פון פאָלק

אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם (כ״א א׳).
להזהיר הגדולים על הקטנים (רש״י).

דער אבן עזרא דערקלערט, אַז דער „אמור״ גייט אַרויף אויף פ׳ קדושים וואָס דאָרט איז פיל דינים, גופי תורה, אָנגעזאָגט געוואָרן, און די אָפּהיטונג פון די מצוות דורך דעם כלל ישראל איז אָפּהענגיק פון די כהנים, אויב זיי היטן אָפּ אַלץ פינקטלעך, דאַן זיינען זיי אַ מוסטער פאַרן פאָלק. אָט דעריבער פאַרזאָגט מען די כהנים.

דער גאון ר׳ מאיר שמחה הכהן ברענגט די גמרא „בזמן שאין כהן מקריב, אין דנין דיני נפשות״. און דער טעם איז, ווייל דער כהן איז דער לערער פון פאָלק, און אויב עס איז ניטאָ קיין כהן צו מאַכן לערנען, דאַן איז דאָס פאָלק אומשולדיק אויף פאַרברעכנס...

יחוס אבות אַליין איז ניט גענוג

אמור אל הכהנים בני אהרן וגו׳ (כ״א א׳).

וואָס באַטאָנען די ווערטער „בני אהרן", אמור אל הכהנים איז דאָך גענוג?

— ווען ג־ט זאָגט אָן משה׳ן ער זאָל אָנזאָגן די כהנים די ספעציעלע דינים פאַר כהנים, קענען די כהנים טראַכטן ביי זיך, מיר זיינען טאַקע אויסדערוויילט פון גאַנצן כלל, מיר זיינען אַן אויסנאַם, מיר מעגן עסן קדשים, תרומה, אז״וו, ווייל אונז האָט דער רבש״ע ליב, אונזער חשיבות איז גרויס... דערווייל אַזוי טראַכטנדיק באַקומט מען גאוה, גרויסהאַלטונג, דעריבער קומט די תורה און זאָגט צו זיי, קיין גאוה, קיין גרויסהאַלטונג! ווייל ווען איז שייך צו איבערנעמען זיך ווען מען באַזיצט אייגענע מעלות און מדות וואָס מען באַקומט דורך פיל לערנען און אַרבעט, אָבער אַזעלכע וואָס קומען צום מענטשן אָן מי, נאָר אַלס ירושה, אויטאָ־מאַטיש, אַזוי ווי יחוס אבות, וואָס איז דאָ דערביי זיך איבערצונעמען מיט דעם? און דאָס מיינען די ווערטער „בני אהרן", זייער קדושה קומט צו זיי דורך זייער פאָטער אהרן הכהן, וואָס ער האָט די כהונה טאַקע פאַרדינט, דורך זעלבסט אויסאַרבעטונג אין קדושה און מדות טובות, און דעריבער זאָלן זיי זיך ניט גרויסהאַלטן... (קדושת לוי)

אַ מקור אין נ״ך צו דער מצוה פון נענועים מיטן לולב

ולקחתם לכם ביום הראשון וגו׳ ושמחתם לפני ד׳ אלקיכם שבעת ימים (כ״ג מ׳).

דער דין פון נענועים מיט די ארבע מינים, איז דערמאָנט אין דער משנה און גמרא, אָוואו אָבער איז דאָס מרומז אין תורה אָדער נביאים? אַ פיינער באַגרינדעטער רמז איז דאָ אין מדרש רבה (במדבר): ודוד וכל ב״י משחקים לפני ד׳ וגו׳ ובמנענעים (ש״ב ו׳) זאָגט דער מדרש „זה לולב שאדם מנענע בו". זעען מיר דאָך אַלזאָ אַז מיטן לולב מנענע זיין פרייט מען זיך פאַר ג־ט, און ביי לולב שטייט דאָך בפירוש אין פסוק, ושמחתם לפני ד׳. (בשם הגאון ר׳ אלי׳ פוסק)

אַ שאַרפער וואָרט

כי אם לשארו הקרוב אליו, לאמו ולאביו וגו׳ (כ״א ב׳).

זאָגט דער אבן עזרא אויף דעם: וטעם להזכיר אמו קודם האב, כי הזכר חי יותר מהנקבה ברוב.

איז דאָך אָבער דער אבן עזרא ניט אויסגעהאַלטן, פון די ווייטערדיקע פסוקים, ביי אַ כהן גדול, זאָגט די תורה „לאביו ולאמו לא יטמא״, פאַרוואָס ווערט דער פאָטער דערמאָנט דער ערשטער?

האָט אויף דעם געענטפערט אַ געוויסער גאון, לויט דער משנה, „לפיכך אמותיהן של כהנים מספקות להם מחיה וכסות כדי שלא יתפללו על בניהם שימותו״ (מכות י״א), ווערט געפרעגט אויף דעם, פאַרוואָס זיינען געווען באַזאָרגט די מאַמעס פון די כהנים גדולים און ניט די טאַטעס? איז דער תירוץ, ווייל כהונה גדולה קומט דאָך בירושה איז דאָך שוין דער פאָטער ניטאָ.

און דער זעלבער תירוץ איז גילטיק דאָ אויך, ווען די תורה דערמאָנט ביי אַ כהן גדול „לאביו״ ווייל ווען דער פאָטער לעבט, קען דאָך דער זון נאָך ניט האָבן די כהונה גדולה...

שבת — פסח אין אַ העכערן זין

וספרתם לכם ממחרת השבת (כ״ג ט״ו).

ממחרת השבת ממחרתו של פסח (מנחות פ״ה).

דער לשון פון דער גמרא איז שווער, פאַרוואָס רופט די תורה מאָרגן נאָך פסח מיטן לשון ממחרת השבת?

דער ענטפער איז מיט אַ דערקלערונג: שבת איז געקומען נאָך די שאַפונג פון דער וועלט. די יצירה פאַרמאָגט צוויי זאַכן, די עצם שאַפונג, און די כוונה דערביי. צוליב וואָס פאַר אַ צוועק? — „בראשית, בשביל ישראל שנקראו ראשית, ובשביל התורה שנקראת ראשית״, דאָס איז דער צוועק, די תורה זאָל אָנגענומען ווערן אַלס אַ דרך חיים דורך אידן. אָט דאָס מיינט דער פסוק „בהוציאך את העם הזה ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה״ (שמות ג׳ י״ב). די רעאַליזירונג פון אָט דער כוונה, איז געקומען ביי יציאת מצרים, קומט אויס אַז דער חג הפסח איז אין דער מטרה און כוונה דאָס אייגענע וואָס שבת איז נאָך די ששת ימי בראשית, און דעריבער פאַרשטייען די חז״ל אַז פסח איז אויך אַ שבת אין טיפן זין, ד״ה די רעאַליזירונג פון דער כוונה פון דער יצירה. און דעריבער מיינט „ממחרת השבת״ — ממחרתו של פסח...

ענלעך זאָגט אויך דער זוהר, אַז עס איז דאָ צוויי שבתים אַן עליון, און אַ ערדישער. מיר דאַרפן שטרעבן צו פאַרטיפן דעם שבת אַז אידן זיינען דער תכלית, „ואם לא בריתי״ וגו׳, דאַן וועט פאַרשטאַנען ווערן, אילמלי שמרו ישראל שני שבתות מיד נגאלין, שני שבתות, מיינט שבת עליון און שבת עולם, דער הימלישער און דער ערדישער. (לויט דעם ספר קדושת לוי)

מען מאַכט ניט שהחיינו אויף ספירה

וספרתם לכם ממחרת השבת (כ״ג ט״ו).

פוסקים פרעגן, פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין ברכת שהחיינו אויף דער מצוה פון ספירה אַזוי ווי אויף לולב, סוכה אד״ג ?

אַ הסבר על פי דרך החכמה, גיט אויף דעם ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער זי״ע. — דער אריז״ל זאָגט אויפן פסוק „תעבדון את האלקים על ההר הזה״ פאָלגענדעס, ער פרעגט צו וואָס דער נון אין „תעבדון״, איז דאָך ריכטיקער תעבדו ? און ער ענטפערט אַזוי : אידן זייענדיק אין גלות מצרים אַזוי לאַנג, זיינען גלייכצייטיק מיטן שיעבוד הגוף, פאַרזונקען געוואָרן אין מ״ט שערי טומאה, און דער רבש״ע האָט געהיילט צו אַרויסנעמען זיי פון דאָרט אום צו אַריינברענגען זיי תחת כנפי השכינה, זיי זאָלן זיין ראוי צו קבלת התורה. די זיבן וואָכן ספירה איז געווען אַזוי ווי דאָס ציילן פון אַ נדה שבעה נקיים, און דאָס איז צו ריין ווערן פון טומאת מצרים, — אַלזאָ דאָס איז מרמז דער נון אין „תעבדון״ — פופציק טעג, ד״ה זיבן וואָכן דאַרפט איר זיך זויבער מאַכן, אום איר זאָלט קענען זיך פאַרבינדן מיט דער תורה...

האָבן דעריבער אידן געציילט און געוואַרט אומגעדולדיק ווען עס וועט שוין זיין די ענדע פון די ספירה, אום צו נעמען די תורה. דעריבער איז ניט לאָגיש צו מאַכן „שהחיינו״ אויף אַ זאַך וואָס מען ציילט די טעג, און מען וואַרט עס זאָל וואָס שנעלער אַוועקגיין... (קדושת לוי)

דער יום טוב שבועות

וואָרום רופט זיך דער יום טוב שבועות מיטן נאָמען „עצרת״ אין דער צייט וואָס אין דער תורה ווערט נאָר „שמיני עצרת״ אַנגערופן אַזוי ?

אַ טעם דערצו, ווייל יעדער יום טוב האָט צווייערליי פליכטן, איינע איז שביתת מלאכה, און די אַנדערע איז אַזאַ וואָס פּאַסט פאַר יענעם יום טוב, ווי מצות אום פסח, אתרוג אום סוכות אד"ג. דער יום טוב שבועות האָט אָבער נאָר די פליכט פון שביתת מלאכה, איז דאָס נאָר אַ נעגאַטיווע פליכט, דעריבער רופט זיך דאָס „עצרת", אָפּהאַלטונג, ניט צו טאָן. (קדושת לוי)

ראש השנה אום שבת

בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון, זכרון תרועה מקרא קודש (כ"ג כ"ד).

תניא כתוב אחד אומר זכרון תרועה, וכתוב אחד אומר יום תרועה (פנחס), לא קשיא, כאן ביו"ט שחל להיות בשבת, כאן ביו"ט שחל להיות בחול (ר"ה כ"ט).

מפרשים קלערן, פאַרוואָס זאָל מען ניט בלאָזן שופר אום שבת ראש השנה? תקיעות איז דאָך ניט קיין מלאכה, טאָ ווי קען די גזרה טאָמער וועט ער מטלטל זיין דעם שופר, דוחה זיין די מצות עשה פון תקיעות?

על פי חסידות, האָט געזאָגט דער מהרי"מ, „יום תרועה יהיה לכם" דער הייליקער טאָג פון ראש השנה דאַרף צעברעכן דעם „לכם", אין דעם טאָג דאַרף אַ איד פאַרגעסן דעם „לכם", ד"ה זיין אייגענעם „איך" און דאָס מאַכט די ווירקונג פון שופר, די התעוררות פון די תקיעות. ביי שבת שטייט געשריבן „ושמרתם את השבת כי קודש היא לכם" (פ' תשא), דער „לכם" ביי שבת, ווי דער עסן און טרינקען, דער עונג שבת, איז אויך הייליק וויבאַלד עס ווערט געטאָן לכבוד שבת, אַלזאָ איז דאָך דער שבת זעלבסט, דער יעניקער וואָס צעברעכט דעם „לכם", ער טראַנספאָרמירט פון עגאָאיזם צו הייליקייט, אָט דעריבער ברויך מען ניט קיין שופר ווען ראש השנה פאַלט אויס אום שבת, ווייל דער שבת טוט אויף דאָס זעלבע ווי דער שופר, ער צעברעכט דעם „לכם"...

דער סלאָנימער רב ר' יוסף הריף ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט ראש השנה וואָס איז געפאַלן אום שבת, — שבת איז דער בעל הבית, ראש השנה איז דער גאַסט, דער גאַסט דאַרף על פי נימוס טאָן וואָס דער בעל הבית הייסט. איז דעריבער ווען מיר היטן אָפּ דעם שבת און מיר זיינען מיט אים אין פריינטלעכע באַציאונגען

קען ער זיין דער בעסטער מליץ יושר פאר אונז ביים יום הדין... און מען ברויך אפילו קיין שופר ניט צו מבלבל זיין דעם שטן. ווי איז אָבער אז מיר זיינען צוקריגט מיטן שבת, מען פארשוועכט אים און מען טוט אים ווי, דאן קען ער ווערן א גרויסער קטיגור חס ושלום...

נאָך אַ טעם צו דעם נאָמען שבת הגדול

דברו אל כל עדת בני ישראל בעשור לחודש הזה ויקחו להם איש שה וגו׳ ויקרא משה לכל זקני ישראל וגו׳.

פארוואָס האָט משה רבנו גערופן בלויז די זקנים, ווען ג-ט האָט געהייסן „דברו אל כל עדת בני ישראל״?

די גמרא אין סוכה מ״ד ברענגט, וואָס איז דער מנהג פון הקפות מיט דער ערבה? — עס איז „מנהג נביאים״. רש״י זאָגט די נביאים האָבן געלערנט דעם פאָלק אזוי צו טאָן. דער ר״ן זאָגט אנדערש, די נביאים האָבן עס אליין געטאָן, און אז דאָס פאָלק האָט געזען אז די נביאים טוען דאָס, האָבן זיי עס נאָכגעטאָן, זאָגנדיק דערביי, אויב די נביאים פירן זיך אזוי איז עס געוויס דער רצון ד׳.

דאָס זעלבע ביים קרבן פסח, האָט משה געהייסן אזוי טאָן, צו די זקנים, די עלטסטע און גרעסטע ביי אידן, און אז זיי וועלן עס טאָן, וועט דער פאָלק נאָכטאָן, און עס וועט אזוי פארבלייבן לדורות, צו נאָכטאָן די גדולים. און אָט דעריבער רופט מען דעם שבת „שבת הגדול״ צו לערנען דעם פאָלק טאָן וואָס די גדולים טוען שטענדיק. (דער בעלזער רבי זצוק״ל)

צוויי שטראָמען

כי יום כיפורים הוא לכפר עליכם (כ״ג כ״ח).

אייגענטלעך דאַרף זיין יום כיפור, ווייל „יום״ איז דאָך א לשון יחיד? — דערקלערט עס דער זוהר הקדוש אזוי: ווען יום כיפור דערנענטערט זיך, הויבט אָן דער מענטש פילן א באַגער צו איבערבעטן זיך מיטן בורא עולם, און א ליבשאַפט געפיל שטראָמט פון מענטשן צום הימל, דאן קומט דער רבש״ע אנטקעגן דעם מענטשן מיט זיין ליבשאַפט און חסד. אזוי אַרום שטראָמען צוויי ליכטיקייטן וועלכע ווייען מיט ליבשאַפט און פארגעבונג... דעריבער איז יום כיפורים לשון רבים...

מחוקק, שופט און מלך

ווען איינער פארזינדיקט זיך, און דער שופט איז זיינער א .וטער פריינט, זאגט אים דער שופט, איך קען גארניט טאן פאר דיר, דער געזעץ איז קעגן דיין זינד, איך בין נאר ריכטער צו זאגן דעם געזעץ. ווי איז אז דער ריכטער איז אויך דער געזעץ געבער, קען ער אלץ זאגן, איך בין ניט קיין מלך וואס פירט אוים דעם געזעץ, דעריבער ווענדט זיך נאך אלץ ניט אין מיר. ווי איז אבער אז דער שופט, מחוקק און מלך איז איין און די זעלבע פערזאן?... און דאס טענה'ן מיר אין די ימים נוראים צו ג-ט: ד' שופטנו, ד' מחוקקנו, ד' מלכנו, הוא יושיענו, ער קען אונז העלפן. (הרב משה עטער)

די שמחה פון ווילנער גאון

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר (כ״ג מ׳).

עס ווערט דערציילט אויפן ווילנער גאון זי"ע, אז ער פלעגט זייער מדקדק זיין צו קריגן אן אתרוג דעם מהודר שבמהודרים. אין א געוויסן יאר האט פאסירט אז עס האט געפעלט אתרוגים, און קיין מהודר האט מען בשום אופן ניט געקענט קריגן. האט די קהלה אין ווילנע געזוכט זייער פיל צו קריגן אזא, אום צופרידנ־שטעלן דעם גאון, און האט געשיקט שלוחים ארום ווילנע צו קריגן קויפן פארן גרעסטן פרייז. די שלוחים זיינען געקומען מיט ליידיקן, נאר איינער האט פארבלאנדזשעט אין וועג און ער האט געגעכטיקט ביי א ישובניק. ווייזט אים דער דארפסמאן ס'ארא שיינעם אתרוג ער האט. דער שליח האט דערזען, איז אים ליכטיק געווארן אין די אויגן, — פארקויף מיר — זאגט דער שליח צו אים, איך גיב דיר דעם גרעסטן פרייז! דער ישובניק וויל אבער ניט פאר קיין פרייז. באין ברירה, זאגט ער צו אים, זאלסט וויסן אז איך בין געשיקט פון ווילנע צו קריגן עס פארן גאון. איז דער ישובניק אריין אין עקסטאז, אזוי, אזוי?... אויב אזוי גיב איך דיר דעם אתרוג אומזיסט, נאר מיט א תנאי אז די ערשטע ברכה וואס דער גאון וועט מאכן אויפן אתרוג, באלאנגט דער שכר מצוה צו מיר. ניט ווילנדיק האט דער שליח מסכים געווען, גענומען דעם אתרוג און געפארן אהיים, אבער זייער אומעטיק. אלע אין ווילנע האבן זיך געפרייט, זעענדיק דעם אתרוג הדר. ער איז אוועק צום גאון

ערב סוכות און האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע, מיט אַ ציטער אין האַרצן. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, אַז דער גאון האָט אים געענטפערט מיט שמחה: ג-ט צו דאַנקען, איך זוך אַלעמאָל צו טאָן אַ מצוה שלא על מנת לקבל פרס, און איצטער האָט דער אויבערשטער מיר צוגעשיקט אַזעלכעס...

דער צדיק ר' שלמה לייב לענטשנער זצ"ל פלעגט זאָגן מיט שמחה, אויף דער מצוה פון סוכה: אַוואו קריגט מען דאָס אַ מצוה וואָס דער איד קריכט אַריין מיט אַלע איברים אין דער מצוה, עס איז נאָר סוכה...

יום טוב איז האַרב און הייליק ווי שבת

ואמרת אליהם מועדי ד' אשר תקראו וגו' ששת ימים תעשה מלאכה (כ"ג ב').

מה ענין שבת לפרשת מועדים, אלא ללמד שכל המחלל את המועדים מעלים עליו כאילו חילל את השבתות (תו"כ).

צו וואָס אַ ספּעציעלער פאַרזאָג מען זאָל היטן די ימים טובים? נאָר ווייל ימים טובים ווערן דאָך נקבע און מקודש דורך בית דין, יעדן יאָר באַזונדער, ניט ווי שבת וואָס איז מקודש אויף שטענדיק, דעריבער זאָגט מען אונז אָן, אַז ימים טובים האָבן די זעלבע קדושה ווי ביי שבת, אַזוי האָט דער רבש"ע אָנגעזאָגט אויף יו"ט אַז זיי זאָלן מקודש ווערן דורך בית דין. (תורה תמימה)

נאָך אַ רמז איז דאָ אויף דעם: ימים טובים באַשטייען פון זעקס טעג אַלע צוזאַמען, צוויי פון פסח, איינער פון שבועות, איינער ראש השנה, צוויי פון סוכות, אין די אַלע ימים טובים מעג מען טאָן מלאכה פון „אוכל נפש". אָט דאָס מיינט די תורה, ששת ימים תעשה מלאכה, לצורך אוכל נפש, אָבער וביום השביעי, דאָס איז יום כיפור, „שבת שבתון", מען טאָר קיין זאַך ניט טאָן... און מיר געפינען טאַקע דעם אויסדרוק שבת שבתון אויף יום כיפור אין פרשה כ"ג פסוק ל"ב (זע דאָרט). (חנוכת התורה)

מען קריכט אַריין אין דער מצוה

ר' נחמן בראַסלאָווער פלעגט אויך זאָגן אַז סוכה און ארץ ישראל האָבן אַ גלייכע בחינה, דעריבער געפינען מיר אין דער

תורה אַז יעקב אָבינו גייענדיק קיין ארץ ישראל האָט איידער ער איז אַריין אין שכם וואָס דאָס איז ארץ ישראל, אַריין אין סכות, ויעקב נסע סכתה (בראשית ל״ג י״ז), און נאָך דעם „ויבא יעקב שלם״.

דאָס זעלבע ווען אידן זיינען אַרויס פון מצרים, צו קומען קיין ארץ ישראל, איז די ערשטע סטאַנציע געווען אין סכות.

איך וואָלט זאָגן אַז אויסער אַלעם איז דאָ אַ לאָגישער פאַרגלייך פון ארץ ישראל צו סוכה, ווייל די מצוה סוכה האָט אין זיך די פאָלגענדיקע מעלה, וואָס אַנדערע מצוות האָבן דאָס ניט, מען קריכט אַריין אין דער מצוה מיט אַלע איברים, און דאָס זעלבע ישוב ארץ ישראל איז אויך אַזוי, מען קריכט אַריין מיטן גאַנצן גוף אין דער מצוה...

מיר זיינען דאָ אַלע בלויז אורחים

כל האזרח בישראל ישבו בסוכות

אַלע באַמערקן דעם וואָרט „אזרח״, אַ איד דאַרף ניט זיין אַן אזרח צו מקיים זיין מצוות. סוכות איז אַ „זמן שמחתנו״ און דאָך אַ דערמאָנונג „צא מדירת קבע וכנס לדירת ארעי״, ר׳ איד גרויס זיך ניט אַז דו ביסט אַ בירגער, און דער „חג האסיף״ קען דיר ברענגען צו גרויסהאַלטונג, זאָלסט וויסן אַז מיר זיינען „געסט״.

מען דערציילט אַז אַן אדם גדול בתורה, אַן אורח איז אַריין צו ר׳ אהרן קאַרלינער, ער האָט אים אַפילו זיצן ניט געבעטן. האָט ער עס אויסגערעדט ר׳ אהרנ׳ן. ענטפערט ער, און ווער בעט מיר דען זיצן? זאָגט דער אורח, איר זייט דאָך דאָ דער בעל הבית, דאַרף מען אייך ניט בעטן זיצן. ענטפערט אים ר׳ אהרן, איר מאַכט אַ טעות, מיר זיינען אַלע אויף דעם עולם בלויז אורחים...

דער אתרוג איז דער קעניג

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר (כ״ג מ׳) — זהו אתרוג.
הרואה אתרוג בחלומו הדר הוא לפני קונו (ברכות נ״ז).

מערקווירדיק, די אַלע 4 מינים אַבוואָל זיי זיינען מעכב איינע די אַנדערע, און אַז עס פעלט איינער פון זיי קען מען ניט יוצא זיין, אָבער דאָך זעען מיר אַז די גרעסערע און אייגאַרטיקע חשיבות באַלאַנגט צום אתרוג, ווי די גמרא זאָגט, וכי נאמר פרי עץ הדר

וכפות תמרים, והלא לא נאמר אלא „כפות" (סוכה ל"ד), דעריבער דאַרף דער אתרוג ניט זיין צונויפגעבונדן צוזאַמען מיט די איבע־ריקע מינים נאָר באַזונדער, זעלבסטשטענדיק... דער אתרוג ווערט פאַרגליכן צו דער האָרץ, וואָס גיט אַריין אַלע לעבנס קרעפטן אין מענטשן און אַלע ציען זיך צו דער האַרץ. — „אתרוג מלכות דומה ללבא" (רעיא מהימנא, פנחס, רנ"ו), דער אתרוג איז דער קעניג... דער מספר פון אתרוג באַטרעפט 610, דאַרף מען צורעכענען די 3 מינים באַקומט זיך תרי"ג, ווי דער צאָל פון מצוות התורה, ווי דער זוהר זאָגט, מצות ד' דא אתרוג (זוהר חדש פ' תשא). (הרב הגה"צ ראי"י קוק ז"ל)

אידן קענען ליידן צוליב זייער אמונה, אָבער ניט גויים

ויצא בן אשה ישראלית, והוא בן איש מצרי (כ"ד י').

בא ליטע אהלו בתוך מחנה דן, אמרו לו מה טיבך לכאן? נכנס לבי"ד של משה ויצא מחויב עמד וגדף (תורת כהנים).

אָט די פּאַסירונג וואַרפט אַ שיין אויף דעם כאַראַקטער פון ניט אידן, אידן ליידן שוין טויזנטער יאָרן פאַר זייער תורה, און דאָך האָבן די גרעסטע מערהייט ניט פאַרלאָזן זייער ג־ט. ניט אידן זיינען אַנדערש, זיי האַלטן זיך ביי זייער גלויבן, נאָר דאַן ווען עס לעבט זיך זיי גוט. דער נביא ישעי' זאָגט, והיה כי ירעב והתקצף וקלל במלכו ואלקיו (ישעי' ח'). די גמרא אין ע"ז דף ג' זאָגט אויך דאָס זעלבע, בועטין בסוכתן והולכין... (זע „קרני אור" ערשטער טייל, אין דרשה לסוכות).

סוכה האָט די קדושה פון ארץ ישראל

כי בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים אני ד' אלקיכם (כ"ג מ"ג).

אומעטום ווען עס ענדיקט זיך מיט די ווערטער „אני ד'" באַדייט דאָס אַ געוויסע כוונה, אַזוי געפינען מיר אין נאָך שטעלן אין דער תורה. וואָס באַדייט דאָ ביי סוכה דער אויספיר אני ד'? קען מען עס דערקלערן מיט דער גמרא (ברכות ח') תמה ואמר איכא סבי בבבל? וכו' מקדמי ומחשכי לבי כנישתא, אמר היינו דאהני להו. דערקלערט דאָרטן דער חידושי אגדות מהרש"א, אז דעריבער איז דער בית המדרש אַ סגולה צו אַריכת ימים, ווייל

דער בהמ"ד האָט קדושת המקום, אַט אַזוי ווי ארץ ישראל. די שול וואו אידן זיינען מתפלל איז אַלזאָ גלייך צו ארץ ישראל, אַט אַזוי איז די זעלבע זאַך בנוגע צו סוכה. אַט דער אָפּזונדערן אַן אָרט מיט מחיצות, מיט סכך כדין, איז דער אָרט פון דער סוכה פאַר־הייליקט אַזוי ווי ארץ ישראל... (אַ ראי' צו דעם געפינען מיר אין דער גמרא (עירובין ל"ב) דאגן זכותא דארץ ישראל עלייהו כסוכה). און דאָס מיינט דער סוף פסוק „אני ד'", אַז סוכה באַזיצט די קדושה אַזוי ווי ארץ ישראל, וואו די שכינה רוט, ניט ווי אין חוץ לארץ וואָס די גמרא זאָגט „כל הדר בחו"ל כמי שאין לו אלקה"... און דעריבער איז אויך די מצוה פון סוכה מאריך ימים, אַזוי ווי תורה לערנען. (הרב צבי יחזקאל מיכלזאהן אב"ד פלונסק)

דרשה לפ' בהר

בהר

רעיון השמיטה

כי תבאו אל הארץ אשר אני נותן לכם ושבתה הארץ.

ענין השמיטה חוץ ממה שהיא מצוה גדולה נתונה מהר סיני, מאלפת אותנו מה ד' דורש מעם ישראל, ומה תעודתו בעולם. כל הגויים אשר חיים על אדמתם שאיפותיהם בחיים הוא למטרה אחת, והיא, להרבות ולגדל את ארצם בשטח גדול, וגם בכח ויד חזקה, וזהו תפארתם, ומזה נוצר רוח הלאומי המודרני המאחדם יחד ועושה אותם ללאום ולחטיבה אחת, אבל לא כן עם ישראל עם מקבלי התורה, לא הארץ, פירותיה ותנובותי' הוא עיקר שאיפתם, כפי דברי קדשו של נעים זמירות ישראל „ויתן להם ארצות גוים ועמל לאומים ירשו בעבור ישמרו חוקיו ותורותיו ינצרו" (תהלים ק"ה), כן הוא רצון ד', כי לא ככל הגוים בית ישראל המה, ולכן כל סדרי חיינו יהיו מבוססים על יסודות אלו, ואז יקוים ונתנה הארץ פריה ואכלתם לשובע וישבתם לבטח עליה, אל לכם לפחוד מה נאכל בשנה השביעית, אדרבה מצות שמיטה לא תביא ח"ו רעב ומחסור לחם, וצויתי את ברכתי ועשת לשלש השנים, דעו כי שמיטה היא העיקר והתכלית, וששת השנים הקודמים לה הם

כעין הקדמה להתכלית, וכן מצינו לגבי שבת, אל יאמר אדם מישראל כי עיקר הוא ששת ימי המעשה, והשבת בא למנוחה ונופש ממלאכתו בששת הימים, לא כן הוא, אלא ימי החול הם הקדמה ליום השבת, וזהו כוונת התפלה, אתה קדשת את יום השביעי לשמך **תכלית** מעשי שמים וארץ, הביטוי **תכלית** אין כונתו סוף ואחרית, אלא עיקר המקווה, כלשון בני אדם, לאיזה **תכלית** אתה מקווה?

לכאורה קשה להבין בשום שכל מבט חיים כזה שיאות לנזירים ולפילוסופים הפורשים מתענוגות החיים, ולנגד זה אנו עדים לדברי התורה, כי נזירות בלי טעם וסבה אינה יפה בעיני ד׳, ואמרו, נזיר שציער עצמו מן היין נקרא חוטא (נדרים י׳), ואדרבה התורה מבטיחה, אם שמע תשמעו אל מצוות ד׳, ואספת דגנך תירושך ויצהרך, השני מינים האחרונים הם לא למאכל כמו דגן, אלא לתענוג לטעים ומתוק, ואם כן האיך יובן דברי התורה על שמיטה, ובפרט בדורות אלו שהחיים נעשים הולנים, והסיסמא „נהי׳ ככל הגויים" חדר לכל שדרות העם?

אבל לאחר שתסתכל ותחדור למהלך החיים היהודיים בדורות מקדם תמצא פתרון לרעיון השמיטה: תמצית דרך התורה היא לא נזירות ממשית וביטול החיים, לא ולא, אדרבה ראה חיים, אלא התבנה להפריש העיקר מן הטפל ולקדש גם את החיים החילוניים בכוונה ומחשבה עיונית כדי לרומם את מדרגת האדם היהודי ולהעתידו שיוכשר להיות אור לגויים, ולא ככל הגויים... וכן חיו מאות דורות חיי קודש בכל פזוריהם, השבת, היו"ט, שמיטה וכל המצוות משלו ממשלת בלתי מוגבלה בחיי היהודי, ולכן האריך ימים ב"ה עד היום הזה גם בלי מדינה. יבוא יום וכל שדרות עמנו אפילו התועים יוכחו את האמת הזה, ומזה יבוא גם „למען דעת כל עמי הארץ כי ד׳ הוא האלקים"...

שמיטה דייטעט אויף מלכות שמים

וידבר ד׳ אל משה בהר סיני לאמר וגו׳ ובשנה השביעית שבת שבתון יהיה לארץ וגו׳ (כ"ה א׳).

מה ענין שמיטה אצל הר סיני וכו׳ (ת"כ).

דער אריז"ל זאָגט אַז דער שמיטה יאָר איז אַן אנדייטונג אויף מלכות שמים, און דער פסוק ושבתה הארץ שבת לד׳, איז מרמז אויף דעם. די גמרא זאָגט אויך, אמר הקב"ה זרעו שש

ושמטו שביעית, כדי שתדעו שהארץ שלי (סנהדרין ל״ט). עס מיינט, שמיטה לערנט דעם מענטש אז ער איז דאָ ניט דער גאַנצער ווירט פון דער ערד, נאָר זי געהערט צום בורא עולם. און אַלע מצוות זיינען אין דער בחינה גלייך צו שמיטה, צו אַרויסווייזן אַז מיר פאָלגן דעם בורא עולם וואָס ער הייסט. די שייכות צום באַרג סיני איז אויך די זעלבע כוונה, די התגלות אויפן סיני, האָט געלערנט ווער איז דער הערשער פון דער וועלט, און דער ענטפער פון נעשה ונשמע, איז געווען די קבלת עול מלכות שמים. (עבודת ישראל)

שמיטה איז ניט קיין וואַקאַציע

ושבתה הארץ שבת לד׳.

מענטשן קענען מיינען אַז שמיטה איז אַ סאָרט וואַקאַציע צו דער ערד אויף אָפצורוען. זאָגט די תורה, ניין, ניט דאָס אַליין, עס איז אויך נאָך וואָס, וואָס נאָר ג־ט ווייס, און דאָס איז זיין פאַרזאָג... (קדושת לוי)

בטחון און אמונה פאַרבינדט צו השפעה פון הימל

וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית הן לא נזרע וגו׳ וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית וגו׳ (כ״ה כ׳).

אָט דער וואָרט „וצויתי״ געפינט מען ניט ערגעץ, וואָס מיינט ער דאָ?

בטחון און אמונה אין רבש״ע, זיינען די זכיות וואָס זיינען ממשיך די השפעה פון ג־ט, עס איז געגליכן צו אַ שטריק וואָס פאַרבינדט צו אַ זאַך, און איר קענט עס צוציען צו זיך. ווען אָבער מען הויבט אָן פרעגן קשיות, צווייפלט מען דאָך, איז עס גורם אַז מען האַקט אַליין אונטער די פאַרבינדונג צו השפעה. דאָס איז די כוונה וכי תאמרו מה נאכל... דאַן איז עס אַ חסד פון ג־ט אַז ער גיט אָן אָרדער צו דער השפעה פון דאָסניי. (בעש״ט הקדוש)

די ערד און דער מענטש

ושבתה הארץ שבת לד׳ וגו׳ ובשנה השביעית שבת שבתון יהי׳ לארץ (כ״ה ג׳).

דער מענטש איז געגליכן צו דער ערד, ער קומט דאָך פון דער ערד... אַזוי ווי די ערד דאַרף דעם זיבעטן יאָר רוען און

ניט בעאַרבעט ווערן, אַזוי איז אויך דער מענטש, זיינע יאָרן זיינען זיבעציק, און זיינען צעטיילט אויף זיבן צענדליקן (זיבן טיילן), ביז זעכציק יאָר דאַרף ער אַרבעטן פאַר זיך, אָבער פון זעכציק יאָר אָן דאַרף ער דעם זיבעטן צענדליק מקדש זיין פאַר ג-ט, אַרבעטן פאַר דעם וואויל און בעסטן פון צווייטן, פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר ג-ט'הייט, אַט אַזוי ווי די ערד איז הפקר אין דעם יאָר פון שמיטה, אַלע קענען דערפון געניסן... אַט אַזוי דאַרף זיין דער מענטש...

ריינקייט פון קערפּער איז אַ מצוה

וכי ימוך אחיך עמך והחזקת בו (כ״ה ל״ה).

דער מדרש זאָגט, הה״ד גומל נפשו איש חסד (משלי י״א), זהו הלל הזקן שבשעה שהי׳ נפטר מתלמידיו, א״ל רבי להיכן אתה הולך, א״ל לעשות מצוה לרחוץ בבית המרחץ, אמרו לו וכי זהו מצוה? אמר להם לרחוץ איקונין של מלך, כי בצלם אלקים עשה את האדם (מדרש רבה ל״ד ג׳).

עס אילוסטרירט אַמשענסטן ווי אונזערע הייליקע חכמים האָבן זיך באַצויגן צו ריינקייט פון קערפּער, אַז דאָס איז אַ מצוה און אַ גמילת חסד און צדקה, צו וואַשן דעם צלם אלקים... די חז״ל זאָגן אויך, ותזנח משלום נפשי נשיתי טובה — זהו בית המרחץ (שבת כ״ה). (הפרדס)

ניט אָפּנאַרן קיינעם

וכי תמכרו ממכר לעמיתך וגו׳ לא תונו איש את עמיתו (כ״ה י״ד).

לעמיתך אתה מחזיר אונאה, ואי אתה מחזיר אונאה לעכו״ם (בכורות י״ג).

מען דאַרף וויסן אַז אַט דער דרש באַציט זיך נאָר אויף די יעניקע געצנדינער וועלכע זיינען געווען ווילד ווי חיות, און זיינען באַפאַלן ישובים, אויסגע׳הרג׳ט די מענער, די פרויען געפאַנגען אַז״וו, זיינען זיי דעריבער ניט בכלל מענטשהייט.

דער רמב״ם אין פירוש המשנה (בבא קמא פ״ד), אויף שור של ישראל שנגח שור של עכו״ם פטור, זאָגט אויך דאָס נעמלעכע, אַז דאָס מיינט מען יעניקע געצנדינער וועלכע זיינען געווען אויסער־געווענלעך בלוטדורשטיק און ווילד.

זייער אויפמערקזאַם זיינען די ווערטער פון דעם „באר הגולה" (חושן משפט ריש סימן מ"ח) „איך שרייב דאָס לדורות, וואָס איך האָב געזען מענטשן וואָס זיינען רייך געוואָרן פון פאַלשקייט אָפּ־נאַרנדיק גויים, זיי זיינען אָבער צום סוף פאַראָרעמט געוואָרן און געשטאָרבן בעירום ובחוסר כל, און דאַקעגן מאַנכע, וועלכע האָבן אַ „טעות גוי" אָפּגעגעבן צוריק, און מקדש השם געווען דורך דעם, האָבן ענדלעך מצליח געווען און איבערגעלאָזן ירושה'ס צו קינדער".

און באַזונדערס מערקווירדיק איז, וואָס וויסנדיק די לעבנס היסטאָריע פון דעם גאון, איז דאָס געשריבן געוואָרן נאָענט צו שנת ת"ח, ווען דער שטורם פון פאָגראָם און רויב אויף אידן האָט געבושעוועט און ער מיט זיין פאַמיליע זיינען אַנטלאָפן קיין אַמסטערדאַם מיט ליידיקע הענט (זע הקדמה צו באר הגולה אורח חיים), און דאָך האָט ער געצייגט די אידישע ערלעכע באַציאונג אפילו צו אַזעלכע...

דער רמב"ם אין כלים פרק י"ז מ"ב, שטורעמט אויך אויף די יעניקע וואָס זוכן רייך צו ווערן דורך אונאה. (תורה תמימה)

דער רייכער שפּאַרט זיך אָן אויפן אָרעמאַן

וכי ימוך אחיך עמך והחזקת בו (כ"ה ל"ה).

„והחזקת בו" איז ניט על פי דקדוק, עס קלינגט ווי זאָלסט זיך אָנהאַלטן אין אים, עס האָט געדאַרפט בעסער שטיין: „וחזקת בו", זאָלסט אים אויפהאַלטן. — נאָר די תורה וויל דאָ אויסדריקן דעם געדאַנק פון „יותר משהבעל הבית עושה עם העני, העני עושה עם הבעל הבית", דאָס מיינט אַז דער אָרעמאַן טוט אַ גרעסערע טובה צום רייכן ווי דער רייכער צום אָרעמאַן. אָט דעריבער זאָגט די תורה „והחזקת בו", דו רייכער וועסט דורך דיין צדקה זיך אָנהאַלטן אָן דעם אָרעמאַן...

דאָס זעלבע קען מען זאָגן „עץ חיים היא למחזיקים בה", די וואָס האַלטן אויף די תורה, האַלטן זיך זעלבסט אָן איר...

אַלץ דאַרפן מיר האָבן פון ארץ ישראל

וקראתם דרור בארץ לכל יושביה (כ"ה י').

— הוא הדין בחוץ לארץ, והא דכתיב בארץ, לומר לך בזמן שנוהג דרור בארץ נוהג גם בחו"ל (ר"ה ט').

זייער טרעפלעך און אַקטועל פאַר דער היינטיקער צייט!

אונזער ארץ ישראל דאַרף זיין אונזער גייסטיקער צענטער פון וואַנען מיר דאַרפן באַקומען אונזער השפעה אומעטום. אויב זי איז דאָס נאָך ניט צום באַדויערן, איז די אורזאַך ניט נאָר פון אונז אין חוץ לארץ, נאָר אויך פון ארץ ישראל... (פרדס מרדכי)

דרשה לפ׳ בחוקותי

בחוקותי

די שאָף וואָס קומט צוריק

ואבדתם בגויים, ואכלה אתכם ארץ אויביכם (כ״ז ל״ח).

אמר רב מסתפינא מהאי קרא ואבדתם בגויים. מתקיף לה ר״פ, דילמא כאבידה המתבקשת, דכתיב תעיתי כשה אובד בקש עבדך (תהלים קי״ט), אלא מסיפא דקרא, ואכלה אתכם ארץ אויביכם. מתקיף לה מר זוטרא דילמא כאכילת קישואין ודלועין (שאוכלין מקצתן ומקצתן אין אוכלין) (מכות כ״ד).

עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך ווען רב האָט געזאָגט „מסתפינא״ ער שרעקט זיך פאַר דעם פסוק „ואבדתם בגויים״, עס איז דאָך טאַקע אַ שרעקלעכע וואָרנונג! פאַרלאָרן גיין אין די פעלקער, דאָס קען מיינען אַלץ, פיזיש און גייסטיק! אָבער וואָס ענטפערט אים רב פפא? — דאַרף מען עס דערקלערן.

עס זיינען דאָ צווייערליי אבידות, ווען איינער פאַרלירט גאָלד, זילבער, דער בעל אבידה זוכט עס שטאַרק, אָבער די אבידה זעלבסט איז אַ דומם, זי זוכט ניט איר פאַרלירער, זי ליגט ווי אַ שטיין אויף אַן אָרט. ווען עס ווערט אָבער פאַרלאָרן אַ שאָף פון סטאַדע, איז אויסער וואָס איר בעל־בית זוכט איר צו געפינען, זוכט זי דעם בעל בית אירן, זי לויפט און רופט און שרייט, אָט בין איך, קום געפין מיר!

דער גאון ר׳ יעקב דוד סלוצקער ז״ל, פלעגט פאַרשטעלן דעם פסוק „תעיתי כשה אובד בקש עבדך״ זייער בילדלעך פאָעטיש:

ווען עס קומט דער פרילינג, די פעלדער זיינען באַקליידעט מיט גרינע גראָז, די בוימער בליען, די בלומען שמעקן מיט גוטע ריחות, די זון שיינט, די גאַנצע נאַטור איז באַקליידט מיטן פרילינג,

דאָן ווערט דעם שאָף ענג אין דעם פינסטערן שטאַל, עס ציט איר צו דער שיינער נאַטור, צו די פרייע לופטיקע וועלדער און פעלדער, צו וואָס שטיין אין דער סטאַדע, ווען דער ברייטער האַריזאָנט זינגט און רופט, דעריבער אַנטלויפט דער שאָף.

אין הערבסט דאַקעגן, קאַלטע ווינטן, רעגן, וואָלקנדיק, די סטאַדע שאָף טוליען זיך איינער צום אַנדערן צו אָנוואַרעמען זיך, דאַן אַנטלויפט ניט קיין שאָף.

דאָס זעלבע איז דער פאָלק ישראל, „שה פזורה ישראל", דער איד אַנטלויפט פון ג-ט, פון זיין פאָלק, ווען די סביבה איז צו אים שיין און פריינטלעך ווי דער פרילינג, אָבער, ער קומט צוריק, ער זוכט דעם אויבערשטן — אָט דעם געדאַנק פון טרייסט האָט אַרויסגעזאָגט רב פפא, מיר אידן וועלן ניט פאַרלאָרן גיין, אויב יע חס ושלום, איז עס נאָר ווי די שאָף וועלכע לויפט צוריק צום בעל-בית, און אַפילו חס ושלום אַז עס קומט אויף אונז די קללה פון סוף פסוק, ואכלה אתכם ארץ אויביכם, מיר זאָלן פאַרשלונגען ווערן ביי די וועלף... אָדער מיר זוכן אַליין צו פאַרשלונגען ווערן... דאָס איז די אַסימילאַטאָרישע טענדענץ צווישן אונז, אָבער דאָס וועט ניט פאַסירן צום פאָלק אַלס אַ גאַנצע, עס וועט נאָר אַ טייל זיך אָפּרייסן און פאַרשלונגען ווערן, דאַקעגן פיל פאַרלאָרענע וועלן זיך אָפּזוכן... דאָס מיינט כאכילת קישואין ודלועין —

ואותך לא אעשה כלה... זאָגט דער נביא בשם ד'.

מאַטערן זיך אין לערנען

ואם בחוקותי תלכו — שתהיו עמלים בתורה (רש"י).

בעפאָר אַ איד הויבט אָן לערנען תורה, זאָגט ער אַ תפלה: מודה אני לפניך וכו' ששמת חלקי וכו' אני עמל ומקבל שכר, והם עמלים ואינם מקבלים שכר וכו'. פרעגט די וועלט, וואָס הייסט דאָס? אָן אַרבעטער פאַר זיין אַרבעט באַקומט דען קיין געצאָלט ניט?

נאָר די דערקלערונג איז פאָלגענדע, יעדער אַרבעטער און שאַפער באַקומט געצאָלט נאָר פאַרן אויפטאָן די אַרבעט, אָבער ווען ער פאַרפערטיקט ניט, צוליב וועלכע עס איז סבה, קריגט ער קיין געצאָלט, ניט אַזוי איז ביי תורה לערנען, אויב אַפילו ער האָט ניט פאַרפולקאָמט דעם לערנען צוליב שוואַכן פאַרשטאַנד אָדער צוליב

אַן אַנדער אורזאַך, ווײַבאַלד ער האָט זיך געמאַטערט אויף תורה, קומט אים געצאָלט, ווי די חז״ל זאָגן אחד המרבה ואחד הממעיט... אָט דאָס מיינט עמל ומקבל שכר... בלויז פאַרן מאַטערן זיך... (בשם הג׳ ר׳ זונדל מעלצער)

ג-ט איז מיטן נרדף אַפילו ווען ער איז אומגערעכט

ונסתם ואין רודף אתכם (כ״ו י״ז).

ווײַזט אויס אַז דער סוף פּסוק „ואין רודף אתכם״ איז אויך פון דער קללה. אייגנטלעך וואָס וואָלט שוין געווען בעסער אַז מען וואָלט זיי נאָכגעיאָגט?

— קהלת זאָגט „והאלקים יבקש את הנרדף״, און די חז״ל (מ״ר פ׳ אמור) זאָגן אַז אַלעמאָל איז ג-ט אויפן זייט פון דעם נרדף, אַפילו דער רודף איז דער צדיק און דער נרדף איז דער אומגערעכטער, דעריבער קומט דאָך אויס אַז ווען מען וואָלט אונז רודף געווען וואָלט שוין געווען בעסער... ווייל ג-ט וואָלט געווען מיט אונז. (כתנות אור)

לימוד און קיום

אם בחוקותי תלכו וגו׳ ועשיתם אותם — הוו עמלים בתורה על מנת לשמור ולקיים (רש״י).

דער רעגן איז אַ ברכה ווען ער פאַלט אויף פעלדער, און מאַכט וואַקסן די תבואות און בוימער, אָבער אָן דעם, וואָס מאַכט דער רעגן? נאָר ליים און בלאָטע. אַזוי איז לערנען תורה, אויף מקיים זיין איר איז עס אַ ברכה, אָבער לערנען און בייזוויליק עובר זיין עבירות חמורות איז דאָך נאָך ערגער, „שגגת תלמוד עולה זדון״... (תשבי)

רעגן אין צייט מאַכט געזונט

ונתתי גשמיכם בעתם

דער רמב״ן זאָגט אויף דעם, אַז רעגן אין צייט האָט נאָך אַ מעלה, עס מאַכט געזונט דעם קלימאַט, און אין פאַרקערטן פאַל, מאַכט עס אַן אומגעזונטן קלימאַט.

דער וועלט באַשאַף וועט זיין גוט

אם בחוקותי תלכו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם וגו'.

דער ספר „נחלת צבי" פרעגט, עס איז דאָך אַ כלל אַז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, טאָ ווי זאָגט צו די תורה שכר מצוה אויף דער וועלט? מיר געפּעלט אַזוי צו זאָגן, אַז די תורה זאָגט צו נאָר בדרך כלל, אַז די נאַטור וועט זיין גוט צו אידן אַלס פאָלק נאָר ווען זיי וועלן היטן די תורה, אַזוי ווי „תנאי התנה הקב"ה עם מעשי בראשית וכו' ", „ואם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי", אָבער צום פּרט, איז שכר מצוה טאַקע נאָר לעוה"ב — ווייל שכר מצוה בהאי עלמא ליכא.

„אם אין שלום אין כלום" — בוכשטעבליך

ונתתי שלום בארץ וגו' (כ"ו ו').

שמא תאמרו הרי מאכל, הרי משתה, אם אין שלום אין כלום, ת"ל ונתתי שלום בארץ (רש"י).

איינפאַך מיינט רש"י צו זאָגן אַז די אַלע לעבנס צופרידנהייטן קענען ניט איינגיין ווען עס הערשט מלחמה אויף דער וועלט, אָבער לויט ווי די לעצטע יאָרן האָבן אונז ביטער געלערנט קען מען פאַרשטיין עפּעס מערער ווי דאָס, איצט אַז עס קומט אַ מלחמה, אָדער זאָגאַר בלויז דער שרעק פאַר מלחמה, ווערט אַ מאַנגל אין אַלע שפּייז און קליידונג פּראָדוקטן, אַזוי אַז עס איז ניטאָ קיין מאכל קיין משתה, דאָס מיינט אַ „רעב של מהומה", און די ווערטער „אם אין שלום אין כלום" קענען מיינען בוכשטעבלעך...

עסן נאָך אידישער אויפפאַסונג

ואכלתם לחמכם לשובע (כ"ו ה').

אַ גוטער פריינט צו דעם גאון מלבי"ם האָט אים אַמאָל באַזוכט און געטראָפן ביים עסן, האָט ער געוואָלט אַוועקגיין אום ניט צו שטערן דעם גאון אין זיין עסן. אָבער דער מלבי"ם האָט אים געזאָגט אַז ער שטערט אים גאָר ניט, ווייל עס איז דאָ צוויי שיטות אין עסן, די גריכישע פילאָזאָפן האַלטן אַז עס איז ניט שיין צו עסן עפּענטלעך, נאָר מען דאַרף עסן אָפּגעזונדערט, פאַרבאַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן, דאַקעגן אָבער מיר אידן זאָגן

אַז דער עסן איז אויך אַ מצוה נאָר עס דאַרף זיין מיט די כוונה לשם שמים, און עס איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. און דאָס קען מען זאָגן אין פסוק „ואכלתם אכל ושבע, והללתם את שם ד׳ אלקיכם אשר עשה עמכם להפליא, ולא יבושו עמי לעולם" (יואל ב׳) דאָס מיינט אידן עסן און לויבן ג־ט, און שעמען זיך ניט...

ברויט און רואיקייט

ואכלתם לחמכם לשבע, וישבתם לבטח בארצכם (כ״ו ה׳).

די אידייען פון דער תורה אין באַצוג צו דעם מאַטעריעלן לעבן שיינען צו זיין נעגאַטיוו צו רייכקייט. אונזער פאָטער יעקב דערמאָנט ניט אין זיין תפלה צו ג־ט קיינע רייכקייטן אָדער איבער־געטריבן לוקסוס, ער בעט בלויז „לחם לאכול ובגד ללבוש", ברויט צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן, דאָס איז זיין וואונש, און שלמה המלך זאָגט אויך „טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב" (משלי י״ז), עס איז בעסער אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט פריד־לעכקייט, ווי אַ הויז וואָס איז פול מיט געבראָטענס אָבער דורך קריג. און דאָס זעלבע קענען מיר זאָגן אויף אונזער נאַציאָנאַלן לעבן, מיר ווילן האָבן אונזער ברויט און אונזער רואיקייט... צו וואָס דער האַנדל־וואַנדל ביי פרעמדע, אַנטוויקלען אינדוסטריעס און רייכקייטן פאַרן גלות, זיי זאָלן דאָס נאָכדעם אַוועקרויבן צוזאַמען מיטן לעבן, איז ניט בעסער „לחם לשבע" און „וישבתם לבטח בארצכם"...

אַ באַמערקונג: די אומשטענדן פון דער צייט אָבער, ברענגען צו די נויטיקייט אַז ארץ ישראל ווערט אויך אַן אינדוסטריע לאַנד, זאָל מקויים ווערן וישבתם לבטח בארצכם!

פאַר זיך מיט ווייניק, אָבער ניט פאַרן אָרעמאַן

ואכלתם לחמכם לשובע (כ״ו ה׳).

פאַרוואָס שטייט לשון רבים, לחמכם, און ניט לחם?

לויט ווי רש״י זאָגט אַז „אוכל קימעא ומתברך במעיו", ד״ה די ברכה וועט זיין צו עסן ווייניק און ווערן זאַט, קענט איר דאָך טאָן אויך אַזוי צום אָרעמאַן, געבן אים אַ שטיקעלע ברויט, און זאָגן אים גלייכצייטיק, ר׳ איד, איר וועט שוין האָבן די ברכה אין מאָגן... זאָגט די תורה ברמז, עס איז בלויז „לחמכם" אייער

אייגן ברויט, וואָס איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף דער ברכה, אָבער ניט צום אָרעמאַן. — און מען קען זאָגן דאָס אין דער גמרא „איך לא אשא פנים לישראל שאני אמרתי ואכלת ושבעת וברכת, והם מדקדקים על עצמם עד כזית" — די חז"ל האָבן מדקדק געווען צו אויסדריקן „עצמם" — באַנוגענונג מיט ווייניק זאָל מען נאָר פאַר זיך זעלבסט אָבער ניט פאַר דעם אָרעמאַן... (בשם הגאון ר' חיים מוואלאזין זצ"ל)

אחדות איז דער געבאָט פון דער צייט

ורדפו מכם חמשה מאה, ומאה מכם רבבה ירדופו, ונפלו אויביכם לפניכם לחרב (כ"ו ח').

— שלא כדרך הארץ (רש"י).

די רש"י איז פון די שווערע, און מפרשים זוכן זי צו פאַרשטיין. קען מען עס דערקלערן מיט דער גמרא „בעשרה אומרים נברך לאלקינו, במאה אומרים נברך לד' אלקינו" (ברכות). זאָגט אויף דעם דער „תפארת ישראל" אַזוי, ביי צען אידן איז די הנהגה פון ג-ט דורך דער „טבע", וואָס דאָס מיינט „אלקים", אָבער ביי הונדערט אידן צוזאַמען איז שוין די הנהגה „למעלה מהטבע" וואָס אויף דעם ווערט באַצייכנט דער שם „הוי'", דעריבער זאָגט מען „לד' אלקינו". און מיט דעם איז פאַרשטענדליך די רש"י אין פסוק, אויב אַז פינף אידן יאָגן נאָך הונדערט שונאים, איז דאָך אויך וואונדערבאַר, אָבער עס איז נאָך אין די ראַמען פון „טבע" — ווען אָבער הונדערט אידן יאָגן נאָך צען טויזנט שונאים, איז עס שוין דורכאויס „למעלה מהטבע", זאָגט אויף דעם רש"י „שלא כדרך הארץ"...

מיר אידן גלויבן אין דער השגחה עליונה אויף אונז, זאָלן דאָס האָבן אין זינען און זיין געשטאַרקט קעגן די צענדליקער טויזנטער שונאים, וועלכע לעכצן צו זען נאָר אידישן חורבן (ח"ו) און קעגן די מיליאָנען וואָס פאַרגינען אונז ניט צו האָבן אַן אייגן ווינקל, אַן אייגן פלאַץ אונטער ג-טס הימל, אַט קעגן די וועלכע זעקס מיליאָן אידישע הייליקע קרבנות האָט נאָך זיי ניט זאַט געמאַכט, לאָמיר זיין געשטאַרקט אין אונזערע אייגענע רייען, פאַר־אייניקט ווי איין משפחה, צו קעמפן ביז בלוט און צו מוסר נפש זיין זיך פאַר אונזער הייליק לאַנד. און וואָס מער די אחדות וועט זיין,

אַלץ פילפאַכיק גרעסער וועט אונזער מאַכט זיין. ומאה מכם רבבה ירדופו...

חרב של שלום, דאָס איז נייטראַליטעט

וחרב לא תעבור בארצכם (כ״ו ו׳).

מאי חרב, אילימא חרב של מלחמה, והכתיב ונתתי שלום בארץ, אלא אפילו חרב של שלום (תענית כ״ב).

אַט דאָ האָבן מיר געוויסערמאָסן אַן אילוסטראַציע פון דער אַנגעווייטיקטער נייטראַליטעט פראַגע, שטאַרקע מלוכות ווילן פירן מלחמה צווישן זיך, אָבער די פרידנליבנדיקע מלוכות וואָס געפינען זיך דערנעבן, האָבן אַ שווערע פּראָבלעם און מאַנכע מאָל גרויסע צרות פון אָפּהיטן נייטראַליטעט, אום קיין איינער פון די מלחמה־פירנדיקע צדדים זאָלן ניט האָבן קיין טענות צו זיי.

די תורה זאָגט אונז צו אַז אַפילו דער „חרב של שלום״ וועט אונז אויך ניט שאַטן, מיר וועלן ניט פאַרפּלאָנטערט ווערן אין קיין צווייטנס מלחמה...

אַ רמז וועגן דער איצטיקער אתחלתא דגאולה

והתודו את עונם וגו׳ אף אני אלך עמם בקרי, והבאתי אתם בארץ אויביהם (כ״ו מ׳ מ״א).

לויטן רמב״ן קומט אויס אַז דער וידוי איז ניט דער געהעריקער מיט תשובה און ניט דער ענדגילטיקער נאָר דאָס איז אין מיטן פּראָצעס און פּראָצעדור פון די פיל צרות און גלות, וועט פאַר־קומען וידוי אויך, אָבער נאָך דעם וידוי וועט זיין נאָך זינד און צרות (זע רמב״ן).

די שוועריקייט צו באַנעמען דעם אינהאַלט פון די פסוקים און זייער כוונה בלייבט אַלץ. וואָרום ווי קומט שטראָף, צרות נאָך וידוי און חרטה?

מעגלעך אַז די תורה האָט מרמז געווען פאָלגענדעס: וואָס איז קרי? לויט רש״י און נאָך מפרשים, מיינט עס מקרה, ד״ה אַ נאַטורעלע פּאַסירונג, עס טרעפט זיך אַזוי... און אָט דער סאָרט באַנעמען די תוכחה, איז די גרעסטע זינד און האַרטקייט, וואָס דער אויבערשטער האָט עס פיינט. עס איז אַזאַ רשעות׳דיקע באַציאונג צו די צרות און גלות ליידן, אַז עס לאָזט ניט צו קיין אויפריכטיקע

תשובה געפילן, אָט ווי מיר זען עס אין היינטיקער צייט, דוכט זיך אַזעלכע שרעקלעכע צרות וואָס די אידישע טרויעריקע היסטאָריע קען קיין גלייכן ניט געפינען, האָט דאָך געדאַרפט קומען אַ גרויסע תשובה כללית נאָכדעם, ניין! עס קען ניט קומען קיין תשובה, ווייל די ראַציאָנאַלע און אַנטי־אמונה געפילן זיינען אַזוי דורכ־געדרונגען די הערצער אַז עס צעשטערט אַלע תשובה׳דיקע כחות הנפש, און דעריבער איז דער וידוי און די תשובה ניט קיין אויפריכטיקע און ניט קיין דויערהאַפטיקע.

וויבאַלד אַזוי, זאָגט ג־ט, „אף אני אלך עמם בקרי והבאתי אותם בארץ אויביהם" — מער קיין קללות און קיין תוכחות וועל איך טאַקע ניט ברענגען, ווייל עס קען שוין ניט זיין ערגער ווי עס איז געוועזן, אָבער „מדה כנגד מדה" אין דער גאולה, וועט יע זיין, און דאָס איז, אייער אויסלייזונג וועט ניט זיין מיט אויסערגעוויינלעכע דערהויבנקייט, און די גאולה וועט ניט זיין „ביד רמה", נאָר וועט זיין אויך אַ נאַטירלעכע, אויך „בדרך מקרה", שטופנווייז, לאַנגזאַם און מיט גרויסע שוועריקייטן ווייל איר האָט ניט פאַרדינט בעסער... איך וועל אייך אַריינברענגען אין אייער לאַנד וואָס די לאַנד וועט נאָך זיין אין די הענט פון אייערע שונאים — והבאתי אתם בארץ אויביהם, אָט ווי מיר זעען עס היינטיקן דור. זכו אחשנה, לא זכו בעתה... אין פאַרלויף פון צייט, לאַנג־וויילִיק, און גראַדעגנווייז... און דער רמב"ן זאָגט „והוא רמז שהביאם אל הארץ ולא נכבשה לפניהם אבל היו להם צרים ואויבים שם" (זע רמב"ן). (געהערט עס פון מיין גמרא רבי׳ן המופלג בתורה ר׳ פסח גאָראַדייסקי ז"ל, מיט 55 יאָר צוריק)

ניט דער ריכטיקער וידוי

והתודו את עונם ואת עון אבותם במעלם אשר מעלו בי ואף אשר הלכו עמי בקרי, אף אני אלך עמם בקרי והבאתי אתם בארץ אויביהם (כ"ו מ"א).

פיל מפרשים פרעגן, ווי קומט עס וואָס נאָך וידוי און עס מיינט תשובה, זאָל מען נאָך באַשטראָפן?

דער תירוץ איז, עס איז דאָ צווייערליי וידוי׳ס, אַזעלכע וואָס נעמט אַראָפּ די זינד, ווי מיר געפינען ביי דוד, אַז נתן הנביא האָט אים געזאָגט מוסר און שטראָף רייד, האָט ער זיך מודה געוועזן

און האָט געזאָגט „חטאתי“, איך האָב געזינדיקט, האָט אים נתן געענטפערט „ויאמר נתן אל דוד, גם ד׳ העביר חטאתך“ (שמואל ב׳ י״ג), דאָס מיינט, אַז אַזוי ווי דו האָסט זיך מתודה געווען ערלעך און האַרציק, אַז אַזוי האָט דער אויבערשטער דיר שוין מוחל געווען (רד״ק). עס איז אָבער פאַראַן אַ וידוי וועלכע רעכנט זיך גאָר פאַר אַ זינד, דאָס איז ווען עס קומט ניט פון אינערלעכן פאַרדרוס אויף די זינד, נאָר עס קומט פון באַדויערן אויף די יסורים און שטראָף, אַז אַזאַ וידוי איז אַן און פאַר זיך אַ זינד, אַז אַזוי ווי מיר זאָגן „על חטא שחטאנו לפניך בוידוי פה“, אַז דאָס מיינט דער פסוק „במעלם אשר מעלו בי“, ד״ה דער עצם וידוי איז אויך אַ פעלשונג צו מיר... (ישמח משה)

אַ מערקווירדיקע רש״י

והשמותי אני את הארץ, ושממו עליה איביכם היושבים בה (כ״ו ל״ב).

זו מדה טובה לישראל שלא ימצאו האויבים נחת רוח בארצם שתהא שוממה מיושבי׳ (רש״י).

אַ מערווירדיקע רש״י, און עס איז זייער פינקטלעך אַזוי ווי אַ נבואה, אָדער רוח הקודש. זעענדיק איצט דעם „נגב“ אין ישראל וואָס געפֿאָלגן געפינען דאָרט אַלץ נייע אוצרות אין דער ערד, וואונדערן זיך פיל עקספערטן, ווי אַזוי האָט דאָס דער ענגלענדער ניט דערשנאַפּט ווען ער איז געווען דער בעל־בית איבערן לאַנד? און זיי גיבן פאַרשידענע דערקלערונגען, פּאָליטישע ווי אויך נאַטיר־לעכע. אָבער די תורה האָט דאָס מרמז געווען, און רש״י הקדוש האָט דאָס אַרויסגעזאָגט קלאָר און דייטלעך... (משה פראגער)

האָבענדיק פיינע עלטערן איז מען מער פאַראַנטוואָרטליך

וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק וגו׳ (כ״ו מ״ב).

דער של״ה הקדוש דערקלערט דאָס מיט אַ משל, ווען איינער פאַרזינדיקט זיך, און ער איז אַ זון פון פּראָסטע גראָבע עלטערן, איז זיין שטראָף קלענער, ווי איז אָבער אַז דער ריכטער געפינט אויס אַז ער האָט געהאַט זייער פיינע און איידעלע עלטערן דאַן באַשטראָפט ער אים מערער ווייל ער האָט געהאַט פון וועמען זיך צו לערנען. אַט דעריבער דערמאָנט ער דאָ אין מיטן תוכחה דעם

ברית פון אונזערע אבות, זייענדיק קינדער פון אזעלכע גרויסע עלטערן קומט אונז די שטראף נאך הארבער.

מיט דעם איז פארשטענדלעך די רש״י אין פרשה וארא אל אברהם וגו׳ — „אל האבות״. פרעגן אלע, וואס באווארנט דא רש״י, מען ווייס דאך אז „אין קורין אבות אלא שלשה״? — נאר רש״י׳ס כוונה איז וואס דער של״ה זאגט, זיי זיינען דאך אייערע אבות און זיי האבן ניט מהרהר געווען און דו ביסט יע מהרהר אין ג־טס פירונג. (פרדס מרדכי)

ארץ ישראל די לאַנד פון צופרידנקייט

ואכלתם לחמכם לשבע, וישבתם לבטח בארצכם (כ״ו ה׳).

— בארצכם אתם יושבים לבטח ואין אתם יושבים לבטח חוצה לה (תורת כהנים).

ארץ ישראל איז דער אָרט און די לאַנד וואו אידן קענען זיצן רואיק, זיך אַנטוויקלען אויף אַלע געביטן. אפילו די ברכה פון „אוכל קימעא ומתברך במעיו״ איז אויך נאָר חל אין ארץ ישראל, דאָרטן הונגערט מען ניט, די צופרידנקייט איז אין אַלעם. ניט אַזוי איז אָבער אין חוץ לארץ, ניט צופרידן קענען מיר זיין און ניט רואיק קענען מיר זיין...



במדבר

דרשה לפרשת במדבר

מלוכה בישראל

איש על דגלו באתת לבית אבותם יחנו בני ישראל מנגד סביב לאהל מועד יחנו (במדבר ב, ב).

כל דגל יהיה לו אות מפה צבועה תלויה בו, צבעו של זה לא כצבעו של זה, צבע כ"א כגוון אבנו הקבועה בחשן, ומתוך כך יכיר כ"א את דגלו (פירש"י).

סדר הדגלים מבואר, על כל נשיא ונשיא מפה וצבע ומהם למדה המלכות להיות עושין להן מפה וצבע (תנחומא דף 488).

מי שיסתכל היטב בענין הדגלים עם האתת המיוחדות לכל שבט ושבט, יראה דוגמא, צורה וסמל של מלכות בישראל טרם שהיה לנו אפילו ארץ, וכמו שרמזו חז"ל במדרש תנחומא הנ"ל, אמנם לאיזה מטרה צותה לנו התורה ענין זה?

הכונה העליונה בזה היתה, כנראה, לחנך בהקדם את בנ"י לענין ארץ ומלוכה, בשעה שהיינו עוד במדבר, כי לא דבר נקל הוא הינוך כזה, ואך לאט לאט יושג הדבר, אבל למה הזירוז טרם כיבוש הארץ?

גם בזה יש טעם וגורם, כי ביחד עם שנזכר לעיל נחוץ היה ללמד לקח להעם, כי גם בלי מלוכה יוכל העם להתקיים, וכן יהיה בפועל ממש לעתיד כי הרבה מאות שנים יחיו בגולה במדבר העמים בלי מלוכה, בלי עצמאות וגם בלי ארץ, אולם בתנאי שירכזו עצמם סביב למשכן העדות, ז"א כי יחיו בדרך התורה, כמו שהיה בדגלים במדבר.

הופעה כזאת בפועל אנו רואים בימי שמואל הנביא, שהעם דרשו מעמו שימנה עליהם מלך לשפטנו ככל הגויים, ועל זה השיבם הנביא, אמנם התורה צותה לישראל בעת שיבואו לארץ ג' מצוות, מחית עמלק, מינוי מלך, ובנין בית הבחירה, אבל לא כמו שאתם שואפים „לשפוט אתכם ככל הגויים" — לא זו הדרך, אנחנו איננו עם כאחד הגויים, יען הם ברובם תלויים כל עצמאותם על המדינה, וכאשר ינוצחו על ידי עם אחר, אז יאבדו גם אמונתם, לא כן הוא עם ישראל — דבר אליהם שמואל בתלונה.

בואו חשבון! איך לא יכאב הלב כשאנו עדים לחזיון זה שחלק בנין קברנטי ספינת „ישראל" העומדים בראש המלוכה, הם אין מאמינים בתורה שבע"פ, ולא בחדרי לבבם אלא בפרהסיא, והתורה מעידה כי על פי הדברים האלה כרת ד' עמנו ברית, זהו תורה שבעל פה (גיטין ס, ב).

ובש"ס ירושלמי פאה פרק ב הלכה ד אומר: נאמרו דברים בפה ונאמרו בכתב, ואין אנו יודעים איזה מהן חביב, כשהוא אומר על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל, הוי אומר אותן שבפה חביבים.

הם טוענים כי סדר המלוכה מיוסד על העקרון של רובא, כי כן הוא מנהג המדינות הדמקרטיות, ויען שרוב תושבי ארץ ישראל המכריעים הם „הפשים", על כן נמסר רסן הממשלה לידם, כי באם יתנהגו באופן אחר יוכלו לגרום למרד וערבוביא. אנו צריכים להודות כי זהו אמתלא אמיתית והמלצה קצת, בכל זה אין זה טעם נכון ומספיק. ראשית, כי למה להם ראשי המלוכה להצהיר אנטי אמונתם ברבים, ועוד להתפאר בזה, זהו בטח עון פלילי. ושנית גם ענין „הרוב" איננו דבר ודאי וברור, כי יש הרבה מאמינים ושומרי מצוות התורה גם במפלגת מפא"י, אלא שמתיראים לצאת בגלוי, מפני חשש פרנסתם וכן דרך היראים להרכין ראשם, אבל לא נוכל לותר ולפשר באלו הדברים שהם חיי נפש ורוח עם התורה, וכן הדין „לא תהיה אחרי רבים לרעות" בדיני נפשות, ודיני התורה הם נפשותינו וחיותינו, אין לנו מה ללמוד מכל הגויים אפילו מן הטובים שבהם.

יקוים בע"ה עלינו „והיית אור לגויים", והאור יהיה של תורה ואמונה, ואנדרלמוסיא העכשוית מראה באצבע כי כן יהיה — בביאת גואל צדק בב"א.

דריי עלעמענטן

וידבר ד' אל משה במדבר סיני (א, א).

למה במדבר סיני, מכאן שנו חכמים, בשלשה דברים התורה ניתנת, באש, במים, במדבר. באש מנין, והר סיני עשן כולו וגו', ובמים מנין, שנאמר גם שמים נטפו וגו', ובמדבר מנין, וידבר ד' אל משה במדבר סיני (מד"ר פ"א ז).

דער מענטש באזיצט צוויי קעגזייטיקע כחות, פייער און

וואסער, וואַרעמקייט און קאַלטקייט, און עס איז זייער גוט ווען ער באַנוצט זיי יעדער אין פּאַסיקן מאָמענט, דהיינו, ווען ער טוט אַ מצוה מיט וואַרעמקייט מיט פייער, און אַן עבירה מיט קאַלטקייט מיט וואַסער. ווען ער באַנוצט זיי אָבער פאַרקערט, דאַן איז ניט גוט... און דאָס מיינט דער פסוק „צנים ופחים בדרך עקש", ווען די צוויי עלעמנטן פייער און וואַסער קומען אַריין אין די הענט פון דעם „פאַרקרימטן" זיינען זיי געפערלעך...

עס איז דאָ אַ דריטער כוח „מדבר", דאָס מיינט אָפּגעזונדער־קייט. פאַראַן אַ צייט וואָס מען דאַרף אויסנוצן אָט דעם עלעמנט, זיך דערווייטערן פון שלעכטע מענטשן אום צו קענען פאַרבלייבן ערלעך און ריכטיק, ווי דער נביא האָט געזאָגט „מי יתן לי במדבר מלון אורחים" (ירמי' ג).

מפקיר זיין זיך צוליב דער תורה

אין התורה מתקיימת אלא במי שמשים עצמו כמדבר.

— שטענדיק קומט אויס די פרשה במדבר פאַר שבועות, דאָס איז ווייל דאַן האָבן אידן גענומען די תורה, איז מען מרמז דורך דעם, אַז צו אויסהאַלטן די תורה דאַרף מען זיך מפקיר זיין אַזוי ווי אַ מדבר איז הפקר. (נחלת צבי)

דער סוף פון יחוס

ואתכם יהיו איש איש למטה, איש ראש לבית אבותיו הוא (א, ד).

עס האָט זיך אַמאָל געקריגט אַ גרויסער מיוחס מיט אַ צווייטן, שרייט דער מיוחס, איך בין דאָך אַ גרויסער מיוחס, און דו ניט. ענטפערט אים דער צווייטער, דו ביסט אָבער דער סוף פון דיין יחוס, ביי דיר האָט זיך דאָס שוין געענדיקט... אָבער איך בין דער אָנהויב פון יחוס פון מיין פאַמיליע. אָט דאָס מיינט דער פסוק איש לראש בית אבותיו הוא, פון אים פאַנגט זיך אָן דער יחוס... (עפ"י הצחות, פון ר' משה חפץ)

גבורה, תורה, צדקה

והחונים קדמה מזרחה דגל מחנה יהודה וגו' (ב, ג)

די דריי שבטים יהודה, ישכר, זבולון, זיינען געשטאַנען מזרח זייט. פאַרוואָס די דריי? דאָס איז צו סימבאָליזירן אַז אָט די דריי

מיט זייערע דגלים, זיי דארפן מארשירן מזרח זייט, ד״ה אין פראנט פון דער באוועגונג. יהודה, איז דער סימן פון גבורה, און דאס דארף מען אומבאדינגט האבן ווען מען גייט כובש זיין א לאנד, און דער פסוק זאגט טאקע „יהודה אתה יודך אחיך, ידך בעורף אויבך״! — געוויס זיינען מיר שטאלץ אויף דער גבורה פון אונזערע קעמפער אין ארץ ישראל איצט... אבער אידן טארן זיך ניט פארלאזן בלויז אויף דער שטארקער האנט, צוזאמען דארף מיטגיין „ישכר״, דער שבט פון תורה. דער כוח און דער זכות פון תורה דארפן גיין געארעמט מיט דער שטארקער האנט... און אויך „זבולון״ דער געשעפטסמאן, וואס „לחוף ימים ישכון״ ער דארף פינאנסירן ישכר׳ן מיט יהודה׳ן צוזאמען. דאס אמעריקאנער אידענטום אין דער ראל פון זבולון זאל געדענקען זיין אויפגאבע... (הרב מרדכי אהרן קאפלאן)

טראכטן און וויסן

ונשיא לבני גד אליסף בן רעואל (ב, יד).

בפרשה נשא: ביום הששי נשיא לבני גד אליסף בן דעואל (ז, מב).

מערווירדיק איז דער שינוי השם צום זעלבן פערזאן? דער רמב״ן באמערקט דאס, און זאגט: „רעואל״ מיינט טראכטן וועגן ג-ט, ווי אין פסוק „בנת לרעי מרחוק״ (תהלים קלט), און „דעואל״ מיינט וויסן ג-ט, און דעם נשיא האט מען גערופן מיט די צוויי נעמען. — עס ווייזט אויס אבער אז פריער האט ער געקראגן דעם נאמען „רעואל״, ווארום פריער טראכט מען און נאכדעם ווייס מען...

איך וואלט מוסיף געווען אז „רעואל״ מיינט באפריינדן זיך מיט ג-ט, ווי די חז״ל זאגן „ולדבקה בו — הדבק במדותיו, מה הוא רחום וכו׳״, און דורך באפריינדן זיך, דאס הייסט גיין אין זיינע וועגן און מדות, קומט דער מענטש צו א העכערע הכרה, ווייל ער דערשפירט אז ער זעלבסט איז געווארן העכער און גרעסער, און דאס גיט אים א געפיל צו דערשפירן די גדלות הבורא...

די גרויסקייט פון א רבי׳ן

ואלה תולדות אהרן ומשה (ג, א).

דער פסוק רעכנט אויס נאר אהרן׳ס קינדער און ניט משה׳ס, אויף דעם ענטפערן די חז״ל „כל המלמד את בן חבירו תורה מעלה

עליו הכתוב כאלו ילדו", איז ווייל משה רבנו האָט געלערנט תורה צו אהרן'ס קינדער, איז ער געגליכן צו זיי ווי אַ פאָטער.

דער רבי ר' העשל ווען ער איז געווען אַ קליינער אינגל, האָט אים דער פאַרהערער געפרעגט: ווי קומט דאָס וואָס דאָ זאָגט רש"י „כאלו ילדו" צייגט דאָך דאָס אַזוי ווי אַ פאָטער, אָבער דאָך ניט גלייך אין מדרגה פונקט ווי דער פאָטער, און אין דער גמרא בבא מציעא ל"ג ווייזט דאָך אויס פונקט פאַרקערט, אבידת רבו ואבידת אביו אבידת רבו קודמת, שזה מביאו לעוה"ז וזה מביאו לחיי עוה"ב, — קומט דאָך אויס אַז אַ רבי איז נאָך גרעסער ווי אַ פאָטער?

האָט ר' העשעלע געענטפערט באַלד: מען דאַרף לערנען דעם פשט מעלה עליו הכתוב, דער פסוק מאַכט אים נאָך העכער ווי כאלי ילדו (לשון מעלה), אָט ווי די גמרא אין בבא מציעא טאָקע, אַז אַ רבי איז נאָך העכער ווי אַ פאָטער... (פון אלטן אוצר)

דערציען קינדער איז אַ גרויסער זכות, און קען אַמאָל פאַרלענגערן דעם לעבן

ובנים לא היו להם (ג, ד).

א"ר אליעזר הא אם היו להם בנים לא מתו (יבמות סד).

מאַנכע פרעגן, ווי קומט דאָס? צי דען פאַר ביטול מצות עשה פון פרי' ורבי' קומט אַזאַ הארבע שטראָף?

דער התם סופר טייטשט אויס אַזוי דעם פסוק „והותירך ד' לטובה בפרי בטנך" (כח, יא): אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף אַ מענטשן מיתה ר"ל, אָדער עס איז געקומען זיין צייט, אָבער ער האָט נאָך יונגע קינדער צו דערציען זיי, און מדריך זיין זיי בדרך התורה איז מען אים מוסיף יאָרן צוליב דעם.

אָט דאָס קען מען זאָגן מיינט ר"א, זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער, ווען זיי וואָלטן געהאַט קינדער וואָלטן זיי פאַרבליבן לעבן צוליב דעם זכות פון די קינדער. (נחלת צבי)

אידן וועלן זיך מערן להכעיס די בלוט שונאים

כל פקודי הלויים וגו' כל זכר מבן חודש ומעלה שנים ועשרים אלף (ג, לט).

מען וואונדערט זיך וואָס דער שבט לוי, דער ליבלינג שבט, זאָל זיין אַזוי ווייניק אין צאָל אַנטקעגן אַנדערע אַלע שבטים, פאַרוואָס?

— דער תירוץ איז, אַלע שבטים, ווייל זיי זיינען געווען אונטערן שעבוד מצרים, האָט דער אויבערשטער אויף זיי געזאָגט, וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ, אַט גראָדע ווייל מען פייניקט זיי, זאָלן זיי זיך מערן, און אויך נאָך דער גזירה פון די בנים, „ואם בן הוא והמיתן אותו”, זאָגט די תורה „וירב העם ויעצמו מאוד”. אָבער דער שבט לוי איז דאָך ניט געווען אונטערן שעבוד, האָבן זיי דעריבער ניט געהאַט די ברכה „כן ירבה”, דעריבער זיינען זיי געוואַקסן אין צאָל בלויז נאַטירלעך... (רמב”ן)

ווי גרויס איז געווען אַ פאַמיליע אין דור המדבר?

ויהי כל בכור זכר במספר שמות מבן חודש ומעלה לפקודיהם, שנים ועשרים אלף שלשה ושבעים ומאתים (ג, מג).

אַט דער פסוק גיט אונז אַ געוויסע אָנדייטונג צו משער זיין וויפל קינדער האָט אַ פרוי געבאָרן דורכשניטלעך אומגעפער, ביי יענעם דור פון די יוצאי מצרים.

מיר וויסן צב”ש אַז סטאַטיסטיש רעכנט זיך דורכשניטלעך 3 קינדער, צוזאַמען מיט פאָטער און מוטער, 5 פערזאָן אַ פאַמיליע, אין די מערב לענדער. אין די מזרח לענדער רעכנט זיך אומגעפער 5 קינדער צו אַ פרוי, אַזוי אַז אַ פאַמיליע האַלט דורכשניטלעך 7 פערזאָן. איז אינטערעסאַנט צו וויסן וויפל נפשות דורכשניטלעך האָט געציילט אַ פאַמיליע אין דעם מדבר? ווי אַזוי איז מקוים געוואָרן דער „כן ירבה”

אַט איז דער חשבון:

וויפל פאַמיליעס איז דאַן געווען? דער ענטפער איז — וויפל בכורים און בכורות נקבות צוזאַמען, אַזוי פיל פאַרהייראַטע נאַטירלעך (רעכנענדיק זיך מיטן כלל אַז זכרים און נקבות ערשט געבאָרענע זיינען געווען גלייך אין צאָל). קומט אויס אַז צוזאַמען איז געווען דער צאָל פון ערשט געבאָרענע (פטרי רחם) זכרים און נקבות פיר און פערציק טויזנט פינף הונדערט זעקס און פערציק — 44.546, אַט אַזוי פיל פאַמיליעס איז געווען. אין פאַל ווען איינער האָט געהאַט צוויי פרויען מיינט דאָס 2 פאַמיליעס, ווייל בכורים רעכענען זיך דאָך נאָך דער מוטער.

איצט דאַרף מען וויסן וויפל איז געווען דער צאָל פון נפשות בכלל פון כל ישראל דעמאָלט? אַט דאָס אַנטפּלעקט אונז אַ צווייטער

פסוק: אלה פקודי בני ישראל לבית אבותם כל פקודי המחנות לצבאותם שש מאות אלף ושלשת אלפים וחמש מאות וחמשים (ב, לב). און דער צאָל זיינען בלויז די זכרים פון 20 יאָר און העכער ביז 60 יאָר (אַזוי באַהויפּטעט דער ספורנו דאָרט), דאָס איז דער ציפער 603.550. דאַרף מען צורעכענען דעם צאָל פון קליינע קינדער אַ חודש אַלט (יצא מכלל נפל) ביז צוואַנציק יאָר, און פון זעכציק ביז אַכציק און מער, דאַרף עס לאָגישערהייט באַטרעפן די זעלבע צאָל וואָס אויבן, אַלזאָ צוזאַמען דאַרף זיין טאָפּלט, ד״ה איין מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט זיבן טויזנט און הונדערט, דאָס איז דער ציפער 1.207.100 דאָס איז דער צאָל זכרים בס״ה אומגעפער, דאַרף מען צורעכענען דעם זעלבן צאָל נקבות, דאַן באַקומט זיך צוויי מיליאָן פיר הונדערט פערצן טויזנט צוויי הונדערט — 2.414.200

דאַרף מען צוטיילן אָט דעם צאָל אויף דעם צאָל משפחות. קומט אוים אַז אַ פאַמיליע האָט בערך באַטראָפן 54 נפשות און עטוואָס מער.

מאַנכע היסטאָריקער דענקען אויך אַזוי אומגעפער.

ולאה שמות בני אהרן הבכור נדב ואביהו אלעזר ואיתמר, אלה שמות בני אהרן המשחים אשר מלא ידם לכהן (במדבר א, ב־ג).

וואָס לערנט אונז דער טאָפּל אויסדרוק איןביידע פסוקים? עס לערנט אונז אַז די גרויסקייט פון די כהנים איז זייער מיסיע און שליחות צו טאָן די עבודת הקודש, אָבער זיי זיינען ניט אַנדערש ווי אַלע אידן, ווייל יעדער איד האָט אין זיך קדושה פון עם הנבחר צו קבלת התורה, דעריבער איז קיין דיפערענץ ניט די בני אהרן איידער מען האָט זיי געזאַלבט און נאָכן זאַלבן. עס איז ניט ווי ביי זיי להבדיל, אַז דער גייסטלעכער איז אין זייער באַגריף אַן אַנדער מענטש. און דאָס איז פיליכט דער אויסדרוק פון דער גמרא „משה מן התורה מנין” און דער ענטפער איז „בשגם הוא בשר”, לערנט מען דאָך אַז אין דעם פסוק איז דאָ די אותיות מ. ש. ה. אָבער טיפזיניקער איז משה רבנו׳ס גרויסקייט גראָדע ווייל ער איז אויך געווען אַ בשר ודם, און האָט זיך אַזויפיל דערהויבן... (ספר המאור בשם הגר״י אייבשיץ זצ״ל)

נשא

די צעבראָכענע מאָראַל צעברעכט פאַמיליעס

ועבר עליו רוח קנאה וגו׳ (ה, יד).

למדתנו רבנו הנואף והנואפת עוברין על עשרת הדברות וכו׳, ועל כבד את אביך כיצד? הילד שנולד חושב את הבעל לאביו (והאמת הוא כי אביו הוא הנואף) ועובר בשוק ומקלל את הנואף (מדרש רבה ט, ח).

דער מדרש רעכנט אויס אַז דורך זנות ווערן אַלע עשרת הדברות צעבראָכן איינגעשלאָסן כבוד אב... איז אויסער די האַרבע עבירה פון אשת איש, וואָס איז אויך בעצם אומווירדיק און טרויעריק אַן און פאַר זיך, איז עס נאָך גרויזאַם וואָס דער קינד ווערט אָפּגעפרעמדט פון פאָטער.

רבנו סעדי׳ גאון זאָגט אויך דאָס זעלבע אויף „גונב נפש", קידנעפּינג, ווערט אַ פּערזאָן פאַרפרעמדט פון זיינע נאָענטע.

אין אַ העכערן מוסר׳דיקן זין, קען מען עס פאַרגלייכן ווען מען באַאיינפלוסט קינדער פון רעליגיעזע עלטערן, און מען דערציט זיי אין אַן אַנטי אידישן גייסט, איז דאָס אויך אַן אָפּפרעמדונג פון די עלטערן.

זיך דערווייטערן צו דעם אַנדער עקסטרעם

כי יפליא לנדור נדר נזיר וגו׳ (ו, ב).

למה נסמכה פ׳ נזיר לפ׳ סוטה, לומר לך שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין (ברכות סג).

דער אויסדרוק „למה נסמכה" מיינט, ווי קומט אַזעלכע פאַרשידענע און פאַרקערטע ענינים שטיין איינע נעבן דער אַנדערע? עס איז דאָך צוויי עקסטרעמען, סוטה איז דעמאָראַליזאַציע, פאַרברעכן, נזירות איז הייליקייט און זעלבסט קאָנטראָל.

נאָר די תורה לערנט אַן עצה טובה, צו דעם וועלכער זעט די פאַרדאָרבנקייט פון אַ סוטה און איר מיאוס׳ן סוף, איז ניט גענוג צו אָפּלערנען זיך אַ מוסר, נאָר ער דאַרף באַלד אַריבערגיין צו אַן עקסטרעמען פאַרקערטן נזירות וועג; זיך דערווייטערן פון מיטעלן וועג, שביל הזהב, נאָר גראַדע נעמען זיך צו אַן אַסקעטישן אַרט לעבן, ווייל זעענדיק שלעכטס ווערט מען ניט בעסער דערפון...

דער שלום איז ביי איך אין די הענט

ישא ד׳ פניו אליך וישם לך שלום (ו, כו).

דאָס איז אַ ספּעציעלע ברכה צו אידן, אַז דער שלום פון יחידים און פון דער וועלט איז ביי אייך אין די הענט...

דוד המלך זאָגט: אני שלום וכי אדבר המה למלחמה. עס איז אין דער וועלט איצט אַזאַ לאַגע, אידן לעכצן נאָך שלום, אָבער קעגן אונז איז אַ רשעות׳דיקע וועלט, און ספּעציעל פון די „עבד כי ימלוך׳ניקעס״. עס וועט אָבער קומען אַ צייט וואָס אידן וועלן זיין אור לגויים, אידן דאַרפן אויסאיבן נאָר דעם גייסט פון תורה און די נביאים. (ספר המאור)

אחדות איז אויך שטאַרקייט

ויהי ביום כלות משה להקים וגו׳ (ז, א).

כשהיו מפרקין את המשכן היו מפרקין אותו מבפנים ויוצאין (ילקוט).

עס איז אַ היסטאָרישער אמת אַז די שונאי ישראל פלעגן צעטרייסלען די אידישע אחדות פון אינעווייניק, פלעגן זיי דאַן טאָן די חורבן אַרבעט פון אויסווייניק, ווייל די אידישע אחדות איז שטאַרקייט און צעמענטירונג פאַר דעם גאַנצן פאָלק. (הדרש והעיון)

אַ וואָרט פון הגר״א ז״ל

קרבנו קערת כסף אחת, שלשים ומאה משקלה, מזרק אחד כסף שבעים שקל בשקל הקודש שניהם מלאים סלת (ז, יג).

דער תרגום יונתן בן עוזיאל זאָגט אויף דעם, אַז די קערה איז געווען „סמיך״, ד״ה גראָב, און דער מזרק איז געווען „כסף קלויש״, ד״ה דינע זילבער. פרעגט זיך פון וואַנען נעמט ער דאָס אַזוי צו זאָגן? איז דער תירוץ אַז ער לערנט דאָס ארויס פון דעם לשון הכתוב, וואָס עס איז געשריבן „שניהם מלאים סלת״, און דאָס איז אַ כלל, אַז „שניהם״ מיינט, פינקטלעך גלייך, אַזוי ווי די גמרא זאָגט שני שעירי יוהכ״פ מצותן שיהיו שוין במראה ובקומה וכו׳ (יומא ס״ב). דאַן איז דאָך אַ פראַגע ווי אַזוי האָט געקענט זיין די מאָס פון די זעמל-מעל גלייך אין קערה און אין מזרק, ווען די קערה האָט דאָך געוואויגן כמעט 2 מאָל אַזוי פיל ווי דער מזרק? מוזן מיר דעריבער זאָגן אַז די קערה איז געווען

גראָבע זילבער, מאַסיווע, אָבער דער בית קיבול אירער איז געווען די זעלבע גרויס ווי פון דעם מזרק. (דברי אליהו מהגר״א ז״ל)

תורה און מעשים טובים איז גרעסער פון עלטער

הקרב את קרבנו וגו׳ (ז, יט).

זע רש״י, ווייל שבט ראובן אלס דער עלטסטער, האָט גע־פאָדערט צו זיין דער ערשטער, און אַמווייניקסטענס דער צווייטער נאָך יהודה׳ן, האָט זיי משה געענטפערט, מען נעמט ניט קיין כיבודים אליין, נאָר ג־ט האָט געהייסן אַז שבטי ישכר און זבולון קומען פריער פאַר אייך, ווייל זיי האָבן צוויי פאַרדינסטן, תורה און מעשים טובים. און דאָס איז דער רמז וואָס הקריב שטייט דאָ אין פסוק אָן א יוד, לשון הקרב, דאָס מיינט, דו קענסט אליין ניט נעמען, נאָר מען דאַרף דיר אָנווייזן...

און דאָס לערנט אונז אויך אַז עלטער אליין איז ניט גענוג, נאָר גדלות אין תורה, און מעשים טובים, שטייען העכער...

בהעלותך

דרשה לפרשת בהעלותך

דער תלמיד חכם דאַרף זיין „מקשה״ — אויסגעהאַמערט

בהעלותך את הנרות וגו׳ (ח, ב).

די מנורה וואָס גיט די ליכטיקייט האָט געדאַרפט זיין „מקשה״ אויסגעהאַמערט, ניט קיין צונויפגעשרויפטע טיילן זאָל עס זיין נאָר פון איין שטיק אויסגעקלאַפּט.

דאָס איז אַן אָנדייטונג אויפן תלמיד חכם און גייסטיקער פירער וואָס ער איז צו דער מנורה געגליכן, ער דאַרף אויך זיין אויסגעהאַמערט אויסגעהאַרעוועט דורך דעם „דרכה של תורה״ לעבן, דורכגעגאַנגען אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן, אויסגעליטן זיך גענוג, מיט דעם ריינעם אָבזיכט צו דערגרייכן תורה־וויסן, תורה־גייסט און מדות, און ניט נאָר דאָס תורה וויסן דאַרף זיין דורך אויסהאַמערונג, נאָר אפילו די אַנדערע וויסנשאַפטן ווי שפּראַכן, אָראַטאָריע, פירערשאַפט וואָס רופן זיך אָן די בלומען, דאַרפן אויך קומען פונעם זעלבן קוואַל, און זייער דערגרייכונג אין דער זעלבער אַטמאָספער און

דורך די זעלבע אידיאַלע שטרעבונגען, זיי דאַרפן זיכער ניט קומען פון דער פרעמד, נאָר זיי דאַרפן זיין איין אויסגוס, און דער עיקר מיט דער תורה, און ניט דורך סעקולערער דערציאונג.

דאָס זאָגט דער פסוק: וזה מעשה המנורה מקשה זהב, עד ירכה עד פרחה מקשה היא ז...

צום באַדויערן זיינען היינט אויפגעקומען מאַנכע אַזעלכע מנהיגים וואָס לייכטן ניט, און זיינען ניט קיין „מקשה", נאָר צענויפ־געשרויפטע פון שטיקלעך און ברעקלעך, עס איז טאַקע גרינגער פאַר זיי, אָבער זיי לייכטן ניט...

און עס איז ניט קיין פּראָבלעם פאַר בלויז אַן ענגן קרייז, נאָר ווירקלעך נעמט דאָס אַרום כלל ישראל ענינים.

ביי אידן מיט דורות פריער איז דער רב און מורה צדק געווען פאַרערט אין אידישער הערצער אויסער ווי אַ גייסטיקער פירער, נאָר ווי אַ פאָטער און וועגווייזער, זיין וואָרט און זיין פסק דין איז געווען געאַכטעט ביים צבור, אַזוי אַז די יעניקע וועלכע האָבן געוואָלט רעוואָלטירן און ניט פאָלגן, האָבן אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפט געמוזט זיך אונטערוואַרפן אונטערן אויטאָריטעט פון רב אָדער רבי.

דאָס איז געווען אַזוי ווייל דער רב האָט מיט ערנסט און תורה־גייסט געפירט זיך זעלבסט און דאָס פאָלק. אמת'ע אידישקייט האָט געבליט אין אידישע שטעט און שטעטלעך. ווען מיר בליקן אַריין אין יענע יאָרן צוריק, ווערן מיר פאַרוואונדערט, און דער ביטול טאָדל פון די שרייבער אויף דעם אָרט לעבן ווערט צעגאַנגען ווי רויך און שטויב.

זייט קלוג און האָט בטחון

שטו העם והלקטו... (ח, יא).

דאָס פּראָסטע פאָלק זיינען געלאָפן ווייט אַרויס אין פעלד קלייבן דעם מן. — צו וואָס האָבן זיי געדאַרפט לויפן אויסער דער מחנה, ווען דער מן איז געפאַלן אין דער מחנה? ווי דער פסוק זאָגט „וברדת הטל על המחנה לילה ירד המן עליו" (יא, ט). זאָגט טאַקע דער זוהר אויף דעם, זיי זיינען געווען נאַרעש ניט גלויבנדיק אין ג־טס רייד, און דאָס מיינט „שטו", לשון שטות... (זוהר בשלח) די גמרא (יומא עה) זאָגט: צו צדיקים איז דער מן געפאַלן

לעבן טיר, צו בינונים איז שוין געפאַלן אביסל וויטער, רשעים האָבן געדאַרפט לויפן אויסער דער מחנה.

אָט אַזוי זעען מיר אין לעבן אויך, וואָס מער אַ מענטש יאָגט זיך אַריינכאַפּן מער, אַלץ שווערער קומט עס אָן... אַן אמת'ער איד דאַרף האָבן בטחון, און ניט אַרויסיאָגן זיך די קרעפטן. (במ"ח)

די אויגן זעטיקן

ועתה נפשנו יבשה אין כל, בלתי אל המן עינינו (יא, ו).

דער אלשיך הקדוש פרעגט אויפן לשון „אל המן עינינו", האָט געדאַרפט שטיין בלויז „בלתי המן"?

קען מען ענטפערן אַז דער פסוק מיינט פּילייכט די כונה פון דער גמרא „סומא אין לו שובע" (יומא ע"ד), אַ בלינדער וואָס זעט ניט די שפּייז ווערט ניט זעטיק. דעריבער האָבן אידן געפאָדערט „תנה לנו בשר", אַבוואָל זיי האָבן דאָך געהאַט דעם טעם פון פליייש אין דעם מן, אָבער זיי האָבן דאָך ניט געזען קיין פליייש, און אָט דאָס מיינט דער פסוק „בלתי אל המן עינינו" קיין פליייש זעען מיר ניט. (יסוד התורה)

גומל דלים

והמן כזרע גד הוא (יא, ז).

דער אָרעמער וואָס נעמט צדקה מאַטערט זיך ניט. אָט אַזוי איז געווען דער מן, מען האָט גאָר ניט געדאַרפט אַרבעטן אויף דעם, די איינציקע זאַך וואָס מען האָט געדאַרפט באַשטימען וואָס פאַר אַ טעם מען וויל האָבן אין מן. אָט דאָס מיינט דער רמז „והמן כזרע גד", דאָס מיינט אָט ווי די זריעה פון גומל דלים, „זרעו לכם לצדקה"... (קדושת לוי)

אונזער פאָטער, אונזער רבי, אונזער קעניג

והאיש משה ענו מאד (יב, ג).

אברהם אבינו האָט געזאָגט „ואנכי עפר ואפר"; משה רבנו האָט געזאָגט „ונחנו מה"; דוד מלך ישראל האָט געזאָגט „ואנכי תולעת ולא איש". — ירבעם בן נבט האָט געזאָגט צו ג-ט „מי בראש". שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי קען אַ איד אָננעמען זיך מיט גאוה און פאַרגלייכן זיך צו ירבעם בן נבט און ניט זוכן צו פאַרגלייכן זיך צו אונזער פאָטער אברהם, ניט צו אונזער רבי'ן

משה רבנו, און ניט צו אונזער קעניג?... ווי איז דאָס מעגלעך? (חתם סופר)

משה רבנו איז געווען דער פירער פון אידן גראַדע צוליב זיין עניוות

והאיש משה ענו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה (יב, יג).

מפרשים פרעגן, עס האָט געדאַרפט שטיין „ומשה ענו", צו וואָס דער וואָרט „והאיש"?

ווערט עס דערקלערט דורך אַ געוויסן וואָרט וואָס אַ חכם האָט געזאָגט. מען האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי זייט איר געוואָרן דער הערשער און פירער פון אייער דור? האָט ער אויף דעם געענטפערט, דאָס איז צוליב דעם, ווייל איך האָב אין אַלע מענטשן געזען מער מעלות פון מיר. אויב יענער איז געווען מער חכם פאַר מיר, האָט ער דאָך געווים מער מעלה, אויב זיין חכמה איז קלענער, איז עס אויך אַן מעלה, ווייל צום יום הדין וועט מען זיך רעכענען מיט אים אַלס אַ שוגג. אויב ער איז עלטער אין יאָרן האָט ער דאָך מער מצוות געטאָן, אויב ער איז אינגער איז דאָך זיינע עבירות ווייניקער. איז ער אַ רייכער, האָט ער דאָך גרויסע מעגלעכקייטן צו דינען ג־ט, איז ער אַן אָרעמאַן אָדער אַ קראַנקער, האָט ער דאָך ווייניק מאַטעריעלע זאכן ער זאָל זיך גרויסן מיט זיי, און אָט אַזוי האָב איך געהאַלטן אַלעמען העכער פון מיר, און זיי מכבד געווען, און אָט דורך דעם האָב איך אַלעמען פאַר פריינט און פאַרערער געמאַכט, און בין אַ האר און פירער צו זיי געוואָרן.

און דאָס מיינט דער פסוק, „והאיש משה", „איש" צייגט אויף גרויסקייט און הערשאַפט, אַזוי ווי „מי שמך לאיש". דאָס מיינט משה איז געוואָרן דער האר און פירער פון אַלעמען ווייל ער איז געווען דער „ענו" פון אַלע מענטשן, האָט געהאַלטן אַלעמען גרעסער פון זיך... (בינה לעתים)

מען דאַרף וויסן ווי צו בעטן

ויצעק משה אל ד׳ א״ל נא רפא נא לה (יב, יג).

בא הכתוב ללמדך דרך ארץ שהשואל דבר מחבירו צריך לומר שנים או ג׳ דברי תחנונים, ואח״כ יבקש שאלותיו (רש״י).

פון דעם חז״ל זעען מיר אַז עס איז דאָ אַ געוויסער דרך

ארץ ווי אַזוי צו בעטן ביים רבש"ע, אַט אַזוי ווי עס איז דאָ א נוסח התפלה.

ר' משה סאַווראַנער זצ"ל זאָגט, „אנא ד' הושיעה נא" (תהלים) איך בעט דיר רבש"ע, העלף מיר און ווייז מיר אַ וועג ווי צו בעטן ביי דיר, וואָרום „אין נא אלא לשון בקשה" אַזוי ווי דער פסוק „דבר נא באזני העם". אַט דאָס מיינען די ווערטער „הושיעה, נא", העלף און ווייז ווי צו בעטן...

שלח

גרויסע מענטשן קענען אויך געשטרויכלט ווערן

ויקרא משה להושע בן נון יהושע (יג, טז).

שהוסיף לו אות אחת על שמו כלומר ד' יושיעך מעצת מרגלים (רש"י).

די גרויסע מענטשן דאַרפן גראַדע האָבן סיעתא דשמיא, ווייל די קעגן כחות וואָס שטעלן זיך צו שטערן דעם גרויסן מענטשן אין זיין הייליקע אַרבעט, זיינען אויך גרויסע, ווי די חז"ל זאָגן „כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו".

מען דאַרף האָבן חיזוק פאַר גייסטיקייט

והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ (יג, כ).

אויף נעמען זיסע גוטע פרוכט, צו וואָס דאַרף מען זיך שטאַרקן דערצו? דער תירוץ איז, אַז מען דאַרף זיך שטאַרקן אום ניט פאַרגרעבט צו ווערן און ניט צופיל פאַר'גשמ'ט ווערן, נאָכן באַזיצן די גוטע פרוכט, ווי מען זאָגט על פי צחות דער פסוק, „כי שחה לעפר נפשנו, דבקה לארץ בטננו" (תהלים מ"ג), ווען דער בויך ווערט באַהעפט צו אַלעם ערדישעס, ווערט אויך די נשמה דערנידערט צו דער ערד... און וואָס זעען מיר ביי די מרגלים, די הענט זיינען געווען פול מיט גוטע טייערע פרוכט אָבער עס האָט געפעלט נשמה באַגייסטערייונג, און אַזוי אַרום זיינען זיי פאַרגרעבט געוואָרן און נכשל געוואָרן. (תשבי)

אמונה פאַרלאָרן — אַלץ פאַרלאָרן

והאנשים אשר עלו עמו אמרו לא נוכל לעלות אל העם כי חזק הוא ממנו (יג, לא).

כביכול כלפי מעלה אמרו (רש״י).

ענלעך אויף דעם איז דאָ אין גמרא (סוטה לה). די ערגסטע זינדיקסטע רייד פון די מרגלים זיינען אָט די ווערטער, עס מיינט אין אידיש: דער רבש״ע וועט זיי אויך ניט קענען באַזיגן. נאָך דעם ווי אידן האָבן געזען ג-ט׳ס וואונדער, צו ריידן אַזוי, איז עס שרעקלעך. ווען עס איז דאָ אַפילו אַביסל אמונה, דאַרף מען אַזוי ניט ריידן, אָבער דער כח הטומאה האָט זיך געשטאַרקט און זיי האָבן זיך פאַרלאָרן... (דער גערער רבי שליט״א)

יאוש איז אַ קנין — פאַרוואָס?

מערקווירדיק, אַז ביי אַ געפינס, איז אויב דער פאַרלירער האָט זיך מיאש געווען, דאַן איז דער געפינער באַרעכטיקט על פי דין צו דעם, און ער איז עס קונה. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז דאָס איז מטעם קנס, אַ איד טאָר קיינמאָל זיך ניט מיאש זיין... האָט מען אים גע׳קנס׳ט דערפאַר. קוה, האָף איד און גלויב אין ג-ט אין אַלע אומשטענדן.

ארץ ישראל קומט אָן שווער

וישכימו בבקר ויעלו אל ראש ההר (יד, מ).

אל ראש ההר, הוא הדרך העולה לא״י (רש״י).

וואַרשיינלעך איז דער וועג צו ארץ ישראל שטענדיק געווען און איז איצט אויך „באַרג אַרויף״, קיינמאָל איז עס ניט לייכט געווען צו עראָבערן ארץ ישראל, שווער און מיט יסורים קומט עס אונז אָן. וואָס שווערער אָבער עס קומט אָן ביים עראָבערן אַלס פעסטער וועלן מיר זיך האַלטן אָן איר, און אַלס טייערער ווערט זי אונז...

צוקונפט מוזיק וואָס די תורה פאַרזיכערט

ואולם חי אני וימלא כבוד ד׳ את כל הארץ (יד, כא).

דער חפץ חיים זי״ע פלעגט זאָגן זייער אַ טיפזיניקן וואָרט אויף דעם פסוק: ווען אַ איד הויבט זיך אויף אין דער פרי, פונ־וואַנען ווייס ער אַז עס וועט זיין אַ טאָג אַזוי ווי נעכטן, די זון

וועט שיינען און די וועלט וועט עקזיסטירן, פונוואַנען ווייס ער דאָס? ווער גאַראַנטירט דאָס פאַר דעם? טאָמער הערט טאַקע אויף די וועלט צו עקזיסטירן? דאָס וואָס עס איז געווען ביז אַהער, גאַראַנטירט נאָך ניט אַז אַזוי וועט ווייטער אויך זיין! אַ מענטש פון היינטיקער צייט וועט אויף דעם ענטפערן, אָ! די וויסנשאַפט זאָגט... אָבער מיר ווייסן דאָך, ווי ווייט די וויסנשאַפט ווייס ווייניק, און דאָס וואָס זי ווייס איז נאָר וואָס עס עקזיסטירט שוין, אָבער זי ווייס גאָר ניט וואָס עס וועט זיין...

פלעגט דער ח"ח זאָגן, מיר ווייסן אַז די זון וועט שיינען נאָר ווייל די תורה זאָגט אונז אַזוי, דער פסוק זאָגט „עוד כל ימי הארץ, זרע וקציר, וקר וחם וקיץ וחרף ויום ולילה לא ישבתו" (בראשית ט, כב). און דאָס איז די גאַראַנטיע.

נו, דאָס זעלבע זאָגט די תורה „וימלא כבוד ד' את כל הארץ", אויף וועלכער צייט מיינט דאָס? ווען וועט דאָס דער כבוד פון ג-ט פול ווערן אויפן גאַנצן ערד קוגל? ווען? דערווייל ביז אַהער האָט נאָך די וועלט ניט דערגרייכט צו דער מדרגה און איז ווייט דערפון, דאָס איז נאָר אַ צוקונפט פאַרשפּרעכן, צוקונפט מוזיק, עס וועט אָבער זיכער קומען אַזאַ תקופה, ווייל די תורה זאָגט אַזוי און אָט אויף יענער צייט דאַרף אַ איד וואַרטן און בענקען, אָבוואָל עס פאַרשפּעטיקט זיך, דאַרפן מיר גלויבן און וואַרטן, דער כבוד שמים וועט קומען מיטן גאַנצן פּראַכט. (חפץ חיים על התורה)

ניט צושטיין צו שלעכטע מערהייט — איז אַ נסיון

ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו, וימלא אחרי וגו' (יד, כד).

מערקווירדיק וואָס כלב האָט געקראָגן דעם זעלבן טיטול „עבדי" וואָס משה רבנו? פאַרוואָס האָט יהושע ניט געקראָגן דאָס זעלבע? דער תירוץ איז, ווייל יהושע האָט געהאַט די הילף פון ג-ט ספּעציעל פאַר דער געלעגנהייט, ווי די חז"ל זאָגן אַז משה האָט אים געבענטשט מיט דער ברכה „י-ה יושיעך מעצת מרגלים" דאַקעגן כלב האָט דאָס ניט געהאַט, און ער האָט געדאַרפט קעמפן מיט זיך אַליין ער זאָל ניט פאַרפּלאָנטערט ווערן אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אינעם גייסט פון די מרגלים, און זעענדיק אַז ער קען ניטביישטיין אָט דעם אינערלעכן דראַנג צו מיטגעשלעפּט ווערן מיט דער מערהייט, איז ער אַוועק קיין חברון אויף קברי אבות צו בעטן זכות אבות, ער זאָל ניט נכשל ווערן אין דעם נעץ פון די

מרגלים, אַט דערפאַר איז זיין זכות גרויס. און אַט דאָס מיינט דער פסוק „עקב אשר היתה רוח אחרת עמו", דאָס הייסט ער איז מיטגעשלעפט געוואָרן מיטן פסיכאָז פון דער מערהייט, ער האָט אָבער זיך געשטאַרקט קעגן דער מערהייט און איז אַרויס דער זיגער. (אוה"ח הק')

אַלע שוועריקייטן דאַרף מען בייקומען צוליב אידישקייט און אמונה

ויהס כלב את העם אל משה, ויאמר עלה נעלה וגו' (יד, ל).

— אפילו בשמים והוא אומר עשו סולמות ועלו שם נצליח בכל דבריו (רש"י).

וואָס איז דאָס פאַר אַן אויסדרוק, מאַכן לייטערס, קריכן אין הימל אַריין?

דער געדאַנק דערפון איז אַזוי, אַ איד דאַרף שטרעבן צו תורה און זיין איבערגעגעבן פאַר דער זאַך אין אַזאַ מאַסשטאַב און אַזוי פיל אַז דער געדאַנק זיינער דאַרף אים ערלויבן צו דענקען וועגן קריכן אויפן הימל, אַט ביי אַזאַ ווילנסקראַפט און פאַרשטעלונג מוז מען שוין מצליח זיין און אויפטאָן. אויף אַן ענלעכן אופן געפינען מיר די גמרא (עירובין נה) „לא בשמים היא לאמר מי יעלה לנו השמימה ויקחה לנו", זאָגט רש"י דאָרט „שאילו היתה בשמים היית צריך לחזור אחריה".

דער דור פון עיקבא דמשיחא

וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה, והבאתי אותם וידעו את הארץ (יד, לא).

אין אַ בריוו פון ארץ ישראל צו זיינע פריינט אין חוץ לאָרץ, שרייבט ר' מענדעלע וויטעבסקער ז"ל, אַט די דורות פון עיקבא דמשיחא, וואָס איר זייט זיי מבזה און פאַראַכטעט זיי, זיי גראַדע וועלן זיך איבערגעבן מיט ליבשאַפט און מסירת נפש פאַר דאָס לאַנד, און טאַקע דערפאַר וועלן זיי זוכה זיין צו האָבן די גאולה. (נרות שבת)

גיט צדקה מיט אַ גוט האַרץ

ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה, כתרומת גורן כן תרימו אותה (טו, כ).

ביי צדקה האָט די תורה זעגאָגט „נתן תתן", מען זאָל געבן

פיל מאָל. די נאַטור אָבער איז, אַז דעם ערשטן מאָל, דעם צווייטן מאָל גיט מען מיט שמחה, אָבער צום פינפטן, זעקסטן מאָל, איז שוין ניט אַנגענעם, און וואָס ווייטער איז אַלץ מער ניט אַנגענעם.

דער אידישער פּאַרמער איז אַנגעזאָגט געוואָרן צו געבן צדקות זייער פיל אָנפאַנגען מיט תרומה, נאָך דעם מעשר ראשון, מעשר שני, לקט שכחה פאה, און נאָך... דוכט זיך שוין געענדיקט, ניין — ער קומט מאַכן טייג, מוז ער ערשט אָפּשיידן חלה.

זייער ניט אַנגענעם, מען רייסט דעם ביסן פון מויל און עס פאַרדריסט, קומט די תורה און זאָגט אָן: עס זאָל ניט פאַרדריסן, נאָר אַפילו חלה זאָלסטו געבן מיט שמחה, אַט אַזוי ווי די ערשטע תרומה. אַט דאָס מיינט דער פסוק: כתרומת גורן כן תרימו אותה.

מצות חלה ברענגט ברכה

ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה וגו׳ (טו, כא).

דער ספורנו זאָגט דאָ, אַז דעריבער קומט די מצוה פון חלה נאָך דער געשיכטע מיט די מרגלים, ווייל דער חטא פון די מרגלים האָט מבטל געווען די ברכה אין ארץ ישראל, האָט מען געדאַרפט די מצוה פון חלה, זי זאָל ברענגען צוריק ברכה צו דער ערד, ווי דער פסוק זאָגט „וראשית עריסותיכם תתנו לכהן להניח ברכה אל ביתך״ (יחזקאל מד).

ניט אָפּנאַרן זיך און איבערהויפּט ניט נאַרן אַ צווייטן

אני ד׳ אלקיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים (טו, מא).
אמר רבא למה לי דכתב רחמנא יצ״מ בציצית, אמר הקב״ה אני הוא שהבחנתי וכו׳ אני הוא שעתיד ליפרע ממי שתולה קלא אילן בבגדו ואומר תכלת הוא (ב״מ ס״א).

רש״י זאָגט אַז דאָס מיינט צו פאַרקויפן צו אַ צווייטן אַ בגד און אָפּנאַרן יענעם, תוספות אָבער מיינט אַז דאָס מיינט צו אָנטאָן פאַר זיך, אויך אַנדערע מפרשים דענקען אַזוי צוליב דעם וואָרט „בבגדו״, זיין בגד. און דאַן איז דאָך מערקווירדיק, טאַ וועמען נאַרט ער? זיך אַליין? ווי איינער וואָלט בענטשן אום סוכות אויף אַ לעמאָן ניט אויף אַן אתרוג. מיר דוכט אַז רש״י איז גערעכט, און רש״י דערקלערט אַז „תכלת דמיו יקרים, שצבוע בדם חלזון שעולה מן הים אחת לשבעים שנה״, איז צוליב די שווערקייט צו

קריגן עס קאָסט דאָס טייער, און עס איז גרינג דעריבער אָפּצונאַרן מענטשן וואָס זוכן דאָס צו קריגן.

אַ שבת׳דיקער נשיא און אַ יום טוב׳דיקער נשיא

נשיאי עדה קריאי מועד אנשי שם (טז, ב).

די קדושה פון שבת איז אַן איינענע, אַ זעלבסטשטענדיקע, דאַקעגן די קדושה פון יום טוב איז אָפּהענגיק אָן די באַשטימונג פון בית דין, ד״ה פון אידן אַליין ווען יום טוב זאָל זיין.

דאָס זעלבע איז פאַראַן צוויי מדרגות אין נשיאות, די ערשטע איז אַ שבת׳דיקע, אַ נשיא וועלכער איז ווערטפול און הייליק פון זיך זעלבסט, דער איז געגליכן צו שבת, דאָס מיינט נשיאי עדה, און דער זוהר הקדוש זאָגט טאַקע אויך אַז אַ תלמיד חכם ווערט אָנגערופן שבת. די צווייטע מדרגה איז אַ יום טוב׳דיקע, דאָס הייסט קריאי מועד, אַ נשיא וואָס בלויז אידן האָבן אים געמאַכט און געקרוינט פאַר דעם, דער איז „יום טוב״... ביי די עדת קרח איז אויך געווען קריאי מועד, יום טוב׳דיקע מנהיגים... (אמרי שפר) „אנשי שם״ מיינט מענטשן וואָס האָבן פאַרדינט אַ גוטן שיינעם נאָמען, און זיינען ניט קיין נשיאים.

קרח

מוסר זאָגן, נאָר פאָטערלעך

רב לכם בני לוי (טז, ח).

א״ר לוי ברב בישר, ברב בישרוהו, רב לך אל תוסף דבר אלי (מדרש רבה).

מיר פאַרשטייען דעם חז״ל אַלס אַ שטראָף צו משה רבנו, קומט דאָך אָבער אויס, אַז משה האָט ניט ריכטיק גערעדט צו קרח׳ן וסיעתו, איז דען קרח גערעכט געווען, ווי קומט דאָס?

דער אמת איז אָבער אַנדערש, ר׳ לוי לערנט אונז דאָ ווי אַזוי אַ מנהיג, און יעדער מענטש, דאַרף ריידן צום צווייטן וועלכער טוט ניט גוט, און ער זאָגט אים מוסר, ווי ווייט די שפּראַך פון דעם מוסר דאַרף זיין איינגעהאַלטן, איידל, ראַפינירט, ניט צו מבייש זיין, נאָר צו אויסבעסערן. אָט האָט משה רבנו געזען דעם גרויסן פאַרברעכן פון עדת קרח ער איז אָבער זיי ניט באַפאַלן מיט

פייערדיקן פאָרוואורף, נאָר האָט פּאַטערלעך געעדט צו זיי „רב לכם בני לוי”, דערמאָנט זיך, איר זייט דאָך די מיוחסים, די אדעל לייט, ווי קומט דאָס צו אייך מאַכן מחלוקת?

אָט דערפאַר האָט ג־ט אים געטאָן מדה כנגד מדה, ווען משה האָט געוואָלט אָפּבעטן די גזירה פון אַריינגיין אין ארץ ישראל, און ער האָט ניט אָפּגעלאָזן מיט טענות ומענות, האָט דער רבש"ע אים געענטפערט פּאַטערלעך „רב לך”, משה דו האָסט גענוג שכר אויף דיין קרעדיט, דו ביסט גרויס, פאַר אַ גרויסן מענטשן פּאַסט ניט צו ריידן צופיל... (אהל יעקב)

ליצנות קעגן תורה איז כפירה

ובמושב לצים לא ישב, זהו קרח שהי׳ מתלוצץ על משה ואהרן, מה עשה כינס עליהם כל הקהל וכו׳ ואמר להם, אלמנה היתה בשכונתי באת לחרוש, אמר לה משה לא תחרוש בשור וחמור, באת לזרוע א"ל משה שדך לא תזרע כלאים וכו׳ (ילקוט שמעוני טז).

אייגנטלעך איז אומפאַרשטענדלעך, ווי קומט צו קרח׳ן ליצנות, עס איז דאָך נאָר מחלוקת און כבוד וואָס האָט זיי פאַרפירט, אָבער ניט ליצנות?

נאָר די ליצנות איז באמת געווען ערנסטע קריטיק אין דער פאָרם פון סאַטירע אויף די תורה טרעגער, און געוועקט ביי די מאַסן געפילן פון רעוואָלט צו די פירערשאַפט, ניט פון גערעכטע טענות נאָר אָט די גיפטיקע קריטיק האָט זיך גענומען פון קנאה און כבוד פאַרבלענדעניש. ווייל דער ווילן פון רבש"ע איז געווען אויסגעדריקט אין דער תורה אַז די כהנים די לערער פון פאָלק, דאַרפן געשטיצט ווערן פון פאָלק, און די יעניקע וועלכע זיינען געווען קעגן אָט די פרינציפן, זיינען געווען קעגן דער תורה און רבש"ע.

די מדה פון צניעות

ויקח קרח, זה שאמר הכתוב, חכמות נשים בנתה ביתה, זו אשתו של און בן פלת, ואולת בידיה תהרסנה, זו אשתו של קורח וכו׳ (ילקוט שמעוני).

ניט דער ענין פון מחלוקת, נאָר די גרויסקייט פון צניעות איז דאָ צו באַמערקן, ווי גרויס און שטאַרק עס איז געווען ביי

אידן שטענדיק. באמערקט און זעט: דער פייער פון מחלוקת האט זיך צעפלאקערט, לעבנס זיינען געווען אין געפאר, און דאך האט עס זיי ניט אפגעהאלטן. אבער עובר זיין אויף צניעות'דיקער מאראל, דאס ניט! ווער האט דאס אויפגעטאן? — און בן פלת און זיין פרוי. זיין ווירדיקע פרוי האט געוואלט אפהאלטן איר מאן פון מחלוקת, וואס האט זי געטאן? זי האט צעפאטלט אירע האר פון קאפ און איז געזעסן אט אזוי אין טיר פון איר הויז, ווען די חברה זיינען געקומען זיינען זיי אוועק און ניט אריין אין הויז אום ניט צו עובר זיין אויף דער מאראל פון צניעות. מיר זעען דערפון ווי שטארק פעסט מאראליש זיי זיינען געווען אין דעם ענין פון צניעות.

דער אלטער מיטל

וכל ישראל אשר סביבותיהם נסו לקולם, כי אמרו פן תבלענו הארץ (טז, לד).

האט דאך געדארפט שטיין „נסו מקולם"? צוליב זייערע קולות זיינען אלע אנטלאפן. און ווידער, ווי קען מען עס אנטלויפן פון ג-ט? די ערד קען זיך דאך אויפן באפעל פון ג-ט עפענען אומעטום?

קען מען עס פארענטפערן אזוי, לויט דעם מדרש רבה (פ' בשלח) האט יצחק געמאכט ירש'נען צו יעקב'ן דעם „קול יעקב", דאס מיינט אז ווען עס וועט זיך מאכן ח"ו אן עת צרה, זאלן אידן אנווענדן דעם מיטל פון תפלות צו ג-ט. אט דאס מיינט דער פסוק „נסו לקולם" — זיי זיינען געלאפן צום „קול יעקב", צו שרייען צו ג-ט... (ר' העניך מאלעסק)

חוקת

די וועלטס חשבון

דרשה לפרשת חוקת

על כן יאמרו המושלים בואו חשבון וגו'.

כי אש יצאה מחשבון להבה מקרית סיחון, אכלה ער מואב וגו', אוי לך מואב, אבדת עם כמוש, נתן בניו פליטים ובנותיו בשבית למלך אמורי סיחון.

על כן יאמרו המושלים, אלו המושלים ביצרם, בואו חשבון,

בואו ונחשוב חשבונו של עולם, הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה (בבא בתרא עא).

אייגענטלעך פונוואנען דרינגט דאָס ארויס די גמרא אזוי צו דרש׳נען? מילא דער „המושלים ביצרם" איז כאָטש דער וואָרט „לשון נופל על לשון", אָבער דער מוסר השכל פון „בואו ונחשוב" וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו דעם ענין וואָס סיחון האָט באַזיגט מואב? ווי אַזוי קומט דאָ ארויס דער געדאַנק? אויך איז אומפאַרשטענדלעך וואָס דער פסוק קומט און איז מבזה דעם פאָלק מואב, און כמעט ווי ער שילט אים, וואָרום דער סוף פסוק „אוי לך מואב, אבדת עם כמוש" מיינט אָדער אַ קללה אָדער אַ דער־נידערונג, נו און אויב אַ פאָלק פאַרלירט אַ מלחמה דאַרף מען עס נאָך דערנידערן? איז דאָך אַזוי דער שטייגער פון דער וועלט, איינער געווינט, דער אַנדערער פאַרלירט!

נאָר די ווירקלעכקייט וואָס עס האָט פּאַסירט אין דער מלחמה פון מואב מיט אמורי, פאַרוואָס איז מואב באַזיגט געוואָרן, גיט אונז אָן אָנדייט אויף דעם דער „אבן עזרא" אין קורצע איינִיקע ווערטער: כי אש יצאה מחשבון, רמז לאנשים שקשרו בחשבון על מלכה (זע אבן עזרא). דאָס מיינט, אַז ניט די גבורה פון סיחון האָט דאָ דעצידירט די מלחמה, נאָר דער אינערלעכער אויפשטאַנד אין מואב, און דאָס איז געקומען צוליב דעם שוחד וואָס סיחון האָט געגעבן צו די מלחמה־פירער פון מואב, און זיי האָבן פאַראַטן זייער אייגענעם לאַנד. אָט דאָס מיינט „כי אש יצאה מחשבון", דער פייער וואָס האָט חרוב געמאַכט מואב, איז ארויס פון „חשבון" זיין אייגענער הויפּט שטאָט.

און לויט דעם כלל „סהדי שיקרי אאיגרייהו זילי" (סנהדרין כ״ט), האָבן די סיחונים זעלבסט זיי פאַרגעוואָרפן, זעט וואָס איר זייט, איר נידעריקע ברואים, איר האָט פאַראַטן אייער אייגן פאָטער־לאַנד צו אונז, איר האָט פאַרלאָרן אייער לאַנד, אויך אייער אמונה, און אייערע זין און טעכטער זיינען אין געפענגעניש!

אָבער באַטראַכטענדיק ווי אַזוי זיינען זיי, די גענעראַלן פון מואב, אַזוי געפאַלן נידריק צו לאָזן זיך אונטערקויפן דורך געלט פון זייער שונא, עס איז געקומען דורך דעם וואָס זיי זיינען געווען געדריקט עקאָנאָמיש און דאָס האָט זיי געבראַכט דערצו, צוליב אַ צייטווייליקן וואוילטאָג צו פאַרקויפן די ערע און די צוקונפט

פון זייער לאַנד. פון אַט דער אויסטערלישער פּאַסירונג דרינגען דאָס אַרויס די חז"ל דעם מוסר השכל, אַז ווען איינער טוט עבירות, איז עס אויך צוליב אַ צייטווייליקע באַפרידיקונג, אַבוואַל שפּעטער וועט ער פיל פאַרלירן פון דעם... דאַקעגן אַבער מצוות, איז אַבוואַל דוכט זיך אַז ער פאַרלירט, דערפאַר פּראָפּעטירט ער זייער פיל שפּעטער...

על כן יאמרו המושלים בואו חשבון, אלו המושלים ביצרם, זיי האָבן געלערנט אַ גוטע לערע פון חשבון... (הר"ר בן ציון ציסלינג)

די קריטיקער

זאת חוקת התורה (יט, ב).

— שהשטן ויצה"ר משיב עליהם (יומא סג).

די פרייגעזאָגענע קריטיקירן שטענדיק די חוקים, אַט די תורה געזעצן וואָס זיי פאַרשטייען ניט. נו, פרעגן מיר זיי, און די משפּטים האָט איר דען ליב? איר זאָגט אַז יע, אָבער עס איז נאָר געזאָגט, אין דער פּראַקטישער וואַרהייט צעברעכט איר אויך די מצוות השכליות אויב נאָר זיי זיינען קעגן אייערע וואונטשן.

דוד המלך האָט דאָס באַשטעטיקט אין זיין תהלים (קאַפּ. נ') ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חקי ותשא בריתי עלי פיך, ואתה שנאת מוסר ותשלך דברי אחריך. (המדרש והמעשה)

ב) אַנדערע פרעגן דאָ, אויב עס איז דאָ קריטיק אויף חוקים ווייל עס איז קיין טעם ניט געזאָגט געוואָרן אויף דעם, טאָ פאַרוואָס האָט טאַקע דער רבש"ע ניט געזאָגט דעם טעם?

דער רמב"ם זאָגט אַז דאָס וואָס די חז"ל זאָגן אַז די חסידי אומות העולם אויב זיי זיינען מקיים שבע מצוות וועלן האָבן עולם הבא, איז נאָר דוקא אויב זיי טוען דאָס צוליב ציווי ד' אַלס אַ מצוה אָן אַ טעם, אָבער זיי טוען עס ניט צוליב מענטשלעכן יושר, אָדער צדק פּרינציפּן. און ווי די חז"ל זאָגן גדול המצווה ועושה ממי שאין מצווה ועושה, — ווייל דער אינו מצווה, טוט עס דאָך בלויז צוליב הומאַניטאַרן יושר, און דאָס איז ניט תורה... דער מאָטיוו פון רמב"ם איז, ווייל קעגן אַ מצות ד', איז דאָ אַ קעגן ווילן, אַ יצר הרע וועלכער באַקעמפט עס, איז דערפאַר די מצוה גרעסער...

די מויל דאַרף זיין אָפּגעהיט, צוגעמאַכט

וכל כלי פתוח אשר אין צמיד פתיל עליו טמא הוא (יט, טו).

על פי הצחות זאָגט מען דאָ, אַז דער מויל איז אויך אַ כלי וואָס דאַרף זיין פאַרמאַכט, דאַן איז עס ריין און ווערט ניט נכשל אין לשון הרע און רכילות און נאָך זינד וואָס דער מויל ברענגט, און עס איז טהור. אָבער אויב די כלי האָט ניט קיין צודעק, און עס בלייבט אָפן, דאַן ברענגט דאָס צו פאַרשידענע זינד און עס איז טמא...

צווייערליי מוסר זאָגן — וועלכע איז די בעסערע?

ודברתם אל הסלע לעיניהם (כ, ח).

יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בני ישראל (כ, יב).

קומט אויס אַז דאָ איז געווען צוויי פאַרברעכנס. רש״י באַ־צייכנט זייער חטא, פאַר שלאָגן דעם שטיין, דער רמב״ן זאָגט אַז זייער חטא באַשטייט, ווייל זיי האָבן זיך שאַרף אויסגעדריקט „שמעו נא המורים״. באמת זיינען ביידע טעמים איינס, ווי פאָלגט.

אין דעם צוגאַנג צו שטראָפן אידן זיינען דאָ צוויי בחינות, מעטאָדן: א) מיט ווייכע צערטלעכע רייד, מען זאָגט צו אידן זייער יחוס, זייערע מעלות, און דעם גרויסן נחת רוח וואָס זיי פאַרשאַפן צום רבש״ע ווען זיי טוען גוטס, און פאַרקערט האָט דער רבש״ע צער. ב) די צווייטע בחינה איז, דורך האַרטע פייער־דיקע רייד, מיט פאַרוואורף און פאַרשעמען.

אין ביידע פאַלן ווירקט דאָס, אָבער דער אונטערשייד איז: דער ערשטער אופן פון מוסר זאָגן, דערהויבט די אידישע נשמה אין מדרגות אין אידישקייט, מאַכט ווייך דאָס אידישע האַרץ, און וועקט אויף צו גוטע מעשים. דאַקעגן דער צווייטער אופן, וואַרפט אַראָפּ די מדרגות און דער רעזולטאַט איז ניט אַזוי ערפאָלגרייך ווי אין ערשטן אופן.

באַזירט אויפן כלל אין חז״ל, „בראשית בשביל ישראל שנקראו ראשית״, ד״ה די גאַנצע בריאה איז צוליב אידן, ממילא דאַרף די בריאה (די נאַטור) טאָן דעם רצון און אַלץ וואָס עס איז גוט פאַר אידן. דעריבער ווען משה רבנו וואָלט געשטראָפט אידן מיט ווייכקייט, וואָלט ער ניט געדאַרפט שלאָגן דעם שטיין, נאָר דער שטיין אַליין אַלס אַ טייל פון דער בריאה, וואָלט געטאָן דעם רצון פון אידן,

וועו אָבער משה רבנו האָט געזאָגט „שמעו נא המורים", מיט די פייער רייד, האָט ער פעסטגעשטעלט די נידעריקע מדרגה פון פאָלק, דאַן ווייל שוין דער שטיין ניט געבן קיין וואסער און ער האָט אים געמוזט נויטן און שלאָגן.

קומט דאָך אויס, אַז ביידע געשעענישן זיינען אָפּהענגיק איינע אָן די אַנדערע, ווייל ער האָט געזאָגט „שמעו נא המורים" האָט ער שוין געמוזט שלאָגן דעם שטיין. און דאָס איז מרמז די תורה: להקדישני לעיני בני ישראל, אידן האָבן געקענט פאַרשטיין אַז דורך אַ העכערע מדרגה דאַרף דער שטיין געבן זיין וואסער...
(קדושת לוי)

האַלט אַ שטעקן און באַנוץ אים ניט

ויאמר ד' יען אשר לא האמנתם בי להקדישני (כ, יב).

שאילו דברתם אל הסלע והוציא מים הייתי מקודש לעיני העדה (רש"י).

לויט די רש"י זעט אויס אַז זייער זינד איז באַשטאַנען וואָס זיי האָבן ניט גערעדט צום שטיין, נאָר זיי האָבן געשלאָגן דעם שטיין. דער רמב"ן באַמערקט אָבער, אויב זיי האָבן ניט געדאַרפט שלאָגן דעם שטיין, טאָ וואָרום האָט דער רבש"ע אים געהייסן נעמען אַ מטה?

מיר לערנען אָפּ דערפון אַ פיינעם געדאַנק, אַז אַ מנהיג פון אַ פאָלק, אָדער פון אַ געמיינדע, דאַרף באַזיצן אַ שטעקן, דאָס מיינט מאַכט, אום צו קענען פירן דאָס פאָלק, אָבער באַנוצן דעם שטעקן דאַרף מען ניט, נאָר בעסער צוריידן צום געפיל און צו דער פאַרנונפט פון פאָלק...

זה נהנה וזה לא חסר, איז אַ אידישע מדה

ולא נשתה מי באר (כ, יז).

מי בורות היה צ"ל (רש"י).

אַלע פאַרשטיין אַז צו רש"י איז געווען שווער דער לשון יחיד, „באר", וואָרעם ששים רבוא קענען דאָך ניט אויסקומען מיט איין ברונעם. אָבער דאַן איז דאָך אויך שווער דער לשון „ולא נעבור בשדה ובכרם", איז דען גענוג אויסקומען מיט איין וועג דורכצוגיין פאַר אַזאַ עם רב?

נאָר רש״י מיינט אַן אַנדער זאַך צו באַמערקן. לויט ווי די גמרא אין עירובין איז מחלק צווישן „בור״ און „באר״, „בור״ מיינט, אויפגעזאַמלטע רעגן אָדער טייך וואַסער, „באר״ מיינט קוועלנ־דיקע וואַסער. משה האָט דעריבער ניט געקאָנט זאָגן אַז ער וועט ניט נעמען קיין „באר״ וואַסער, דאָס הייסט קוועלנדיקע וואַסער, וואָרום עס איז דאָך „זה נהנה וזה לא חסר״, און אַפילו אדום וועט דאָך ניט זיין אַזוי שלעכט ניט צו געבן „מי באר״. און דאָס פרעגט רש״י „מי בורות״ האָט געדאַרפט שטיין, וואָס דאָס איז פשוט׳ע וואַסער, און דרך אגב ניט איין ברונעם נאָר פיל.

פון דעם זעען מיר ווי מיר רעאַגירן אויף פאַרדאַרבנקייט. די שלעכטס פון דער וועלט צו אונז, שטייגט אַריבער אַן אַ שיעור אַט די מדרגה פון ניט געבן וואַסער, נאָר פיל ערגערס... (מהרש״א)

דער הספד איז געווען גלייכצייטיק

ויראו כל העדה כי גוע אהרן, ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל (כ, כט).

איז עס אייגענטלעך אַ כפל לשון, „ויראו כל העדה״ מיינט דאָך דער כלל ישראל, און „כל בית ישראל״ צום ענדע פסוק, מיינט דאָך אויך דעם כלל ישראל.

די גמרא אין תענית זאָגט אויף דעם, אַז פון דער צייט וואָס אהרן איז נפטר געוואָרן איז „נסתלקו ענני הכבוד״, דאָס מיינט דער אידישער כבוד, די גלאָריע פון אידן איז פאַרשוואונדן, און די שכינה האָט זיך דערווייטערט, דעריבער איז דער הספד אויף אהרן געווען זייער גרויס, ווייל ניט נאָר אהרנ׳ען האָבן זיי מספיד געווען נאָר זיי האָבן מספיד געווען דעם כלל ישראל, זיך זעלבסט, דעם כבוד ישראל. און דער פסוק מיינט „ויבכו את אהרן״ זיי האָבן דורך אהרן׳ס טויט באַוויינט „את כל בית ישראל״, דעם אידישן כלל... (הרב הגאון ר״ר כ״ץ שליט״א)

רציחה איז ביי אידן אַ זעלטנהייט

דער גאון ר׳ מאיר שמחה ז״ל זאָגט דאָ, אַז פון דעם פסוק איז אַ ראי׳ דאָס ביי אידן האָט ניט פּאַסירט די גאַנצע צייט קיין רוצח אַפילו בשוגג, וואָרום אויב עס וואָלט יע געווען אַ רוצח, וואָלט ער דאָך געגאַנגען אין גלות, און דורך דעם טויט פון כהן

גדול, ווערט ער דאך באפרייט, וואלטן דאך דעם רוצח׳ס פאמיליע, ניט געוויינט אויף אהרן׳ס טויט, און דער פסוק זאגט אז אלע אן אויסנאם האבן אים באוויינט, איז א סימן אז עס איז קיין רוצח ניט געווען...

די גבורים אפילו אין געפאנגענשאפט

על כן יאמר בספר מלחמות ד׳ (כא, יד).

והגלה את ירושלים, ואת כל השרים, ואת כל גבורי החיל (מלכים ב, כד).

וכי מה גבורה יש בבני אדם ההולכים בגולה, אלא אלו גבורי תורה (ילקוט).

מיר זעען אלזא פון דעם ילקוט, אז ניט די נאטירלעכע מלחמות פון אידן קעגן זייערע שונאים, וואס זיינען סאנקציאנירט געווארן פון דער תורה, נאר די מלחמה און מאנעוורירונג אין דער תורה זעלבסט אין תלמוד תורה שבעל פה. די גבורים זיינען ניט קיין שווערדן פעכטער, נאר גבורים אין סברא, חריפות און בקיאות, און אט די גבורים האבן די אייגנשאפט ניט צו באזיגט ווערן. אפילו ווען זיי גייען אין געפאנגענשאפט אין גלות זעצן זיי פאר זייער גבורה, אט דאס מיינט דער ספר מלחמות ד׳...

בלק

אידן דאס ג-ט געבענטשטע פאלק

לא תאור את העם כי ברוך הוא (כב יב).

אייגענטלעך צו וואס דארף מען דעם מאטיוו „כי ברוך הוא״? עס איז דאך גענוג ווען ג-ט זאגט צום רשע, דו זאלסט ניט שעלטן.

נאר עס איז א כלל אין חכמת האמת, אז דער דבור פון ג-ט קען ניט איבערגעאנדערשט ווערן, אבער די מחשבה זיינע קען יע נשתנה ווערן. אט ווי די חז״ל זאגן, בתחילה עלה במחשבה לברוא העולם במדת הדין, ראה שאין העולם מתקיים, שיתף והקדים לה מדת הרחמים (מ״ר יב, טו). זעען מיר אז די מחשבה גייט יע אונטער א שינוי, ביי דבור אבער זאגט דער נביא „כי כאשר ירד הגשם והשלג וגו׳ כן יהי׳ דברי אשר יצא מפי לא ישוב אלי ריקם״ (ישעי׳ נה).

דעריבער אַז בלעם האָט געפרעגט צי זאָל ער שילטן, האָט דער בורא ניט געוואָלט איבערלאָזן די זאַך צו זיין מחשבה ווייל טאָמער וועט בלעם מכוון זיין שפּעטער די רגע פון כעס, האָט ער דעריבער געזאָגט דייטלעך די ווערטער „כי ברוך הוא", דאָס האָט שוין געשלאָסן די זאַך אויף שטענדיק. (דברי יהושע מאנאסטרישצער רבי זצ"ל)

דאָס מויל רעדט וואָס דאָס האַרץ וויל

אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור את פי ד׳ (כב, יח).

למדנו שנפשו רחבה ומחמד ממון אחרים וכו׳ (רש"י).

די וועלט פרעגט, מיר געפינען דאָך אין דער גמרא אַז ר׳ יוסי בן קסמא האָט געזאָגט כמעט דעם זעלבן לשון „אם אתם נותנים לי כסף וזהב לא אדור אלא במקום תורה" (אבות פרק ו, משנה ט), און מען דרינגט ניט דערפון אַ נייגעריקייט פון געלט...

דער תירוץ איז, ביי ר׳ יוסי האָבן זיי אים אָנגעבאָטן געלט, ווי עס שטייט געשריבן „אמר לי רבי רצונך שתדור עמנו במקומנו ואתן לך אלף אלפים דינרי זהב", און דאָ ביי בלעם׳ען האָט ער אַליין דאָס פאָרגעשלאָגן...

די רשעות פון בלעם

ויקם בלעם בבקר ויחבש את אתונו (כב, כא).

מכאן שהשנאה מקלקלת את השורה, שחבש הוא בעצמו, אמר הקב"ה רשע, כבר קדמך אברהם אביהם, שנאמר וישכם אברהם בבקר ויחבש וכו׳.

אייגענטלעך וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז דאָס? אברהם אבינו האָט זיך מזרז געווען צו טאָן דעם ווילן פון ג-ט, דאַקעגן בלעם דער רשע, האָט זיך מזרז געווען צו טאָן אַנטקעגן דעם ווילן פון ג-ט?

נאָר דער פאַרגלייך באַשטייט אין דעם, אַזוי ווי בלעם האָט געטאָן אַזעלכעס, מיטן ציל צו אויסרייסן מיטן וואָרצל דאָס אידישע פאָלק, און אברהם האָט אויך דאָך געוואָלט טאָן אַזעלכעס וואָס זאָל אויסרייסן דאָס פאָלק, דאָס איז די עקדת יצחק, — ווייל, „כי ביצחק יקרא לך זרע", איז ווען עס זאָל אויסגעפירט ווערן חס ושלום אברהם׳ס זריזות, וואָלט דאָך שוין קיין אידישע אומה ניט

געוועזן. זאָגט ג־ט ב"ה צו בלעם'ען: דו רשע! מה דאָך אברהם וואָס זיין כונה איז געוועזן בלויז צו דערפילן דעם רצון ד', נאָר וויבאַלד דאָס וואָלט געפירט צו אויסרייסן דעם אידישן וואָרצל, איז עס ניט צושטאַנד געקומען, אָבער דו רשע מיינסט דאָך טאַקע אויסרייסן דעם אידנטום קעגן מיין ווילן, וועט דאָס געוויס צעשטערט ווערן. (אהל תורה)

בלעם גערענקט די עדות!

גדר מזה וגדר מזה (כב, כד).

סתם גדר של אבנים הוא (רש"י).

וואָס דערציילט אונז דאָ רש"י? וואָס איז דער אונטערשייד וואָס פאַר אַ גדר דאָס איז געוועזן, שטיינער, האָלץ?

מיר געפינען ווען לבן האָט נאָכגעיאָגט אונזער פאָטער יעקב, האָבן זיי ענדלעך געמאַכט שלום אויף אַ באַרג שטיינער, „עד הגל הזה ועדה המצבה הזאת". — בלעם וואָס איז אַן אָפּשטאַם אייניקל פון לבן, איז געלאָפן שילטן און אויסרייסן יעקב'ס קינדער מיטן וואָרצל, און האָט גאָר פאַרגעסן אַז דאָס זעלבע האָט געוואָלט טאָן זיין אור זיידע לבן, אָבער מען האָט אים פון הימל געוואָרנט „השמר לך מדבר עם יעקב", היט דיינע ביינער לבן, און לבן האָט זיך דערשראָקן און געמאַכט אַן אָפּמאַך איבער אַ באַרג שטיינער אַז זיי זאָלן זיין עדות אויף שטענדיק. זיין אור אייניקל דער תכשיט בלעם האָט אָבער פאַרגעסן פון די עדות, האָט מען אים פאַרקוועטשט צווישן שטיינערנע צאַמען און געצייגט אים: זעסט אָט די עדות... גערענק דו וועסט פאַרקריפּלט ווערן! גערענק „אבן מקיר תזעק". דאָס זעלבע קענען מיר זאָגן צו אַלע אידישע שונאים... (דער תורה קוואַל)

דאָס אידישע פאָלק בינדט זיך ניט מיט אַנדערע

כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, הן עם לבדד ישכון (כג, ט).

— מהו הן, כל האותיות מזדווגין חוץ מב' אותיות הללו.

דער מדרש איז דאָ מרמז פאָלגענדעס: נעמט צב"ש אַלע אותיות פון אלף בית, קען מען זיי בינדן מיט די אַנדערע און עס קומט אַרויס אַ גלייכער צאָל. אלף און טית איז צוזאַמען

צען. דאָס זעלבע בית און חית, און דאָס זעלבע גימל און זיין און אזוי ווייטער. אָבער דעם הא קענט איר ניט בינדן און אויך ניט דעם נון. אלזא דעם הן קען מען ניט בינדן. דאָס זעלבע קענט איר ניט צונויפבינדן דאָס אידישע פאָלק מיט אנדערע פעלקער, דאָס מיינט, „הן" עם לבדד ישכון... (מדרש רבה)

די גויים ווילן אונז ניט, איז עס גוט

הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב (כג, ט).

עס איז שוין א באוואוסטער פאַקט, אז א דאנק וואָס די גויים שטויסן אונז אָפּ, און ווילן אונז ניט אין זייער געזעלשאַפט, אפילו ווען אידן אַסימילירן זיך, א דאַנק דעם, זיינען מיר אָפּגע־זונדערט און אונזערע אַסימילאַנטן קענען קיין גרויסן פּראַגרעס ניט מאכן. דאָס מיינט דער פסוק, „הן עם לבדד ישכון", מיר זיינען ב"ה אָפּגעזונדערט און אייגנאַרטיק, ווייל — „ובגוים לא יתחשב" ווייל מיר האָבן קיין ווערדע ניט ביי די גויים, זיי שטויסן אונז אָפּ.

אָט דעם אויסטייטש האָט געזאָגט דער בעש"ט הקדוש ווען ער איז ארויסגעגאנגען אמאָל פון מקוה, זיינען דורכגעגאנגען פאַרביי עטלעכע גויים, ער האָט געוואָלט זיי אויסמיידן. אין דעם הערט ער ווי איינער זאָגט צום אנדערן, זיי פאַרזיכטיק אז דער דאָזיקער איד זאָל דיר ניט אָנרירן און מטמא זיין... (דגל מחנה אפרים)

די בלינדע אויג

ונאום הגבר שתם העין (כד, ג).

— גברא דשפיר חזי (תרגום אונקלוס).

מיר ווייסן דאָך אז בלעם איז געווען א בלינדער אויף אַן אויג, ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין קה), טאָ וואָס באַדייט דער תרגום אז ער האָט געזען גוט?

פאַרענטפערט דאָס דער בעש"ט הקדוש אזוי, ווי די חז"ל זאָגן אז דעריבער האָט דער רבש"ע געלאָזט רוען די שכינה אויף אַן עכו"ם, אום די אומות זאָלן קיין טענה ניט האָבן, אז ווען זיי וואָלטן האָבן נביאים אזוי ווי אידן וואָלטן זיי געווען גוט. אָבער ווי אזוי קען מען צוקומען צו שכינה, נבואה? מען דאַרף דאָך מקדש זיין, פאַרהייליקן אלע פינף חושים, און בלעם האָט דאָך

מטמא געווען אלע חושים זיינע, ווי די חז״ל זאָגן „שבא על אתונו״. איז דעריבער אום ער זאָל דאָך קענען ווערן אַ נביא, האָט דער רבש״ע אים בלינד געמאַכט אויף איין אויג, ער זאָל מיט דער אויג ניט מטמא זיין זיך און אויף דער אויג איז געקומען דער רוח הקדושה. אָט דאָס מיינט „דשפיר חיזו״, מיט דער בלינדער אויג. (שער בת רבים)

ב.

אויף דעם לשון „הגבר״ זאָגט דער בעל הטורים, אַז בלעם איז געווען געגליכן צו אַ „תרנגול״ אַ האָן, אין דריי זאַכן: ערשטנס אַ מנאף אַזוי ווי אַ האָן, צווייטנס שטייט אויף איין פוס ווי אַ האָן, ווייל ער איז געווען „הגר ברגל אחת״, און דריטנס, ווייס די צייט ווי אַ האָן, ער האָט געוואוסט די צייט וואָס מען קען שילטן... מה אקב לא קבה א־ל...

אידן אַלע צוזאַמען היטן אָפּ די גאַנצע תורה

מה טובו אהליך יעקב וגו׳ (כד, ה).

על שראה פתחיהם שאינן מכוונין זה מול זה (רש״י).

אָט דער שונא ישראל בלעם האָט געזוכט צו געפינען אַ מדה רעה, וואָס דאָס פאָלק ישראל אין אַלגעמיין איז געפעלערט מיט דעם, אום ער זאָל האָבן אַ גרונט צו שילטן. ער האָט צום גליק ניט געפונען, אויב ער האָט יאָ געפונען חסרונות, זיינען דאָס געווען אַזעלכע וואָס זיינען נאָר ביי יחידים, צב״ש, ווען איין איד היט ניט אָפּ משקלות, אָדער משא ומתן באמונה, היט דאָס אָפּ אויסגעצייכנט אַ צווייטער איד, און אויב דער צווייטער איד האָט די מדה פון אכזריות, איז דער ערשטער אַ גרויסער רחמן און בעל צדקה, און אַזוי כסדר, און אַזוי אַרום זיינען דער כלל ישראל צוזאַמען גענומען אַן איינהייט וואָס היט אָפּ די גאַנצע תורה בשלמות.

די תורה רופט אָן אַן עבירה פתח, אַ טיר, ווי דער פסוק זאָגט „לפתח חטאת רובץ״.

בלעם האָט געזען אַז די „טירן״ זיינען ניט איינע קעגן די אַנדערע, דאָס מיינט אַז די חסרונות זיינען ניט ביי אַלעמען, נאָר יעדער האָט זיין באַזונדער חסרון און דאַקעגן מעלות אויך, און דאָס איז גוט, עס איז געגליכן צו הייזער מיט אָפענע טירן, אויב

די טירן זיינען פּינקטלעך איינע אַנטקעגן די אַנדערע, דאַן קען מען ווארפן אַ שטיין, און עס זאָל דורכלויפן אַלע הייזער, ווען אָבער די טירן זיינען ניט איינע קעגן די אַנדערע, דאַן קען דער שטיין ניט דורכלויפן אַלע הייזער. דאָס זעלבע אַז די חסרונות זיינען ניט ביי אַלעמען גלייך... און ער האָט געמוזט צוגעבן מה טובו אהליך יעקב... (שארית יעקב)

דער שיינער אידישער פאַמיליען לעבן

מה טובו אהליך יעקב, משכנותיך ישראל (כד, ה).

בלעם הרשע באַאָבאַכטנדיק די אידישע געצעלטן און זייער טרייען פאַמיליען לעבן, איז געוואָרן באַוואונדערט, וויסנדיק דעם קאָנטראַסט פון די פעלקער און זייער אַרט לעבן. האָט ער אויס־גערופן מיט ענטוזיאַזם „מה טובו אהליך יעקב", ווי שיין, ווי גוט און ווי שטאַרק איר זייט דורך דעם, קיינער וועט אייך ניט באַזיגן, און די תורה פירט אויס „משכנותיך ישראל", אַט דער ריינער שיינער פאַמיליען לעבן קומט צו אידן ווייל אידן פאַרהייליקן דעם לעבן אָט אַזוי ווי אַ „משכן", ווייל אידן לעבן אַ תורה׳דיק לעבן...

די שולן זיינען אונזערע פעסטונגען

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל (כד, ה).

א״ר אבא בר כהנא כולם חזרו לקללה חוץ מבתי כנסיות ובתי ובתי מדרשות, שנאמר, ויהפך ד׳ את הקללה לברכה, קללה ולא קללות (סנהדרין קה).

ווען אידן זיינען אַראָפּ פון דרך הישר, ד״ה פון תורה וועג, זיינען דאַן בלעם׳ס ברכות, און אין האַרצן קללות, צום שלעכטן מקוים געוואָרן, נאָר בלויז איין זאַך איז ניט מקויים געוואָרן, און דאָס איז שולן. בתי כנסיות האָבן אידן שטענדיק געהאַט און זיי זיינען געווען אונזערע פעסטונגען אין די ערגסטע צייטן. אָבער אין דער איצטיקער פינסטערער צייט איז שוין די קללה אויך מקוים געוואָרן, און דער חורבן האָט זיך אָנגעהויבן טאַקע מיט פאַרברענען די שולן אין דייטשלאַנד און צושליסן זיי אין רוסלאַנד און אין די בלוטיקע לענדער.

ליידן און איבערוואַרטן

כארזים עלי מים (כד, ו).

טובה קללה שקלל אחי׳ השילוני מברכה שברכם בלעם הרשע, אחי׳ קללם בקנה וכו׳, בלעם הרשע ברכם בארז וכו׳ (תענית כ).

בויגזאַמקייט, אַרונטערבויגן דעם קאָפּ, ליידן און איבער־וואַרטן, דאָס זיינען די אייגנשאַפטן וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דאָס פאָלק אין די שטורמדיקסטע ערגסטע צייטן, דאָס איז דער לייכטערער וועג... דאָס רופט זיך „קנה״, די ווייכע ריטער וואָס וואַקסן אין וואַסער. ארז, אַ צעדערבוים, שטייט שטאָלץ און בויגט זיך ניט, ווערט ער צעבראָכן פון שטורם. אחי׳ השילוני׳ס קללה „קנה״ איז גאָר געוואָרן אַ ברכה פאַר אידן, בלעם׳ס ברכה „ארז״ איז געוואָרן אַ קללה פאַר אידן.

בלעם׳ס עצה איז אַסימילאַציע

לך איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך באחרית הימים (כד, יד).

רש״י לערנט דאָ אַז „לך איעצך״ מיינט די עצה פון די בנות מואב, און „אשר יעשה העם הזה״, מיינט דעם ווייטערדיקן פסוק „דרך כוכב מיעקב״. אָבער דער פשט איז זייער בדוחק. בעסער איז צו לערנען אַז דאָס איז איין ענין, דער גאַנצער פסוק, און דאָס גייט אַלץ אויף זיין עצה מיט די בנות מואב. „אשר יעשה העם הזה לעמך״ מיינט, אָט די עצה וואָס איך זאָג דיר, וועט ענדלעך באחרית הימים מיטברענגען אַז דאָס אידישע פאָלק וועט ווערן איין פאָלק מיט די מואבים, וואָרום די נשואי תערובות וועט שוין פולשטענדיק אַסימילירן זיי צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מואב פאָלק, אָננעמנדיק זייער געצנדינסט און זייערע זיטן. דאָס מיינען די ווערטער „אשר יעשה העם הזה״ — ד״ה די אידן, — „לעמך״, זיי ווערן איין פאָלק מיט מואב. (מנחת שבת)

ווען משיח דער גואל צדק וועט קומען וועלן אַלע דערקענען אַז דאָס איז ער

דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל (כד, יז).

תניא ר׳ עקיבא היה דורש, דרך כוכב מיעקב, דרך כוזיבא מיעקב (ירושלמי תענית פ״ד ה״ה).

ר׳ עקיבא האָט געהאַלטן און פאַרערט בן כוזיבא אַלס דער וואָס וועט העלפן צו דער גאולה פון אידן, און האָט דעריבער מרמז

געווען אין דעם וואָרט „כוכב מיעקב" אַז דאָס מיינט מען בר כוכבא׳ן. דאָס איז געווען אין אָנפאַנג, אָבער נאָכדעם האָט ר׳ עקיבא חרטה געהאַט אויף זיין אידייע און ער האָט דערקענט זיין טעות, און בר כוכבא איז גע׳הרג׳ט געוואָרן האָט ער אים אָנגערופן בן כוזיבא... דאָס מיינט לשון כזב, אַנטוישונג. (תרומה תמימה)

דער יאָר פון דער גאולה

כי אם יהי׳ לבער קין עד מה אשור תשבך (כד, כב).

דער וואָרט „תשבך" באַטרעפט שנת תשכ"ב, עס איז אַ רמז אויף דער גאולה אין יענעם יאָר... אויב מיר וועלן זוכה זיין. (בשם ר׳ ישראל קאָזניצער)

דעם גאון׳ס אַ וואָרט

ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף (כה, ט).

אויף די ווערטער „המתים במגפה" שטייט געשריבן טפחא אתנחתא, וואָס דאָס ווייזט אויף אַן אָפּשליסונג פון אַ מאמר, איז מערקווירדיק, ווי קומט דאָס, עס איז דאָך איין גאַנצער זאַץ?

נאָר דאָ איז דאָ אַ רמז, אַזוי ווי דער רבש"ע האָט גוזר געווען אַז עס זאָלן פאַלן 24 טויזנט מענטשן אין דער מגפה, אָבער דער רבש"ע מיט זיין חסד האָט רחמנות געהאַט, וואָס האָט ער געטאָן? ער האָט גענומען און צוגערעכנט צו דעם צאָל די נאַטיר־לעכע געוויינלעכע טויטנפאַלן, און צוזאַמען איז געוואָרן 24 טויזנט. דאָס מיינט „ויהיו המתים במגפה", די נאַטירלעכע מתים האָט מען צוגערעכנט צו די מגפה... (בשם הגר"א)

פנחס

דרשה לפרשת פנחס

מנהיג לצבור

ויאמר ד׳ אל משה ואל אהרן, יען לא האמנתם בי להקדישני לעיני בנ"י, לכן לא תביאו את הקהל הזה אל הארץ אשר נתתי להם (כ, יב).

וידבר משה אל ד׳ לאמר יפקד ד׳ אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה אשר יצא לפניהם וגו׳ (כז, טז).

הרבי מורנו ר׳ מנדל מקאָצק זצ"ל מעיר בכאן כזה, מדוע

חכה משה רבנו לבקש מהקב"ה מנהיג לישראל עד עתה, ולא דרש את זה תיכף במעשה מי מריבה כששמע מד' גזירתו שהוא ואהרן לא יכנסו לא"י? וכאשר מסירת משה ואהבתו תמיד לטובת ישראל היה כ"כ גדולה, שומה היה עליו לאלתר לבקש מד' שיפקד מנהיג ראוי והגון לכך? ומתרץ כן: היות משה רבנו חשב כל העת ובהחלט, בלי ספק שהמנהיג במקומו יהיה פנחס בן אלעזר יען הוא ראוי לזה, ראשית הוא היה תלמידו מובהק ונכד אהרן הכהן גדול במעשים וגדול ביחוס, ולו נאה ויאה הדבר הזה, ולכן לא עלה על מחשבת משה לבקש מנהיג, אבל לאחר שראה איך פנחס קנא לא' והרג את זמרי במס"נ ובחפזון וקנאות נוראה, החל לחשוב ולהסתפק בדבר, אמת כי פנחס עשה דבר טוב והגון, וגם הקב"ה הסכים על ידו והבטיחו בזכות זה „ברית כהונת עולם", אבל עפ"י דעת תורה היה לו להסתפק ולהתעכב בדבר, ראשית הדין של הבא על ארמית קנאין פוגעין בו, לא הוברר אז עדיין, וגם לפי חז"ל (סנהדרין פ"ב) נחשב פנחס כרודף וזמרי כנרדף ואילו נהפך זמרי והרג את פנחס הי' פטור, וגם הלכה ואין מורין כן, אז אמר משה בלבו, אם כי טוב עשה פנחס, ועצר המגפה, ובתנאים כאלה הקב"ה שבחוהו, אבל להיות מנהיג על ישראל תמיד, זהו ענין אחר ואין פנחס ראוי לזה, וזהו כונת הדברים יפקד וגו' איש על העדה, איש ולא מלאך, איש ולא שרף, איש החושב, סופר ומונה לאט לאט במתון ובדיוק גדול, ע"כ לשונו הטהור והחכם.

הרעיון הזה נתן לי חומר ענין לחשוב ולהתעמק, בהפרובלימות העולות על הפרק בחיי עם ישראל, בארץ ובחו"ל: כידוע, שתי המלחמות הביאו עמם גם חורבן של דתיות בכל העולם, דור של מהרסים ומחריבים קמו על כל הקדוש לישראל, המלכיות בכל העולם חלק מהם נהפכו למינות, התקופה העכשוית נקראת בצדק תקופת המינות ואפיסת האמונה, ונפוצה באדם כצרעת ממארת ומחלה מתדבקת, החציפות ועזות הפנים נשאה ראש, כמו לשון חז"ל „חוצפא יסגי".

איך יתנהגו, ומה יהי' היחס של שלומי אמוני ישראל, מנהיגי הצבור ומשפיעים ברוח? כמובן שהעיקר הוא לשמוע דעת תורה, ולאו דוקא בשאלות כשר, מותר, והיפוכם, אלא גם בשאלות פוליטיות, נכון לטכס עצה עם גדולי התורה. אמנם ידוע לכולנו כי שלש

תנועות ושטות משפיעות על דעת הצבור עתה, שחלוקות בדעותיהן הרבה:

המזרחי והנוטים אחריהם מתפשרים, ומרכינים ראשיהם לכל גל וגל שבא מים הסוער של החפשים, ומתנחמים, שהזמן ירפאם קימעא קימעא וסוף סוף ישובו גם הפושעים לעיקרי אמונה ויראת ד׳.

הצד הקיצוני לימין הם ה„נטורי קרתא" ורבבות מישראל האוחזים בשטתם, הם בניגוד גמור ומוחלט לפשרות, ומלחמת תנופה ומגן יחד שטתם, ולא רק יקוב הדין את ההר אלא גם במנהג ישראל הם עומדים נגד במסירת נפש.

ובין שתי הקצוות האלה עומדת באמצע „אגודת ישראל" ומועצת גדולי התורה שהיא „האורים ותומים", ואליה פונים בכל דבר רציני לשמוע דעת תורה. בכובד ראש וישוב הדעת גדול הם משיבים הן או לאו, מוסד כזה הוא באמת דבר גדול ויקר מאוד בחיים המבולבלים האלה, הלואי ילמדו תועים בינה להשכיל ולהעריך את זה בחבה והוקרה, להם ראוי כתר ההנהגה בישראל!

אם נעיין בפרשת פנחס רואים אנו שתי מחזות זו מול זו, שנלמוד מהן הרבה, מעשה פנחס — ובנות צלפחד.

אמנם צריכים אנו בכל דור אנשים קדושים וגם קנאים שיעמדו בפרץ וילכו במס"נ על קידוש השם, ומעשה פנחס יוכיח, כי הקב"ה משבחו, והפרשה בתורה נקראת על שמו, אבל למנות אותו למנהיג על ישראל לזה אינם נאותים כמו שנתבאר לעיל.

המחזה השני׳ היא של בנות צלפחד, שבאו עם עסקי ירושה, והקב"ה מעיד כן בנות צלפחד דוברות. הן מתארות את אביהן בשבחים כאלו לא היוביות (פאָזיטיווע) אלא בשליליות (נעגאַטיווע): „אבינו מת במדבר", ואמרו חז"ל ע"ז שהי׳ מקושש עצים בשבת, „והוא לא הי׳ בתוך העדה", זה עדת מרגלים, „הנועדים על ד׳" אלו מתלוננים, „בעדת קרח", כמשמעו (ב"ב קיח), ובחטאו מת. תמוה, וכי זהו שבחים שלא הי׳ בעושי רשעה? וכי זהו מוסיף על הזכויות שלהן וטענתן? והן בעצמן מודות כי הי׳ מחלל שבת.

אבל זה מורה אותנו כי יש עתים שבאם אדם אפילו חוטא, אינו נסחף לרוח הזמן ואינו נהפך למינות תחשב זאת לו לזכות גדול, „בחטאו מת", ז"א כי הי׳ חוטא רגילי, אבל לא נמשך להארס המרעיל ומחטיא את הרבים, גם זה לצדקה תחשב לו...

דער יחיד און די געזעלשאַפט

פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי מעל בני ישראל (כה, יא).

איז עס אביסל אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי איין צדיק פּנחס האָט געקענט מגין זיין אויף אַזוי פיל רשעים צו אָפּהאַלטן די מגפה? דאָס זעלבע קען מען פרעגן אויף דער רש״י „וראיתם את הארץ מה היא וגו׳ היש בה עץ אם אין — אם יש אדם כשר שיגין עליהם״ (רש״י), קען דען איין גוטער באַשיצן אַזוי פיל שלעכטע?

— דער רמב״ם זאָגט אַז אַ מענטש איז מחויב זיך דער־ווייטערן פון אַ שלעכטע געזעלשאַפט, ווייל די געזעלשאַפט שאַפט און פורעמט אויס דעם מענטשן צום גוטן און פאַרקערט.

דעריבער ווען עס געפינט זיך אפילו איין מענטש אין דער געזעלשאַפט אַ גוטער, איז עס אַ סימן אַז די חברותא איז נאָך ניט אין גאַנצן דורכאויס פאַרדאָרבן...

די מגפה האָט געשאַדט בלויז דעם ערב רב

השיב את חמתי מעל בני ישראל (כה, יא).

פרעגט מען, עס זיינען דאָך געפאַלן פיר און צוואַנציק טויזנט מענטשן? — איז דער תירוץ, אַז די יעניקע זיינען געוועזן פון דעם ערב רב (זוהר הקדוש), — און דעריבער שטייט געשריבן „מעל בני ישראל״ און ניט „מבני ישראל״, דאָס מיינט פון דעם כלל ישראל, וואָס זיינען געוועזן העכער ווי דער ערב רב (אלשיך הקדוש), און פּנחס האָט טאַקע פאַרדינט זיין שכר. (נחלת צבי)

די ברכה פון ג־ט קומט דורך שלוחים

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום (כה, יב).

לויטן פּשוט׳ן פשט דאַרף דאָך שטיין „אמור לו״, זאָג צו פּנחס׳ן? אָבער די כונה איז דאָ אַנדערש, משה אַליין זאָל דאָס זאָגן פאַר זיך, און דער הסכם פון ג־ט קומט באַלד אויף דעם, אַט פונקט ווי ביי ברכת כהנים, ומי מברך לכהנים? — „אני אברכם״, אַט אַזוי איז דער וועג, די ברכה פון ג־ט צו ישראל דאַרף קומען דורך די פאַרמיטלונג פון די כהנים, און אַט אַזוי איז „הנבא על העצמות האלה״, און אַט אַזוי ביי אברהם׳ן „ומברכך ברוך״. (דמשק אליעזר)

דער רבי און דער תלמיד

ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפונה ויהושע בן נון (כו, סה).

די תורה דערמאָנט כלב'ן בעפאָר יהושע'ן, ווייל כלב איז געווען פאָראויס פון יהושע'ן אין זיין אייפער קעגן די מרגלים (רבנו בחיי). משה רבנו האָט אָבער מקדים געווען יהושע'ן, צוליב די מעלות החכמה זיינע. נאָך אַ טעם איז אין דעם, משה רבנו האָט מכיר טובה געווען זיין תלמיד יהושע'ן וואָס ער האָט ניט געצויגן צו דעם צד פון די מרגלים וואָס זיינען געווען די מערהייט, ווייל ווען יהושע וואָלט אַזוי געטאָן, וואָלט דער עולם גערעדט, און פילייכט באַשולדיקט דעם רבי'ן משה'ן וואָס האָט אַזאַ תלמיד מחנך געווען... (הרה"ג ר' פייביל שלעזינגער)

אַ ביאור פון שפת אמת זצ"ל

ולא תהי' עדת ד' כצאן אשר אין להם רועה (כז, יז).

דער אמת'ער רועה פון אידן איז דער רבונו של עולם, ווי יעקב אבינו האָט געזאָגט „האלקים הרועה אותי מעודי" (בראשית יח, טו) און ווי דוד המלך האָט געזאָגט „ד' רועי לא אחסר" (תהלם כג), נאָר ליידער איז דאָס פאַרבאָרגן פון אויג, ניט יעדער זעט דאָס און ניט יעדער פילט דאָס. דעריבער איז די אויפגאַבע פון די צדיקים צו אויפווייזן דעם דור אַז עס איז פאַראַן אַ רועה, און אַ שומר אויף זיין פאָלק ישראל. ווען אָבער אידן האָבן ניט די געהעריקע מנהיגים צו לערנען דעם פאָלק, דוכט זיך זיי, אַז השי"ת האָט פאַרלאָזן זיין פאָלק ישראל.

אָט דאָס איז געווען די כונה פון משה רבנו, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, אַז דער פאָלק זאָל האָבן אַזאַ מנהיג וועלכער זאָל איבערצייגן דעם עולם, אַז עס איז דאָ אַ רועה, אַ משגיח און אַ שומר אויף אידן... ולא תהי' עדת ד' כצאן אשר אין להם רועה. (שפת אמת)

אַ הייליק וואָרט פון ר' משה לייב סאַסעווער

יפקוד ד' א' הרוחות איש על העדה, אשר יצא לפניהם וגו' (כז, טז).

זאָגט אויף דעם ר' משה ליב סאַסעווער זי"ע, אַז משה רבנו האָט זיך געבעטן ביי השי"ת, אַז ער אליין דער רבש"ע

זאָל זיין דער פירער פון אידן ווי דער פסוק זאָגט „ד׳ רועי לא אחסר״, ווייל ווען דער רבש״ע איז אליין דער פירער גייט אלץ גוט. און דאָס מיינט דער פסוק „איש על העדה״, אזוי ווי „ד׳ איש מלחמה״, אָבער ווען דער פירער איז אַ מענטשלעך פערזאָן, דאַן פּאַסירט ח״ו, כד רגיז רעיא על ענא עביד לנגדא סמותא (ב״ק נב), דאָס מיינט, ווען דער פּאַסטעך ווערט אין כעס אויף די שאָף, מאַכט ער אַ בלינדן פאַר דעם אָנטרייבער... (עצי לבנון)

אַ מנהיג פאַרן פאָלקס גוטס

כצאן אשר אין להם רועה (כז, יז).

עס האָט דאָך געקענט שטיין „כצאן בלי רועה״? אַ לשון קצרה איז דאָך אלעמאָל בעסער?

רועה, מיינט ניט דוקא צו פיטערן יענעמס בהמות, נאָר דער וואָרט רועה גייט אויך אויף אַ פּאַסטעך וואָס פיטערט אייגענע. אויף דעם פסוק „כרועה עדרו ירעה״ (ישעי׳ מ) זאָגט דער רד״ק „עדרו של עצמו ירעה״.

ווען איינער פיטערט זיינע אייגענע שאָף, איז אפילו ער גיט זיי גוטע פּאַשע, קלאָרע וואַסער, גוטע לופט, איז זיין כונה בלויז פאַר זיך זעלבסט, אום צו קענען נוצן זייער וואָל און זייער פלייש. ווען ער פיטערט אָבער פרעמדע שאָף, דאַן אויב ער טוט אלעס גוטעס פאַר די שאָף, מיינט ער טאַקע בלויז זייער גוטס, דאָס הייסט ער איז אַ רועה פאַר זייערט וועגן.

דאָס מיינט די תורה, דער פירער פון אידן דאַרף זיין איבער־געגעבן נאָר פאַרן פאָלקס טובה וועגן, ולא תהי׳ עדת ד׳ כצאן אשר אין להם רועה, אָט דער טיפּ פּאַסטעך וואָס איז פאַר זיי. (בשם הג׳ ר׳ יעקב חריף)

די נשים חובבות ציון

ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפונה וגו׳ — ותקרבנה בנות צלפחד (כו, א).

וואָס פאַר אַ סמיכת הפרשיות, די בנות צלפחד צו די מרגלים?

— מערקווירדיק, די פרויען זיינען ניט געווען באַטייליקט אין דעם אויפשטאַנד פון די מרגלים, נאָר האָבן אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט צו ארץ ישראל (על הנשים לא נגזרה גזירת המרגלים, לפי שהיו

מחבבות את הארץ — רש"י), אָט דעריבער איז די סמיכת הפרשה א רמז, אַז די בנות צלפחד האָבן געקעמפט פאַר אַ נחלה אין ארץ ישראל... (תולדות יצחק)

אידן דערווייטערן זיך

ביום השמיני עצרת תהיה לכם (כט, לה).

פר אחד איל אחד, כנגד ישראל, התעכבו לי מעט עוד, ולשון חבה הוא זה כבנים הנפטרים מאביהם, והוא אומר להם קשה עלי פרידתכם, עכבו עוד יום אחד (רש"י).

אייגענטלעך האָט געדאַרפט שטיין קשה עלי פרידתנו, וואָס עפעס „פרידתכם"?

נאָר דער רבש"ע זאָגט צו אידן, זייט ווייסן אַז איך צעשייד זיך קיינמאָל ניט פון אייך, נאָר איר שיידט זיך אָפּ פון מיר... עס איז נאָר יום טוב צייט וואָס איר דערנענטערט זיך, אבער נאָך יום טוב ווערט איר פאַרנומען פון וואָכעדיקייט...

ביי מיר אָבער בין איך נאָענט צו אייך אפילו אין אייער וואָכעדיקייט, און אַפילו אין אייער גייסטיקער נידערלאַגע, ווי דער פסוק זאָגט, השכן אתם בתוך טמאותם... (הרב ר' יעקב פאמעראַנץ)

ב.

נאָך אַ געדאַנק אַנטהאַלט דער וואָרט „פרידתכם", אייער צעשיידנקייט צווישן זיך, איינער מיטן אַנדערן, וואָס נאָר זייענדיק אין ירושלים איז געוואָרן מער אַחדות...

מטות

גופי תורה ומדות טובות בחיי עם

דרשה לפרשת מטות

ומקנה רב היה לבני ראובן ולבני גד עצום מאד ויראו את ארץ יעזר ואת ארץ גלעד והנה המקום מקום מקנה (לב, א).

ויאמרו אם מצאנו חן בעיניך יתן את הארץ הזאת לעבדיך לאחזה אל תעבירנו את הירדן, ויאמר משה לבני גד ולבני ראובן האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה? ולמה תניאון את לב בני ישראל וגו' (עיין שם כל הפרשה).

הגמרא ברכות דף ג' לעולם ישמור אדם את עצמו מן החשד,

ורבנו יונה מסמיך דברי חז"ל אלו, מדברי משה רבנו שאמר בתנאו הכפול אם תעברו וגו' והייתם נקיים מד' ומישראל, מזה משמע שכל ישראל חשדו אותם.

לכאורה אין מובן איזה חשד יש כאן? הלא מקודם לא הסתירו דבריהם ואמרו בגלוי כי רצונם שלא לעבור את הירדן, ואחרי כן נכנעו למשה והביעו רצונם „ואנחנו נחלץ חשים", אבל אין ניכר כאן איזה חשד? אבל לאחרי הבנת הכתובים יבורר כל המשא ומתן:

כפי הנראה מסגנון הכתובים היו השבטים האלה מביעים שאיפתם למשה בתמימות גלויה, מבלי הבן מאומה כי רצונם הזה אי צודק הוא וגם עול כרוך בו, ולא עלה על דעתם כמה חרי אף ומרירות יעוררו אצל משה ונשיאי העדה על זה, לפי דעתם היה זה דבר מובן וצודק, אם הם מצאו ארץ מקנה בעבר הירדן מדוע להם לנוד ולסבול טלטולים ומלחמות, יתישבו פה עם נשותיהם וטפם וחסל, והדבר כ"כ פשוט שאין להרהר אחריו, אבל הבט ושמע תשובת משה רבנו, כמו הר געש התפרץ, מה אתם סחים דברי בלע כאלו? האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה? ולא נתקררה דעתו עד שאמר להם „והנה קמתם תחת אבתיכם תרבות אנשים חטאים לספות עוד על חרון אף ד' אל ישראל"! (לב, יד) וחזר על דבריו הקשים פעמים, הא לכם תנאי כפול וכו' וכו'.

וצריך להבין מה היה החטא שמשה רבנו העניו והסבלן הגדול יצא מדרכו להמליץ אפילו על חטאים גדולים, הנוכל להדמות זה לחטא מרגלים, מי מריבה?

— פרישה מן הצבור ומכלל ישראל היה כאן, ואם בשעת שלוה והשקט לא היה נחשב זה לעון גדול וחמור, אבל לא כן הוא בשעת הדחק כזה שהעם הולך עפ"י ד' לכבוש ארץ של ל"א מלכים גבורים, וערי מבצר עד לשמים, עון פלילי הוא אז להתחשב רק עם מאויי עצמו הפרטים. ואם כי יד ד' להושיע גם בלעדם, וזהו מדת בטחון, אבל לא טוב להשתמש במדה זה בעד חבירו, רק לעצמו ובשרו נכון הוא, ובפרט בעד כלל ישראל וביחוד בשעה גורלית כזו, אז החלש יאמר גבור אני, ואחדות גמורה של חטיבה אחת הוא צו השעה, הנוכל לבנות עם ולאום בחומר אנושי כזה הדורש רק טובתו הפרטיית?

ולכן יצאו דברי מ"ר מנהמת לבו הכואב, ואהבת ישראל

בלי גבול, ומדברים לבביים אלו נתפעלו גם אלו השבטים שחבבו ממונם ומקניהם, והוברר להם כי עמדתם זה הוא חטא ועול גדול הקרוב למרי וזדון, ותכף עשו תשובה והבטיחו „ואנחנו נחלץ חושים" ופירש"י שילכו בראשי גייסות.

בהמשך הכתובים אנו מוצאים כי ג' פעמים הזכיר משה להם שיעברו חלוצים, ומדוע דרש מהם דוקא חלוציות, ולא די היה השתתפות ככל השבטים?

מזה נכון דברי רבנו יונה על הגמרא ברכות ג', בהיות שכל העם שמע וידע כי השבטים האלו רצו להפרש מן הצבור בתחילה, ואם אחר כן יסתפחו להמחנות ויתערבו ביניהם לא יהי' ניכר הדבר, והרבה יחשדו אותם כי הם נשארו בערי יעזר וגלעד כמו שדרשו בתחלה, לכן גם הם וגם משה רבנו דרש שיעברו דוקא בראשי המחנות, והכל יראו אותם לוחמים כחלוצים בכל המסירות נפש.

כעין זה מצינו (בשבת כ"ג) אר"ש בשביל ד' דברים אמרה תורה להניח פאה בסוף שדהו, ואחת מהם הוא מפני החשד (שהעוברין רואין בגמר קצירו שהוא מכלה את הכל ולא ידעו שנתנה כבר — פירש"י).

דער צדיק היט אָפּ זיינע ווערטער

איש כי ידור נדר לד' וגו' לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה (ל, ג).

על פי חסידות זאָגט מען אזוי: דער איש המעלה דאַרף איבערהויפּט זען אז זיינע רייד זאָלן זיין וויכטיקע, נוצבאַרע און הייליקע, אָבער ניט קיין וואָכעדיקע, ווערטלאָזע. ודברת בם, ולא בדברים אחרים (יומא יט).

אָט דאָס איז מרומז אין פּסוק, „לא יחל דברו", ניט וואָכעדיק מאַכן דעם דבור, דערפאַר וועט זיין „ככל היוצא מפיו יעשה", אַלץ וואָס דער צדיק וועט בעטן, וועט מען אים געבן. (עצי לבנון)

דער מענטש איז אַ שטערבלעכער

איש כי ידור נדר לד' (ל, ג).

ההי"ד ימינו כצל עובר (מדרש).

צו דערקלערן דעם מדרש: עס איז אַ דין אַז מען טאָר ניט זאָגן לד' קרבן, נאָר קרבן לד' (גמרא נדרים י), ווייל אַ מענטש

איז א שטערבלעכער וועזן, ווען ח"ו עס טרעפט אז ער זאָגט לד' איידער ער זאָגט קרבן שטאַרבט ער, בלייבט דער שם לבטלה, אַט דעריבער זאָגט דער מדרש ימינו כצל עובר, און די תורה זאָגט נדר לד'... (קדושת לוי)

די לעצטע אידישע טראַגעדיע טאָר ניט פאַרגעסן ווערן פאַר פיל דורות

נקם נקמת בני ישראל מאת המדינים, אחר תאסף אל עמך (לא, ב).

אעפ"י ששמע משה שמיתתו תלוי בדבר, עשה בשמחה ולא איחר (ספרי).

משה רבנו האָט פאַרציכטעט אויף זיין אייגן לעבן אום צו זען די נקמה אין מדין, און אויף אים זאָגט דער פסוק „ישמח צדיק כי חזה נקם".

ווען מיר באַרירן אַט דעם ענין, ווילט זיך אויסדריקן די דריקנדיקע געפילן פון נקמה וואָס דריקט יעדן אידן אויפן האַרצן וועלכער לעבט מיט זיין פאָלק, און פילט מיט זיינע צרות.

עס וואָלט זיך וועלן זען נקמה אויף אַט דעם פאָלק, ביז וואַנען די מאָדערנע מדינים, עמלקים וועלן אויפריכטיק תשובה טאָן און באַשטראָפן די נאַצים גרינטלעך, און אומעדיק און פינסטער ווערט, ווען מען זעט ווי די פעלקער פון דער וועלט ווילן זיך פאַרגעסן פון אַט דעם וועלט שרעקלעכן פאַרברעכן, מוחל זיין און אפילו רעהאַביליטירן אַט דעם פאָלק וואָס האָט געגעבן אַזוי פיל מערדער דער וועלט, צוליב פאָליטישע אומשטענדן.

מחילה — דאָס האָט די קריסטלעכע ציוויליזאַציע געגעבן דער וועלט, „ובערת הרע מקרבך" — דאָס האָט די אידישע ציוויליזאַציע געלערנט.

באַמערקונג: עס זיינען דאָ אידן וואָס דענקען אויך, אז מען קען ניט שטענדיק האַלטן אין זיך נקמה געפילן. ריכטיק! אָבער האַס און שנאה דאַרף געדייען אין אונז פאַר פיל דורות, ווייל ווען ניט די שלעכטע רוצח'ישע מדות אין זיי פון זייער געבאָרן, וואָלט ניט געקענט אויסוואַקסן אַזאַ סם המוות פון נאַציזם.

איר וועט פרעגן, וואָס פאַר אַ נוצן איז דאָס פאַר אונז? — עס איז, ערשטנס צו פלעגן אין זיך דעם אהבת ישראל און אחדות ישראל געפילן, אונזערע קינדס קינדער זאָלן עס וויסן און געדענקען

די גרוויזאמע אַבידה, און צוווייטנס, אויב ח"ו ביי אונז זאָל עס רעכט ווערן, דאַן ווערן מיר זעלבסט פאַר'גוי'אישט...

דער פייער פון תורה לייטערט די עבירות וואָס מען טוט מיט פייער

כל דבר אשר יבוא באש, תעבירו באש וטהר (לא, כג).

די קדמונים זאָגן דאָ על פי רמז: יעדער זאַך וואָס ווערט דורכגעדרונגען אין פייער פון יצר הרע, מוז ווערן ריין נאָר דורך פייער פון דער תורה. „הלא כה דברי כאש נאום ד'" און „אין ביעור חמץ אלא שריפה", נאָר דער פייער פון דער תורה לייטערט דורך דעם חמץ פון עבירות, בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין... (שער בת רבים)

מיר קענען ניט זיצן רואיק

ויאמר משה לבני גד ולבני ראובן האחיכם ילכו למלחמה, ואתם תשבו פה? (לב, ו).

צו וואָס די אַריכות הלשון? עס האָט געדאַרפט זיין בלשון קצרה, „ויאמר אליהם"?

נאָר משה רבנו האָט גערעדט צו די בני גד באַזונדער און צו די בני ראובן באַזונדער. נעמלעך אַזוי, איר בני גד, וואָס דער פאָטער יעקב האָט אייך געבענטשט „גד גדוד יגודנו", ד"ה איר וועט זיין גוטע מלחמה קעמפער, זאָלט איר דעזערטירן פון דעם וואָס איר זייט פעאיק און געבענטשט, קוקנדיק אויף אייך וועט דאָס פאָלק זיך דערשרעקן. צו די בני ראובן האָט ער געזאָגט, „ואתם תשבו פה", איר ווילט זיך זיצן רואיק דאָ, מיט וואָס פאַר אַ רעכט, און מיט וואָס פאַר אַ זכות?

דאָס זעלבע זאָל זיך יעדער איד טראַכטן אומעטום, ווי קענען מיר זיין גלייכגילטיק צו דעם קאַמף וואָס אונזערע ברידער קעמפן מיט אַזוי פיל מסירת נפש, און מיר זאָלן ניט אַנטייל נעמען?

ב.

אַנדערע פרעגן, משה'ן האָט דאָך איבערהויפּט פאַרדראָסן וואָס די בני גד ובני ראובן ווילן ניט גיין מיטהעלפן אין דער מלחמה אָבער ניט דער זיצן זייערער, האָט דער לשון געדאַרפט זיין „האתם תשבו פה, ואחיכם יבואו למלחמה?"

נאָר די כונה איז ווי פאָלגט: צי וועט איר קענען זיצן דאָ רואיק אין דער צייט וואָס אייערע ברידער וועלן גיין מלחמה האַלטן? ניין איר מאַכט אַ טעות! אייער זיצן דאָ וועט ניט זיין קיין ישיבה מיט מנוחה אין פולן זינען פון וואָרט...

באַצאָלט איער צדקה אפילו בלויז געטראַכט ניט אַרויסגערעדט

איש כי ידור נדר לד׳, ככל היוצא מפיו יעשה (ל, ג).

די תורה וויל דאָ אָנדייטן אַז מען דאַרף מקיים זיין ניט נאָר אַ נדר וואָס מען זאָגט צו מיטן מויל, נאָר מען דאַרף מקיים זיין אַפילו אַ גוטע מחשבה. אויב איינער האָט געהאַט אין געדאַנק צו געבן אַזוי פיל פאַר צדקה, דאַרף ער דאָס דערפילן. און דאָס איז דער רמז פון „נדר לד׳", דאָס הייסט אַזאַ נדר וואָס קיין מענטשן האָבן דאָס ניט געהערט פון אים נאָר עס איז בלויז באַוואוסט צו ג־ט, ווייל ער האָט דאָס געהאַט בלויז אין געדאַנק, איז „ככל היוצא מפיו יעשה", דער כף פון „ככל" איז אַ כף הדמיון, אַט אַזוי ווי ווען ער וואָלט דאָס אַרויסגערעדט מיטן מויל, וואָלט ער דאָך דאַרפן מקיים זיין, די זעלבע איז אַז ער האָט געטראַכט. (תורת משה)

אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים.

מען טייטשט אויס על פי רמז דעם וואָרט „אלה" אויפן חטא העגל, וואָס זיי האָבן געזאָגט „אלה אלקיך ישראל" — דאָס מיינט אַז צוליב „אלה" זיינען געוועזן נאָכדעם די אַלע „מסעי בני ישראל", האָבן אידן געדאַרפט זיך וואַלגערן און וואַנדערן פון אָרט צו אָרט.

דער זעלבער געדאַנק איז דאָ אין מדרש: האכלני במרורים הרוני לענה, במרורים זה פסח, לענה זה תשעה באב. אייגענטלעך וואָס פאַר אַ שייכות תשעה באב צו פסח? — נאָר ווי אויבן געזאָגט, האָבנדיק פריער אַ פסח, יציאת מצרים, און נאָכדעם ווידער־שפעניקן מוז קומען נאָכדעם אַ תשעה באב... (אור פני משה)

מסעי

אַ רמז

אלה מסעי בני ישראל, די ראשי תיבות פון דעם איז אדום, מדי, בבל, יון. דאָס איז אַ רמז אויף די גליות'ן נאָך מצרים... (נחל קדומים)

דורך שליחות איז דאָך ניט אַזוי

אשר יצאו מארץ מצרים, ביד משה ואהרן (לג, א).

די גאולת מצרים איז געטאָן געוואָרן דורך משה און אהרן, אַט דעריבער איז עס געווען ניט קיין דויערהאַפטע גאולה און דעריבער איז געקומען נאָך גליות שפּעטער. וואָלט עס געשען דורך הקב"ה דירעקט, דאַן וואָלט דאָס געווען אויף אייביק, דאָס מיינט „ביד משה ואהרן". (כתנות אור)

אַ איד דאַרף געדענקען און דאַנקען דעם רבש"ע

אלה מסעי בני ישראל.

מען פרעגט, צו וואָס דאַרף מען דאָס אויסרעכענען די אַלע פּלעצער מיט זייערע נעמען, וואָס נוצט עס אונז צו וויסן? — דער תירוץ איז, די חז"ל זאָגן, הרואה מקום שנעשו בו נסים לאבותינו חייב לברך וכו' (ברכות נד), דעריבער דאַרף מען מודיע זיין די אַלע ערטער.

חכמה און יאָרן

ותהיינה מחלה תרצה וחגלה ומלכה ותרצה ונועה בנות צלפחד לבני דודיהן לנשים (לו, יא).

כאן מנאן לפי גדולתן זו מזו בשנים, ונשאו כסדר תולדותן, ובכל המקרא מנאן לפי חכמתן, ומגיד ששקולות זו כזו (פירש"י).

די רש"י איז אייגענטלעך זיך סותר באַלד, וואָרום אויב אַז אומעטום רעכנט דער פּסוק אויס די בנות צלפחד לויט זייער מדרגה אין חכמה, מיינט דאָך דאָס אַז זיי זיינען געווען ניט גלייך אין חכמה, און די וועלכע זיינען געווען העכער אין חכמה, רעכנט זיך פריער, טאָ ווי אַזוי פּירט אויס רש"י „ומגיד ששקולות זו כזו", אַז זיי זיינען געווען גלייך?

קומט מיר אויס צו זאָגן אַז רש"י מיינט דאָ די מחלוקת אין דער גמרא „ר' אמי סובר להלן (בפרשת מסעי) מנאן הכתוב דרך גדולתן, וכאן (בפרשת פנחס) דרך חכמתן, מסייעי לר' אמי דאמר

בישיבה הלך אחר חכמה, במסיבה הלך אחר זקנה. ורב יהודה אמר שמואל סובר בנות צלפחד שקולות היו, שנאמר ותהינה, הויה אחת לכולן" (ב"ב קכ). זאָגט רש"י דאָרט „ולכך פעמים שהקדים זו לזו, ופעמים איפכא". און דאָס מיינט רש"י דאָ אין חומש, פון אָנפאַנג מיינט רש"י צו ברענגען די מיינונג פון ר' אמי אַז אומעטום ציילט זיי דער פסוק לויט זייער חכמה, און צום ענדע ברענגט רש"י די צווייטע מיינונג פון ר' יהודה אַז זיי זיינען געווען גלייכע אין חכמה, און דעריבער זאָגט רש"י ומגיד, מיט אַ ואו, ווייל דאָס איז די צווייטע דעה, און ניט קיין דער־קלערונג אויף פריערדיקע.

דער טרייער ווירט

ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ד' (לג, א).

— ההייד נחית כצאן עמך (מדרש).

ווען אַ מענטש גיט איבער זיינע שאָף צו אַ פּאַסטעך, פאַרלאָזט ער זיך אינגאַנצן אויפן פּאַסטעך, וויפל צייט און אויף וועלכע פּאַשע, ווי דער פּאַסטעך געפינט פאַר גוט. ווען דער ווירט איז אָבער מער ווי געוועגלעך איבערגעגעבן צו דער זאַך, גיט ער אַליין אַכטונג, און קלייבט אויס די ערטער און די צייט ווען און וואו צו פיטערן זיי.

אַזוי האָט ג־ט אויך געטאָן. אָבוואָל ער האָט זיין „צאן קדשים", די אידן איבערגעגעבן צו געטרייע גוטע פירער ווי משה און אהרן, דאָך האָט ער אַליין בכבודו ובעצמו אַכטונג געגעבן אויף אַלץ, ווי דער פסוק זאָגט „על פי ד' יחנו ועל פי ד' יסעו", און דאָס מיינט דער מדרש, נחית כצאן עמך...

די עטיק פון דער תורה

זה הדבר אשר צוה ד' לבנות צלפחד לאמר, לטוב בעיניהן תהיינה לנשים (לו, ו).

אַ פיינער ערלעכער איד האָט געפרעגט ר' מאיר קאָברינער ז"ל, אַזוי ווי ער האָט אויסגעקליבן אַ וויכטיקן חתן פאַר זיין טאָכטער, אָבער זי וויל אים ניט, צי זאָל ער איר צווינגען צו דעם?

— ניין עס איז ניט יושר'דיק און ניט עטיש צו צווינגען אַ טאָכטער... זעט ווי די תורה דריקט זיך אויס „לטוב בעיניהן תהיין לנשים".



דברים

תוכחה ותקוה

דרשה לשבת חזון

אלה הדברים אשר דבר משה וגוי במדבר בערבה וגוי וחצרת ודי זהב.

פירש"י בשם ספרי שמזכיר כאן כל המקומות שהכעיסו לפני המקום עיי"ש.

יש מעירים ע"ז, היתכן שמשה רעיא מהימנא שכל ימיו מסר נפשו וכחותיו בעד ישראל, ובכל עת צרה העמיד עצמו כעמוד ברזל בשבילם, והתפלל בעדם, יזכיר עתה עונותיהם שחטאו בכל המקומות הנ"ל? וכן הדבר בההפטרה של ישעי' הנביא, שבה מוכיח את ישראל בדברים קשים „איכה היתה לזונה קריה נאמנה" ועוד, והנביא בעצמו קרא ברמה „נחמו נחמו עמי", מה היה מטרת התוכחה ותיכף הנחמה אחריה, האינן כשטר ושוברו בצדו?

להבין הענין הוא, כי שניהן, התוכחות של מרע"ה וישעי' הנביא, וגם הנחמות, ממעין אחד נובעים, והוא, האהבה הרבת בלתי גבוליית שהיתה שרויה בלבם לעמם, וזאת הניעם לבוא בתוכחה, כמו אב שלבו מלא חבה אפילו לבנו שסר מדרך הישר יוכיחהו להנטותו לדרך חיים, כן היו לבותיהם מלאים במעין אהבה בלתי יבש ופוסק לעמם ושפכו את מרירות רוחם בתואר תוכחה גלויה הבאה מאהבה מסותרת.

ומענין שתוך כדי דיבור אמר משה ודי זהב, והגמרא (ברכות ל"ב) מבארת בשביל כסף וזהב שהשפעת להם עשו את העגל, ואם כן יצא מזה שביחד עם התוכחה לישראל יש גם בדבריו זכות, ודומה כמו שהיה פונה כלפי מעלה, למה תאשם אותם יותר מדאי, זהב וכסף הרבית להם, וזה גרם, כי אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר, ולמה צוית להם „ושאלו איש מאת רעהו" וגו'.

הנה בגמ' (שבת קי"ט) חושב ומונה כמה עונות שגרמו לחורבן ביהמ"ק וגלות העם, ומעונין להעיר כי העונות דקחשבי

חז"ל שם אינן חמורות כ"כ, ויש מהן שאינן נכנסות אפילו לעון אשר חטא בתורה.

סגנון הגמרא שם, לא חרבה ירושלים אלא מפני עבירה זו וזו (עיין שם), ולאמת הדבר אין זאת אומרת כי רק עבירה זו הסבה את החורבן, אלא כל עבירות אלו ביחד מהוות אגודה של סבות אשר היו אבות נזיקין לחורבן.

התבוננות מעמיקה ומקיפה בסבות אלו שמנו חז"ל מעמידה אותנו על ערכן הגורלי של סבות אלו, ומלמדות לקח כי כל זמן אשר סבות אלו שולטות באומה הן מרחיקות את הגאולה.

מימרא אחת אומרת: לא חרבה ירושלים אלא מפני שהשוו בה קטן וגדול, אמנם אין בתורה צו מפורש להפלות בין קטנים וגדולים, הלא משפט התורה שוה לכל! ואם כן מה היא הסבה אשר חז"ל ראו בזה אותות החורבן? ובפרט שדורנו נתחנך כבר להשקפה הדוגל בשם קוסם דימוקרטי!

בזכרנו בשבת זו חורבן הקודש וחורבן הארץ, כדאי להרחיב הדבור על שגיאות הדור שלפנינו, ואשר צריכים אנו להיות מדואגים על זה ולהנחותם בדרך הישר, עד כמה שיש להשפיע עליהם, וגם עלינו לדעת ולהבין מה התורה דורשת מאתנו, ואיך להבטיח קיום ישראל.

לפנים בישראל היה דבור פשוט לכל כי דעת תורה מסורה ליגיעי תורה. לא חקרו המונים עם במופלא מהם, והיגיעה בתורה היה נחלת יחידים, כמובן היהודי המאמין בונה את כל חייו עפ"י קו ההלכה, ממילא עליו לדעת ההלכה וכונתה, למי היה פונה בזה? לאנשי תורה! אבל לא כל למדן זוכה להיות „פוסק", ולא כל מורה הוראה יכול להכריע בכל ענפי ההלכה, ואותם שזכו להיות פוסקים כוללים היו יחידי סגולה ממש.

בחיי הצבור והמדינה העצמאית צריכים לדון הכל ג"כ על פי ההלכה לכן איזה ערך הוא אם הריבוי דעות יתנגד לפתרון ההלכה? לא הרמת הרבה ידים יוכל להכריע בזה! עם ישראל נאמד „לגולגלותם", לפי המחות ולא לפי הידים...

משה רבנו היה שקול כרבבות! ואפילו בסנהדרין שהיו הנבחרים מן הגדולים שבגדולים היו אחדים שקולים כרובם כמו אבישי בבי"ד של דוד המלך. (אימרות מהרב י. ז. דיסקין)

כללו של דבר, כי גם בזמנים אלו נחוץ לבנות הנהרסות,

וזהו הרמת כבוד גדולי תורה, אחדות שלמה בין שדרות אמוני ישראל החרדים. ואחריות גדולה מוטלת על נושאי דגל התורה וקברניטי האומה להעמיד את האחדות בכל היכולת, ועי״ז תבוא הרמת קרן התורה והיהדות הנאמנה. והעתיד הוא לצדנו, כי כבר נשמע הד קולות בודדים מהמחנות האי מאמינים, שמשתוקקים ליהדות אמיתית וקצה נפשם בחיי מינות והבל.

ונצח ישראל לא ישקר. הבה נקוה לאור...

אַ משל פון דער בין

אלה הדברים וגו׳ — מה דבורה זו דובשה לבעליה, ועוקצה לאחרים, כך דברי תורה סם חיים לישראל וסם המות לאו״ה (מדרש רבה א׳ ה׳).

אַ בייסיקע שאַרפע דערקלערונג איז דער משל פון דער בין.

די בינען צוכט פאָדערט פיל פּראַקטיק צו וויסן ווי אַרומצוגייִן אַרום זיי. דער פּראַקטישער פאַרמער היט אָפּ די בינען מיט זייער שפּייז, אין זייער וואוינונג, לויט זייער געוואוינהייט נאָך. ער ווייס אויך ווי צו היטן זיך פון זייער ביס, צו טראָגן אַ מאַסקע אויפן פּנים און הענט, און ער האָט זיין שכר, די האָניק פון דער בין. ווען אָבער אַ פרעמדער קומט פּלוצלונג אַריין אין יאַרד פון בינ־שטאָקן, באַפאַלן זיי אים און צעבייסן אים.

דאָס זעלבע איז די תורה, ווען מען נעמט איר אַריין ווי אַ גוטן שכן דאַן גיט זי שכר און זיסע גוטע געצאָלט, ווען אָבער ער איז פרעמד צו דער תורה, פילט ער נאָר ווי די תורה בייסט אים, באַלעסטיקט אים און פּייניקט אים...

מחלוקת קרח און דער עגל

וחצרת ודי זהב (א׳ א׳).

חצרת זהו מחלוקת של קרח, ודי זהב זהו חטא העגל (רש״י).

מפרשים פרעגן: די מחלוקת פון קרח איז דאָך געווען נאָכן מעשה העגל, טאָ פאַרוואָס קומט דאָ פריער?

ווען אַ פירער פון אַן עדה איז גייסטיק זייער הויכגעוואַקסן, גאָרניט אין פאַרגלייך מיט זיין דור, נאָר איז טאַקע דער אמת׳ער צדיק, איז עס זייער שווער דאַן פאַר אים צו פירן דעם פאָלק לויט זיין וועג, ווייל ער איז ווייט אַוועק פונעם פאָלק, און דער

עולם קאָן אים ניט נאָכהאַלטן, זאָגנדיק, ער איז דאָך ווי אַ מלאך אָבער מיר קענען דאָס ניט נאָכטאָן.

דאָס איז פּיליכט געווען די טענה פון פאָלק וועגן משה'ן: „כי זה משה האיש לא ידענו מה היה לו", דער מענטש משה איז ניט קיין מענטש נאָר אַ מלאך... און דאָס איז דאָך טאַקע אַ למוד זכות אויף זיי!

קומט אָבער די מחלוקת קרח און צעשטערט עס. ווייבאַלד זיי האָבן גע'טענה'ט צו משה'ן אַז „כל העדה כולם קדושים" אַלע זיינען הייליק און גרויס, קומט דאָך אויס אַז זייער פריערדיקע טענה צו משה'ן ווערט בטל, אויב אַלע זיינען גרויס קען מען דאָך גיין מיט משה'ן, ממילא איז דאָך דער חטא העגל שטאַרק און גרויס. אָט דאָס מיינט דער פּסוק „וחצרות ודי זהב", די מחלוקת קרח שטעלט פעסט און קלאָר דעם חטא העגל... (ילקוט הגרשוני)

רייכקייט איז אַמאָל שעדלעך

וחצרת ודי זהב (א' א').

ודי זהב, הוכיחן על העגל שעשו בשביל רוב זהב שהיה להם, שנאמר וכסף הרביתי להם, וזהב עשו לבעל (ספרי).

עס ווייזט אויס ווי אַ למוד זכות, ווייל ווען זיי האָבן גאָלד געקראָגן האָט דאָס מיטגעבראַכט צום עגל, און גאָלד ברענגט אויך צו מחלוקת און צו אַלע עבירות...

אַ איד האָט אַמאָל געבעטן ביים חפץ חיים זצ"ל, אַ ברכה אַז זיין לאָטעריי צעטל זאָל געווינען. פרעגט אים דער ח"ח: פּרנסה האָט איר? יע, רבי — ענטפערט דער איד — איך האָב פּרנסה אָבער עס וואָלט ניט געשאַט אַביסל עשירות צו האָבן.

— פון וואַנען ווייסט איר אַז עס וואָלט ניט געשאַט עשירות, פּיליכט וואָלט יע געשאַט? — איז געווען דער ענטפער פון חפץ חיים ז"ל.

אַ רמז אויף אחרית הימים

יסף ד' עליכם ככם אלף פעמים ויברך אתכם כאשר דבר לכם (א' י"א). — זעט רש"י דאָרט, וואָס ער פרעגט און ענטפערט.

אָבער, פרעגט די וועלט, עס איז דאָך אַ כלל אַז „בכלל מאתים מנה", איז דאָך משה'ס ברכה אין כלל פון דעם רבש"ע'ס

ברכה „אם יוכל איש למנות וגו׳״, טאָ צו וואָס משה׳ס ברכה?

ווייל מען דאַ זאָגן אַ רמז אַז משה רבנו האָט געוואָלט אַז אין אחרית הימים זאָל די גאַנצע וועלט זיך מגייר זיין. און מיר געפינען אַ רש״י אויפן פסוק „ויספר משה לחותנו״ לקרבו ולמשוך את לבו לתורה, דאָס איז געווען זיין דרך הקודש. און דאָס באַדייט די ווערטער „יוסף ד׳ עליכם״, ווייל דער לשון יוסף גייט אַרויף אויף גרים, ווי דער לשון הגמרא (יבמות ע״ט) מיד נתוספו עליהם ק״נ אלף גרים.

אָבער וואָס איז דער חשבון פון אלף פעמים? — ווייל משה רבנו האָט געוואוסט ברוח הקודש אַז אין די באחרית הימים וועט די וועלט ציילן צוויי מיליאַרד און צוויי פינפטל, דאָס איז פונקט טויזנט מאָל מער ווי דער צאָל פון די יוצאי מצרים וואָס האָבן געציילט איבער צוויי מיליאָן נפשות (זע דעם חשבון אין מיינע קאָמענטאַרן אויף פרשה במדבר) ... (הר׳ רפאל פרידמאַן, תל אביב)

„אימת הדין״ אין אַמעריקע

ואצוה את שופטיכם בעת ההיא (א, טז).

ולהלן הוא אומר ואצוה אתכם, א״ר אליעזר א״ר שמלאי, אזהרה לצבור שתהא אימת דיין עליהם, ואזהרה לדיין שיסבול את הצבור (סנהדרין ח).

עס איז מערקווירדיק ווי דאָ אין דער מדינה איז מקוים געוואָרן דער „אימת הדין״, מען האָט טאַקע מורא פאַר אַן אמת׳ן רב, אָבער די מורא דערגרייכט אויף אַזוי פיל, אַז מען לאָזט דעם רב ניט אַריין אין שול אָדער געמיינדע, צוליב מורא פאַר אים...

אַ גרויסער משפט

לא תכירו פנים במשפט, כקטן כגדול תשמעון וגו׳ והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי (א, יז).

משה האָט זיך אויסגעדריקט „אשר יקשה מכם״, די שווערע פראַגן, יתרו דאַקעגן האָט געזאָגט „כל הדבר הגדול״, די גרויסע פראַגן.

אָט אין דעם טאַקע באַשטייט דער דיפרענץ פון אידישן בית דין, צו זייערן להבדיל. ביי זיי הייסט אַ גרויסער משפט ווען עס האַנדלט זיך פון אַ גרויסע סומע, אַ קליינער משפט הייסט ווען

וויניק געלט. ביי אידן איז ניט אזוי, נאר אז דער סכסוך איז א שווערער א קאמפליצירטער דאן הייסט דאס א גרויסע דין תורה, אבוואל די סומע איז א קליינע. (נחלת צבי)

ואתחנן

כבוד אב ואם ונימוסים

דרשה לפרשת ואתחנן

כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך ד׳ אלקיך למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך על האדמה וגו׳ (ה, טז).

מצות כיבוד אב ואם, אם כי היא כל כך מובנת, כ״כ הגיונית ומתאמת עם טבע האנושות, הלא היתה צריכה להיות משתמרת ביותר, ובפרט שנוסף לזה תופסת מקום כל כך חשוב בעשרת הדברות, שנותן התורה מבטיח בעד קיומה ביחוד אריכת ימים והרבה טוב, ובכל זה לדאבון לב, כל אלה המעלות החשובות אינן מועילות, והיא מתמעטת ופוחתת מדור לדור, יורדת מאיגרא רמה של דורות הראשונים לשפל המדרגה של דורות אלו, אין כבוד ואין יראה, אין חבה ואין אהבה, אתה מסתכל בהופעה הזאת ואתה משתומם איך נהי׳ כדבר הזה? איך כה ירדנו פלאים?

לכאורה נוכל לפענח חדה זו בתשובה קצרה, על יסוד דברי חז״ל: נאמר כבד את אביך ואת אמך, ונאמר כבד את ד׳ מהונך, השוה הכתוב כבוד אב ואם לכבוד המקום (קידושין ל״א). ואם כבוד המקום ירד ונזלזל כל כך בדורות האלו מפני המינות והכפירה הארסית, מה נוכל לקוות על כבוד האבות?

אבל אין הסברה הזאת מספיקה, יען שהמצוה הזאת נחשבת בין המצוות השמעיות אשר כל איש וגם בני נח מושרשים ונבראים בחוש ותודעה חיובית לענין זה.

איברא כי בדורות קדמונים בעת שהיו עובדים ע״ז וגסת כמו פעור, מולך ובעל היו האבות מעבירים בניהם באש, והבנים היו נוהגים כשהאב זקן ואינו מוכשר לעבודה ואיזה עזר, היו מוליכים אותו לצוק להר גבוה ודוחפים אותו לעמק וכל עצמותיהם תשברנה בסקילה כזו. אבל זהו היה ימים מקדם קדמונים, ולא נשמע פראות כאלה בתקופות אח״ז.

אמנם עדיין לא הגיעו העמים למדרגת הקדושה של עם קדוש לחבב וליקר את האבות באופן נעלה ומקודש כמו ישראל, למשל, הנמצא בחוקי העמים דין כזה „מקלל אביו ואמו מות יומת", מסופקני! וגם אפילו הדין „מכה אביו ואמו", הידונו זה יותר מחובל איש זר? אבל יש להודות כי יש להם יחס של כבוד והוקרה במדה ידועה, ויחידים מהם מראים יחס גדול של כבוד והוקרה, כמו גם לפנים הי' נכרי מצוין, דמא בן נתינא, כידוע. ואם כן התמיה במקומה עומדת איזה כח מהרס נכנס במשכונות ישראל, להחריב את כל היפה והטוב באהלי יעקב?

בספרות החורבן והשואה של דורנו יסופר כי הזדים היו ממציאים עינויים חדישים לענות את אחינו האומללים, והיו מכים מכות רצח להאבות לעיני בניהם, האבות היו מפצירים להבנים שלא יזוזו ממקומם כי בנפשם הם, אבל הבנים לא יוכלו לראות זה בדומיה והיו קופצים כאריות במכות רצח על הצוררים במסירת נפשם ממש, כי תיכף הרגו את הבנים במיתות משונות.

כמדומני שנחוץ לעיין ולדיין בזה בבתי החינוך המודרניים שלנו, ללמד להתלמידים שיעור שעה ביום פרק במוסר ומדות, כמו כבוד או"א, והדרת פני זקן ועוד, כי מאין יתרגלו בזה באוירה החילונית בבית ובחוץ?

לפנים בישראל היה המאור שבתורה שורר, שולט ומשפיע בכל דרכי החיים, אבל עתה התורה נלמדת מעט מן המעט, ומאין ירכשו הצעירים מדות ודרך ארץ?

שמעתי שבארץ ישראל מדובקים במסה"ב ואויטא מרכבות, פיתקאות באותיות גדולות „והדרת פני זקן", כדי שהצעיר יתרומם ממקומו ולמסור הספסל להזקן והחולה, ואמנם זהו מנהג יפה מאוד.

לפי דעתי מן הנכון הי' אם גם בבתי ספר הכלליים ינהיגו ללמוד שיעור חצי שעה במדות ונימוסים כאלה, ונחוץ לארגן תנועה כזו, וזה לא יהי' בסתירה עם הנהוג שלא ללמוד דת בבתי ספר האמריקאים. כי לא באלה אנו מדברים, אלא במדות ונימוסים הגונים ויפים, והרבה טובה היה יוצא מזה, ואפילו היה מועיל במקצת להקטין ולמעט את הפשע ההולכת ומתרבת משנה לשנה.

אי אפשר לשבת בחיבוק ידים, ובשב ואל תעשה, אם אמנם הישיבות אהלי התורה מגינים ומצילים מרעות שנזכרו, והמה חומות בצורות, אבל העובדא היא כי המה המיעוט והפרובלימה היא כללית ליהודים וגם לאינם יהודים.

כיבוד אב אין פריערדיקע דורות

דרשה לפרשת ואתחנן

כבד א אביך ואת אמך כאשר צוך ד׳ אלקיך למען יאריכון ימיך (ה, טז).

א מערקווירדיקע פאסירונג ווערט דערציילט פון דעם בארימטן ראבינער יעקב מזאה פון מאסקווע, וואס כאראקטעזירט די הער־לעכע באציאונג צו כבוד אב אין די צייטן פון אמאל. ער שילדערט די גייסטיקע געשטאלט פון א גרויסן גביר, וועלכער איז געווען אויך א בארימטער גדול בתורה, מיטן נאמען ר׳ זלמן ר׳ הלל׳ס אין דער שטאט שקלאוו. ווען מען פלעגט פרעגן א שקלאווער אידן ווער איז דער רייכסטער ביי אייך, איז געווען דער ענטפער ר׳ זלמן ר׳ הלל׳ס. ווער איז דער גרעסטער למדן ביי אייך, איז געווען דער זעלבער ענטפער, ר׳ זלמן! ער אליין האט קיין רבנות ניט געוואלט אננעמען, אבער זיין דעה ווען צו נעמען פאר א רב האט אריבערגעוואויגן אלעמענס. מען פלעגט אויף אים זאגן „הממליך מלכים ולו המלוכה״... זיין איינפלוס האט דערגרייכט אין דער גאנצער סביבה.

אט דער גביר ר׳ זלמן האט געהאט א אינגל מיטן נאמען ליפא, האט פארמאגט א שארף קעפל, געראטן אין פאטער. פאר־הערנדיק אים איינמאל אין זיין לערנען, איז דעם פאטער ניט געפעלן געווארן זיינע דערגרייכונגען און מיט כעס אים געזאגט, דו האסט גארניט געלערנט און מער וויל איך דיר ניט אנקוקן פאר מיינע אויגן. און דער אינגל איז פון פארביטערונג אוועק פון פאטערס הויז און אויף שטענדיק.

איז געבליבן ביי די נכבדים פון שטאט מען זאל אים אוועק־שיקן אין א ישיבה און זיי וועלן אים שטיצן. ער האט דארט געלערנט ביז 18 יאר, געשטיגן אין תורה און באקומען סמיכה, און איז אנגעקומען אויף מורה הוראה אין מאליב און אויך מגידות.

פארן געבן אים דעם כתב האבן די גבאים אים געזאגט: מיר פארלאנגען רבי פון אייך צוויי זאכן: איר זאלט חתונה האבן און איר זאלט זיך איבערבעטן מיט אייער פאטער, מה דאך יעדער איד דארף מקיים זיין כיבוד אב, א פשיטא שוין א רב.

אויף דעם האט דער יונגער רב א זאג געטאן: נו און אט אזוי פירט זיך א טאטע?...

אויף דעם האָט דער גבאי אים געענטפערט: רבי, מיר מיינען דאָס פון אייער טובה װעגן, מיר װילן איר זאָלט מאריך ימים זיין ביי אונז... דער רב האָט גלייך געענטפערט: איך פאָלג אייך, און האָט גלייך אַװעקגעשיקט אַ בריװ צום פאָטער דורך אַ שליח מיוחד צו איבערבעטן זיך מיט אים...

עס איז באַװאוסט די געשיכטע פון דעם גוי דמא בן נתינא װאָס האָט צוליב כבוד אב אַװעקגעלאָזן אַ גרױסן פאַרמעגן פאַר זיינע ברילאַנטן (קידושין ל״א).

מען האָט אים אָפּגעצאָלט פון הימל, אַז ביי אים איז געבאָרן געװאָרן אַ פרה אדומה, װאָס אידן האָבן אים באַצאָלט אַ גרױס פאַרמעגן. מפרשים פרעגן װאָס עפּעס אַזאַ אױסנאַם זאַך װי אַ פרה אדומה? דער ענטפער איז, עס איז אין הימל געװאָרן אַ קטרוג אַז אַ גוי היט אָפּ „כבוד אב״ מער װי אידן, האָט מען דערפאַר געצייגט, זעט! װיפל אידן קענען באַצאָלן פאַר אַ פרה אדומה צוליב די ליבשאַפט צו מצוות...

ער קריכט אַרױס דורכן פענסטער

מען דערציילט אויף דעם גרױסן רב און צדיק ר׳ יחזקאל שינעװער זצ״ל דער זון פון גאון און צדיק ר׳ חיים צאַנזער זצ״ל, אַז ר׳ חיים איז אַמאָל אין כעס געװאָרן אױפן זון, און האָט צו אים געזאָגט, דו זאָלסט מער מיין שװעל ניט אַריבערטרעטן! איז ער באַלד אַרױסגעגאַנגען פון זיין פאָטערס הױז אַרױסקריכנדיק דורכן פענסטער, און אױסגעמיטן צו גיין דורכן טיר און שװעל...

שבת נחמו און מנחם אב

מיר פאַרשטיין פאַרװאָס דער שבת װאָס נאָך תשעה באב, רופט זיך נחמו, װייל עס הױבן זיך אָן די „שבעה דנחמתא״, די זיבן הפטורה׳ס פון טרייסט. עס איז סימפּטאָמאַטיש אױך װאָס דער גאַנצער חודש רופט זיך אָן „מנחם אב״, דער פאָטער טרייסט.

לױט װי די חז״ל זאָגן: ישראל אמרו, עבד שמכרו רבו, אשה שנתגרשה מבעלה, כלום יש להם זה על זה? דאָס אידישע פאָלק פרעגט: אַ קנעכט װאָס דער האַר האָט אים פאַרקױפט, און אַ פרױ װאָס דער מאַן האָט איר גע׳גט, איז דאָך שױן זייער פאַרבינדונג צעריסן, טאָ װאָס פאַר אַ האָפענונג קען שױן דאָס אידישע פאָלק האָבן?

אויף דעם ענטפערט דער רבונו של עולם: ג־ט האָט ניט צעריסן זיין פאַרבונד מיט אידן, ווייל ער איז אַ פאָטער און אַ פאָטער איז אַלעמאָל גרייט צו צונעמען זיין קינד צוריק אויב דער קינד קערט זיך אום.

און אָט דאָס מיינט דער נאָמען „מנחם אב״ — מיר דאַרפן זיך טרייסטן ווייל ג־ט איז אַ פאָטער און מיר זיינען זיינע קינדער, ניט קיין קנעכט... און ווי די חכמי האמת זאָגן אַז ביי אַן עבד העלפט ניט קיין תשובה, אָבער ביי די מדרגה פון בנים העלפט תשובה.

ירושלים די וועלט שטאָט פון שיינקייט און גייסט

ההר הטוב הזה והלבנון (מה, וה).

ההר הטוב הזה — זו ירושלים (ברכות מח).

די חז״ל האָבן אויסגעטייטשט אַז דער „גוטער באַרג״ וואָס משה רבנו האָט באַוואונדערט און געגאַרט צו דערגרייכן, מיינט דאָס די שטאָט ירושלים, און מיר געפינען טאַקע אין תנ״ך, „הר ציון וירושלים״, „בהר הקודש בירושלים״ (ישעי׳ כ״ז).

ווייל אַנדערש וואָלט דאָך משה ניט געבעטן מיט אַזאַ אייפער צו זען אַ שיינעם באַרג (תורה תמימה).

סימפּאַטאַטיש אָבער איז דער קאָמענטאַר וואָס אויבער ראַבינער פון ענגלאַנד, רבי יוסף צבי הערץ ע״ה, זאָגט:

מיר געפינען אַז די דריי גרעסטע פּאַסירונגען אין משה רבנו׳ס לעבן זיינען פאָרגעקומען ביי בערג: די ערשטע ביים באַרג „חורב״ וואו ער איז גערופן געוואָרן צו ווערן דער פירער פון אידן. די צווייטע ביים באַרג סיני וואו עס איז געווען די גרעסטע וועלט דערשיינונג, קבלת התורה. די דריטע ביים באַרג „נבו״ וואו ער איז געשטאַנען און פון די הויכקייט געזען גאַנץ ארץ ישראל...

אין דער תנ״ך ליטעראַטור זיינען פיל מאָל דערמאָנט בערג מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט און צערטלעכקייט.

קענען מיר דען געפינען אַזאַ שטאַרקן אויסדרוק ווי „אשא עיני אל ההרים״ ביי די גריכן?

אָדער האָבן אַמאָל די קריגערישע רוימער אַרויסגעבראַכט אַזאַ אויסדרוק ווי „שמעו הרים את ריב ד׳ והאתנים מוסדי ארץ״ (מיכה)...

די גריכן האָט ווייניק אינטערעסירט זייער שיינע לאַנד, און די רוימער האָבן געזען אין די שיינע אַלפּן בערג אַ שטער און באַריער צו זייער אויסשפּרייטונג...

ר׳ יוסף בער בריסקער׳ס אַ וואָרט

ויאמר ד׳ אלי רב לך, אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה (ג, כו).
א״ל משה רבון העולמים אתה קראתני משה עבדי וכו׳ אני עבד וכו׳ כתב בתורתך ואם אמר יאמר העבד אהבתי וכו׳ ואני אהבתי אותך ותורתך ובניך וכו׳, לא אצא חפשי, איני מבקש למות. א״ל הקב״ה רב לך אל תוסף . . . (תנחומא ואתחנן ד).

פרעגט ר׳ יוסף בער בריסקער זצ״ל, עס קומט דאָך אויס אַז על פּי דין איז משה רבנו גערעכט, נו איז דען דער רבש״ע חשוד צו טאָן נגד הדין?

און ער פאַרענטפערט דאָס מיט אַ גמרא (קידושין כ״ב) ואם אמר יאמר העבד, עד שיאמר וישנה. איז דעריבער ווען משה רבנו וואָלט די ווערטער איבערגערעט נאָך אַמאָל, וואָלט ער דאַן געהאַט דעם דין אויף זיין זייט אַז ער זאָל קענען אַריין אין ארץ ישראל, האָט דער רבש״ע געזאָגט „רב לך אל תוסף דבר אלי עוד בדבר הזה".

רעפאָרם מיטלען

לא תוסיפו על הדבר וגו׳ ולא תגרעו ממנו לשמור את מצוות וגו׳ (ד, ב).

עס קלינגט עפּעס אַזוי, ווי דער גרעון המצוות וואָלט געווען אַ מיטל צו שמירת המצוות, היתכן? נאָר די תורה האָט מרמז געווען אויף אַזעלכע רעפאָרמער, אַסימילאַטאָרן, וואָס טענה׳ן אַז די צופיל מצוות פאַלט שווער, דעריבער דאַרף מען ווייניקער מאַכן און אַראָפּנעמען פריעה, יו״ט שני, און נאָך און נאָך, דורך דעם וועט זיין גרינגער צו אָפּהיטן די איבעריקע. זאָגט אָן די תורה אַז **לא**, זאָלסט אַזוי ניט טראַכטן און ניט טאָן. דער וואָס וויל גרינגער זיך מאַכן וויל ווירקלעך גאָרניט טאָן קיין מצוות... (בשם כתב סופר)

נאַציאָנאַלע חכמה

ושמרתם ועשיתם, כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים אשר ישמעון את כל החוקים האלה, ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה (ד, ו).

די פעלקער וועלן באוואונדערן די חכמה פון דעם אידישן פאָלק, איבערהויפּט פאַר די חוקים וואָס ער היט אָפּ. אייגענטלעך וואָס פאַר אַ חכמה ליגט אין די חוקים, אַזוי ווי שעטנז, ציצית, כלאים, אז"וו?

דער תירוץ איז, אַז טאַקע אָט צוליב דעם וועלן די גויים באַשטעטיקן אַז מיר זיינען אַ קלוג פאָלק, ווייל די זאַכן וואָס האָבן אַ באַגריף, אַ טעם, וועלן די גויים אויך בעסלעכווייז אָננעמען, אָבער די חוקים וועלן פאַרבלייבן נאָר אונזער אייגענטום און דאָס וועט אונז אָפּזונדערן און אויפהאַלטן אונז אייגנאַרטיק פון זיי, און מאַכן אונז פאַר אַ נאַציאָנאַלע איינהייט. איז דעריבער איז עס אויסער אַ געבאָט פון ג־ט, אויך אַ נאַציאָנאַלע חכמה...

שמירת הבריאות

רק השמר לך ושמור נפשך מאוד פן תשכח וגו' (ד, ט).

מצות עשה להסיר כל מכשול שיש בו משום סכנת נפשות, ולהשמר בדבר יפה יפה, שנאמר השמר לך וגו' (רמב"ם הלכות רוצח פרק יא הלכה ד).

וואַרשיינלעך לערנט דער רמב"ם פון דעם אָפּ דעם כלל פון שמירת הבריאות. די גמרא (שבועות ל"ו) זאָגט „אסור לקלל עצמו", מען טאָר זיך זעלבסט ניט שילטן, און לערנט דאָס אָפּ אויך פון דעם פסוק רק השמר לך וגו' (ניט ווי דער מהרש"א אין ברכות זאָגט אַז דאָס גייט בלויז אויף שכחת התורה).

פון דאָס אויבנגעזאָגטע נעמט זיך דער דין פון אָפּהיטן דעם געזונט.

מען דערציילט אויף ר' ישראל סאַלאַנטער זי"ע, אַז ער פלעגט זיך אויפשטעלן פאַר אַ געוויסן פּראָסטן אידן, אַז מען האָט אים געפרעגט, רבי, וואָס זעט איר דאָ אויף דעם פּראָסטן אַזוינס וואָס איר שטעלט זיך אויף לכבודו. האָט ער געענטפערט בתמימות, איר באַמערקט ווי דער איד גייט אַרומגעוויקלט מיט אַ גרויסן האַלזטוך אַפילו ווען עס איז וואַרעם און ער היט אָפּ דעם געזונט,

איז ער דאָך מקיים אַ גאַנצן טאָג די מצוה פון שמירת הבריאות, דאַרף מען זיך אויפשטעלן פאַר אים. (הרב ר׳ מרדכי האלפערן)

דורך דער תורה ווערן מיר געמאַכט

ללמד אתכם חקים ומשפטים לעשתכם אתם בארץ אשר אתם עברים שמה לרשתה (ד, יד).

דער לשון „לעשותכם" איז שווערלעך, עס האָט געדאַרפט שטיין „לעשות אותם" ווי עס פאָדערט אין לשון נסתר, אָדער לעשתם. אָבער דער לשון פון דער תורה אַנטהאַלט דעם געדאַנק, אַז די מצוות, חקים, משפטים, מאַכן אידן שטאַרק און גאַנץ און „דאָס וואָס זיי זיינען", דאַן איז ריכטיק דער אויסדרוק „לעשותכם", איר ווערט געמאַכט, דורך די מצוות. ווען איר טוט די געזעצן פון דער תורה „מאַכן אייך" די מצוות פאַר דאָס אידישע פאָלק, וואָס אויף זיי זאָגן מיר ורוממתנו מכל הלשונות...

מאַכט ניט קיין צערעמאָניאַל פון מצוות

ועשיתם לכם פסל תמונת כל, אשר צוך ד׳ אלקיך (ד, כג).

— אשר צוך שלא לעשות (רש"י).

רש"י באַוואָרנט די מערווירדיקייט, האָט דען דער רבש"ע געהייסן ח"ו מאַכן אַ פסל?

— מען דערקלערט דעם ענין על פי חסידות אַנדערש, מיט אַ ביישפיל: יעדער זאַך און געגנשטאַנד איז דאָ אין נאַטור און אין בילד. צב"ש, אַ מענטש, איז ער זעלבסט די נאַטור, אַ פאָטאָגראַף גענומען פון אים איז בלויז אַ בילד. דאָס זעלבע אַ הויז, אַ פעלד אד"ג. — דעריבער ווען אַ איד דאַוונט, אָדער טוט אַנדערע מצוות אָן שום כוונה, אָן האַרץ, דאַן איז עס בלויז צערעמאָניאַל, און דאָס הייסט אַ בילד, „פסל", אַ נאָכמאַכונג פון דעם אמת.

אַ הסבר פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצער זצ"ל

רק השמר לך ושמור נפשך פן תשכח... השמרו לכם פן תשכחו את ברית ד׳ (ד, ט — ד, כג).

אויף די 2 פסוקים האָט אַ חסידישער איד געפרעגט דעם ראָפּשיצער צדיק, ווי איז דאָס מעגלעך שטענדיק צו געדענקען און ניט מסיח דעת זיין פון רבש"ע, די מחשבות פון אַ מענטש שוועבן דאָך אַרום און אין אַלץ?

האט דער רבי געענטפערט: די משנה אין פאה זאגט אז אן אלומה שגדולה מאוד אין לה דין שכחה, א גארב וואס איז זייער גרוים איז ניטא דערביי דער דין פון שכחה. נו באדענק זיך, דער רבש"ע איז זיין גרויסקייט ניט צו באגרייפן, קען ניט זיין קיין שכחה, עס קען זיין בלויז א היסח הדעת אויף א מינוט...

שבת האט מען אנגענומען מיט ליבשאפט

שמור את יום השבת לקדשו כאשר צוך ד׳ אלקיך (ה, יב).
א"ר יהודא א"ר כאשר צוך במרה (סנהדרין נו).

מען קען דא פארשטיין דעם רמז, וואס ווען עס פאלט אויס יום טוב אום שבת זאגט מען „ותתן לנו ד׳ א׳ **באהבה** שבתות למנוחה", ווייל אלע מצוות און מועדים זיינען דאך געגעבן געווארן אויף דעם בארג סיני בכפייה, געצוואונגענערהייט, אבער שבת האט מען דאך געגעבן אין מרה און „באהבה" מיטן גוטן ווילן אן נויט.

פיזישע ארבעט איז זייער וויכטיק

ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי שבת לד׳ (ה, יג).

מערקווירדיק, די תורה וויל דאך אנזאגן אויף שמירת שבת, און יעדן מאל דערמאנט די תורה אז מען זאל טאן ארבעט אין די זעקס טעג פון דער וואך, אזוי זיבן מאל ווערט עס דערמאנט, וואס באצוועקט עס?

מען קען עס פארשטיין דורך א מאמר אין אבות דרבי נתן: ר׳ יהודה בן בתירא אומר, מה ת"ל ועשית כל מלאכתך, אלא להביא מי שיש לו חצירות או שדות חריבות ילך ויעסוק בהם, מפני שאין אדם מת אלא מתוך הבטלה (אדר"נ פרק י"א).

דאס מיינט אין אידיש, א מענטש זאל באארבעטן זיינע פוסטע פעלדער, אדער ארום הויז ארבעטן, זאגאר אזעלכע ארבעט וואס ער נויטיקט זיך ניט, נאר ער זאל ניט ארומגיין ליידיק, ווייל פון בטלה קומט ארויס שלעכטס, און דאס מיינט „כל מלאכתך", אפילו אן אומנויטיקע. אויף אזויפיל האבן אונזערע חז"ל דערהויבן ארבעט. (תורה תמימה)

יעדער איד רופט אַלעמען צו אמונה אין אחדות הבורא

שמע ישראל ד׳ א׳ ד׳ אחד (ו, ד).

דער אויסדרוק „שמע ישראל" איז אויפפאַלענד, ווייל פּאַסיקער וואָלט געווען דער לשון „אני מאמין" וואו יעדער איד זאָל זאָגן אויף זיך אַז ער גלויבט אין אחדות הבורא און איז מקבל עול מלכות שמים.

אָבער, זאָגט דער רמב"ן, ווען אַזוי, וואָלט דאָס מיינען אַז יעדער איז ערב נאָר פאַר זיך זעלבסט, און אַ איד איז ניט יוצא מיט דעם אליין, נאָר ער דאַרף רופן אַלעמען, זיינע מיטמענטשן, שמע ישראל... (הדר הכרמל)

ר׳ ישראל סאַלאַנטער׳ס אַ הנהגה

בכל נפשך ובכל מאדך (ו, ד).

ובכל מאדך, בכל מדה ומדה שמודד לך. חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה (ברכות נד).

מען דערציילט אויף ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ווען ער איז געווען קראַנק איז געקומען אַ פריינט צו אים מבקר חולה זיין, און פרעגט אים: רבי, ווי פילט איר היינט? ענטפערט ר׳ ישראל: זייט אַזוי גוט און גיט מיר אַביסל וואַסער. ער האָט געוואַשן די הענט און אויפגעהויבן זיך אַביסל און געזאָגט: ג־ט צו דאַנקען איך פיל היינט ערגער...

די מזוזה און דער גלאָק

וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך (ו, ט).

אין דער גרויסער קירכע האָט דער גלאָק געגלאַנצט און זיך געגרויסט מיט זיין גרויסקייט און קלאַנג. ער האָט דערזען פונווייטן אַ מזוזה אויפן טיר פון אַ אידן, און ער האָט גאוה׳דיק געזאָגט צו דער מזוזה, דו קליינע אָרעמע פאַרשטויבטע מזוזה, ווי קומסטו אַהער אין דעם רייכן געגנט? איך קלינג איך גלאַנץ, אָבער דו?

— קוק ניט אויף מיין אָרעמען אויסזען — איז געווען דער מזוזה׳ס ענטפער — מיר קושט מען און מען האַלט מיר טייער פאַר מיין אינהאַלט אינוויינוק, דו גלאָק אויסערלעך גלאַנצטו, דו פאַרקלינגסט די סטריט, אָבער אינעווייניק ביסטו פוסט...

עקב

יסורים — מוסר

כי כאשר ייסר איש את בנו ד׳ אלקיך מיסרך.
לשוא הכיתי את בניכם מוסר לא לקחו.

די אויפפאַסונג פון חז״ל אויף דעם באַגריף „יסורים״ איז ניט איינזייטיק, זיי טיילן דאָס אין צווייערליי אופנים „יסורים של אהבה״ און ניט של אהבה. „יסורים של אהבה״ איז ניטאָ דערביי קיין ביטול תורה, און די יסורים וואָס זיינען ניט „של אהבה״ איז דאָ ביטול תורה, און דאָס איז באַזירט אויפן פסוק „אשרי הגבר אשר תיסרנו י׳ ומתורתך תלמדנו״ (ברכות).

וואָס איז די לאָגיק דערפון? קען מען עס דערקלערן אַזוי: ווען אַ מענטש איז ממשיך זיין לערנען תורה אומגעשטערט טראָץ די יסורים וואָס האָבן אים אַרומגענומען, איז אַ באַווייז אַז ער איז מקבל באהבה די יסורים, נעמט דאָס אָן גוטמוטיק און פעלזן פעסט, דעריבער קען ער אָנגיין מיט זיין תורה, אין קעגנטייל, וואָלט ער געוואָרן צעבראָכן פיזיש און גייסטיק און וואָלט ניט געקענט פאָרזעצן זיין לערנען.

אויף דעם יסוד פון חז״ל, אר״י א״ר ארבעה צריכין להודות, יורדי הים וכו׳ חולה ונתרפא, וויל איך דאָ אָפּגעבן אַ שבח והודי׳ צום רבש״ע, וואָס איך האָב לעצנט דורכגעלעבט גרויס סכנה און גרויסע יסורים, און ער האָט מיט מיר געטאָן גרויס חסד.

ערשטנס, ער האָט צוגענומען די שרעק פון מיר פאַר דער אָפּעראַציע און מיין נאַטור איז אַלעמאָל אַ שרעקעוודיקע. דאָס האָט צוגעהאָלפן צו די גאַנצע פּראָצעדור.

איך האָב אָבער טראָץ מיין רואיקייט סענסיטיוו געוויינט און האָב זיך ניט געקענט באַהערשן, און עס האָט מיר געוואונדערט ווייל איך בין בטבע ניט קיין גרינגער אויף טרערן. האָב איך געטראַכט צו זיך אַליין, אָ! דו האָסט זיך צופיל ליב... וואָלסט אַזוי געוויינט ווען דו זעסט דיין פריינט אין אַזאַ סיטואַציע?... און מיט אַזעלכע טרערן קען מען פיליכט ניט עפענען די שערי רחמים.

דערווייל האָט די אַנעסטעטיק גענומען ווירקן, און אַ האַלבער טראַנס האָט געענדיקט די מחשבות.

(זאָל דער לייענער ניט דענקען אַז איך ברענג דאָ אַריין פּערזענליכעס, טויזנטער לעבן דורך דאָס זעלבע, תורה היא וללמוד הוא צריך).

אין די קומענדיקע טעג האָב איך פיל געטראַכט וועגן די פריערדיקע מחשבות אויפן אָפּעראַציע טיש, און עס איז מיר אויפּ־געקומען אַ בליץ געדאַנק, וואָס איך האָב געזען אין אַ ספר בשם האר״י הקדוש, אַז אין די ימים נוראים ווען אַ איד צעוואַרעמט זיך אין די תפילות, און עס הויבט זיך אָן צו וויינען, איז עס אַ סימן אַז אָט אין דער מינוט קומט פאַר זיין משפט פאַרן בית דין של מעלה, ווייל די נשמה וואָס איז אַ חלק א׳ ממעל דערפילט אַז מען איז איר דן.

איז עס דאָך שוין אַן ערנסטער ענין, טראַכט איך, ניט קיין סענסיוויטעט. נו וואָס קען איך אָן אָרעמאַן אין זכותים און מעשים טובים פועל זיין? און בפרט אַז איך האָב שוין געקראָגן אין מיין לעבן פיל חסדים און גוטעס פון רבש״ע.

ווי דער חפץ חיים זצ״ל פלעגט זאָגן „מה אשיב לד׳ כל תגמולוהי עלי״, איך האָב אויף זיך אַזוי פיל צו באַצאָלן פאַר דאָס פריערדיקע, טאָ מיט וואָס זאָל איך ענטפערן צום רבש״ע איצט?

איז מיר געקומען צו הילף די מחשבה אַז איך האָב גוטע פריינט אין בית המדרש, דאָס זיינען די ישיבה לייט און די יונגע לייט פון דער צענטראַלער ישיבה „בית יוסף״ אין באָראָפּאַרק, זיי זיינען שוין ב״ה רייך אין תורה, מוסר און מעשים טובים, זיי ווידמען זייער לעבן צו דעם, זיי זיינען זיך מסתפק במועט און האָבן ניט קיין פּרעטענזיעס צו די „זבולונ׳ס״, זיי לעבן אַ צופרידענעם גאַנצן תורה׳דיקן לעבן. איך האָב צו זיי אַ באַציאונג פון ליבשאַפט און טיפע אַכטונג און בין איבערצייגט אַז נאָר אין ישיבות פון תורה מיט מוסר קענען אַרויסקומען אַזעלכע פּערזענ־לעכקייטן, און זיי זיינען מתפלל פאַר מיר.

נאָך אַ מאמר חז״ל האָט באַרואיקט מיין געמיט, און דאָס איז די גמרא (חולין ז׳ ע״ב) א״ר אליעזר דם ניקוף מרצה כדם עולה, אמר רבא בגודל ימין ובניקוף שני, והוא דקאזיל לדבר מצוה. איז רש״י מבאר, ווייל דיביידע אופנים מאַכן דעם ווייטיק שטאַרקער.

מיינע יסורים איז אויך געווען דעם 2־טן מאָל, און דער דריטער באַדינג — והוא דקאזיל לדבר מצוה — איז אויך אויסגעהאַלטן ביי מיר, אין די לעצטע 15 יאָר בין איך זיך עוסק דורכאויס אין דער ישיבה „בית יוסף", וואָס איז תורה און מצוה, און די האָפענונג האָט זיך געשטאַרקט אין מיר אַז דאָס איז צו מיין קרעדיט, דער רופא חולים זאָל מיר שיקן זיין רפואה בתוך שאר ח"י אמן.

טראַכטנדיק וועגן יסורים און מוסר, פאַרשטייען מיר דאָך אַלעמאָל אַז עס איז צוויי באַגריפן: יסורים איז פיזישע אָדער גייסטיקע ליידן אין אַלערליי פאָרמעס, ל"ע; מוסר איז תוכחה, שטראָף רייד פון איינעם צום צווייטן, אָדער פון אַ מוסר ספר צו דעם וועלכער לייענט און פאַרטיפט זיך אין אים.

טיפער פאַרשטאַנען איז עס אָבער איין באַגריף, יסורים איז אייגענטלעך אַ פאָרזעצונג פון מוסר, אויב מוסר אַליין העלפט ניט. ווי די חז"ל זאָגן „אין יסורין בלא עון", „יסורין ממרקין עונותיו של אדם" (שבת נ"ה), עס איז פונקט ווי אַ פאָטער שטראָפט זיין קינד מיט ווערטער, ער לאָזט איבער יסורים שטראָף נאָר אויף דאָס לעצט...

און דאָס באַדויערט דער נביא אין ג־ט'ס נאָמען: אומזיסט האָב איך געשלאָגן אייערע קינדער, זיי האָבן גאָרניט געלערנט דערפון.

אין אַלגעמיין איז שווער, ווארום האָבן מאַנכע מקבל געווען אויף זיך יסורים, ווי נחום איש גם זו, דאַקעגן ר' יוחנן האָט געענטפערט אויף אַ פראַגע צו אים חביבין עליך יסורים? לא הן ולא שכרן. אויך רבא (ברכות י"ז) פלעגט זאָגן נאָכן דאַווענען: ומה שחטאתי לפניך מחוק ברחמיך הרבים, אבל לא על ידי יסורים וחלאים רעים. אויף הנניא מישאל ועזרי' וואָס נבוכדנצר האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין פייער ווערט געזאָגט: אלמלא נגדוהו לחמו"ע הוי פלחו לצלמא, ווייל יסורים איז שווערער ווי אָפּפערן דעם לעבן. אַלזאָ איז וואַרשיינלעך אַז יסורים איז אַ גרויסער נסיון און ניט אַלע פילן זיך שטאַרק גענוג צו קענען עסביישטיין.

אונזערע שוואַכע דורות קענען דאָס געוויס ניט נעמען, נאָר ווען יסורים קומען דאָך אָן, דאַרף מען זיין גענוג פאַרנינפטיק צו מקבל זיין עס באהבה און ניט „בועט זיין", ד"ה קומען מיט טענות צום רבש"ע, ווייל עס קומט ניט פאַר אומזיסט...

וואָס געווען איז געווען ...

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה (ז, יב).

לויט דעם רמב"ן מיינט „עקב", דער סוף פון מעשים, פון צייט פון אַלץ. דאָס מיינט צו זאָגן, וואָס געווען איז געווען, אויב איר האָט געזינדיקט פריער און איצט ביים סוף האָט איר חרטה און טוט תשובה, און הויבט אָן צו טאָן גוטעס איז דאַן ושמר וגו' ואהבך וברכך.

און דאָס זעלבע אויב אין סוף יאָר, אין חודש אלול, נעמט איר זיך אויף אַ גוטן וועג, איז אַלעס גוט... (רמב"ן)

לא בכוח ... כי אם ברוחי

כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה ממני איכה אוכל להורישם, לא תירא מהם וגו' (ז, יז).

עס איז ראַטזאַם צו דערמאָנען איצט, די עלעמענטן אין ישראל וואָס דענקען נאָר אין טערמינען פון „נהי' ככל הגוים", אַז נאָך אַלעמען מיט אונזערע העלדנטאַטן וואָס מיר האָבן געצייגט, זיינען מיר דאָך אַ קליין פאָלק קעגן אַ וועלט מיט גאַנצע שונאים און האַלבע שונאים, און מיר קענען ניט זיך פאַרלאָזן בלויז אויפן פויסט אַזוי ווי די גויים. עס איז נאָר מיט דער אויפזיכט פונעם שומר ישראל, וואָס מיר האָבן איצט געזיגט, און וועלן ווייטער עקזעסטירן, און עס איז דער כוח פון תורה און מצוות, וואָס מיר זאָלן מצרף זיין צו דעם כוח פון פויסט, אום צו געפינען רואיקייט.

די תורה דערקלערט דאָס אונז טאַקע אין פסוק מיט די ווערטער „ווען דו וועסט אָנהויבן טראַכטן אין הארצן אַז די פעלקער זיינען דאָך פיל מערער פון מיר ווי אַזוי וועל איך זיי קענען אַרויסזעצן?" דאָס מיינט, דו וועסט זיך ניט פאַרזיכערן אויף דעם אייגענעם כוח, קאָנסעקווענט וועסטו אַרויפקוקן צום הימל... אָט דאַן איז טאַקע „לא תירא מהם" וועסטו ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר זיי... און די פסוקים זאָגן ווייטער: ושמרתם את המצוה למען תחזקו, ובאתם וירשתם...

די שלעכטע וועלט איז מקרב די גאולה

לא בצדקתך וביושר לבבך אתה בא לרשת ארצם, כי ברשעת הגויים האלה ד' אלקיך מורישם מפניך (ט, ה).

די תורה זאָגט אונז אַז מיר קומען אין ארץ ישראל ניט צוליב אונזער אייגענעם זכות, נאָר צוליב די רשעות פון די גויים

פון יענער צייט. דאָס זעלבע וועט פּאַרקומען ביי דער צוקונפטיקער גאולה, מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן ניט צוליב אונזער אייגענער פאַרדינסט און צדקות, נאָר די שלעכטס און פאַרדאָרבנקייט פון דער וועלט וועט זיין אַזוי גרויס, אַז דער בורא עולם וועט מוזן אונז אויסלייזן פון זייער גלות, אום מיר זאָלן חס ושלום ניט אונטערגיין אינגאַנצן...

מיט דעם פאַרשטייען מיר די רייד פון אונזער משורר דוד המלך ע"ה: שיר המעלות בשוב ד' את שיבת ציון היינו כחולמים, אז ימלא שחוק פינו ולשונינו רנה, אז יאמרו בגויים הגדיל ד' לעשות עם אלה, הגדיל ד' לעשות עמנו היינו שמחים (תהלים קכ"ו).

דער משורר אין זיין פּאָעטישער פאַרשטעלונג זעט די גייסטי־קע לאַגע פון פאָלק ישראל ניט גלענצנדיק, און דעריבער ווען די צייט פון גאולה וועט קומען וועלן זיי זיין ווי טרוימער, זיי וועלן צווייפלען אין דער ווירקלעכקייט פון דער גאולה, ווייסנדיק אַז זיי האָבן עס ניט פאַרדינט און זיינען ניט דערוואַקסן גענוג צו דעם, זיי וועלן אָבער דאָך זינגען און פרייען זיך מער ווייניקער, אָבער גלייכצייטיק באַדויערן וואָרום איז די גאולה געקומען ניט דורך זייער אייגענעם זכות, נאָר צוליב די רשעות פון דער גוי'אישער וועלט...

דאָס מיינען די ווערטער „אז יאמרו" אידן וועלן זאָגן „בגוים הגדיל ד' לעשות עם אלה", צוליב די מערדערייען און שטוינענדיקע רשעות פון די גויים האָט ג־ט געמוזט צוהיילן מיט דער גאולה.

אידן וועלן זאָגן „הגדיל ד' לעשות עמנו היינו שמחים", ווען ג־ט וואָלט געבראַכט די אויסלייזונג צוליב אונזער פאַרדינסט אַליין וואָלטן מיר געפילט אַן אינערלעכע גרויסע שמחה, אָבער איצט, ווי די זאַך איז אין דער ווירקלעכקייט, פילן מיר אַ בושה...

מיט דעם קען מען זאָגן דעם רעיון אין דער גמרא סנהדרין „אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי, או כולו חייב", דאָס מיינט, אָדער מיר זאָלן זיין כולו זכאי, אָדער די גויים זאָלן זיין כולם חייבים... (בשם אבי מורי זצ"ל)

על פי חסידות

קום רד מהר מזה כי שחת עמך (ט, יב).

אויפן פסוק „לך רד כי שחת עמך" אין פרשה תשא, זאָגט דער מדרש „ד"א לך רד בזעף" (מד"ר מ"ב).

דאַרפן מיר פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אים דער אויבערשטער געהייסן אראָפּגיין מיט כעס?

על פי חסידות פאַרענטפערט מען דאָס אזוי: דער זוהר הקדוש זאָגט אַז ווען דער צדיק וויל דערהויבן דעם רשע און מתקן זיין אים טוט ער אליין אַן עבירה וואָס איז ענלעך צו דעם רשע׳ס, און ער טוט תשובה אויף דעם און איז גלייכצייטיק אויך מתקן דעם רשע, דעריבער האָט דער רבש״ע געזאָגט, ער זאָל אראָפּגיין מיט כעס, און „כל הכועס כאלו עובד עבודה זרה״, וועט משה מתקן זיין זיך און זיי צוזאַמען... (ר׳ ישראל מאנעל שו״ב ז״ל)

ר׳ מאיר פּרעמישליאַנער׳ס אַ וואָרט

מה ד׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ד׳ וגו׳ (י, יב).

מען דערציילט אויף ר׳ מאיר פרימישליאַנער אַז איינמאָל איז געקומען צו אים אַ ריזשינער חסיד מיט אַ קוויטל. ביים געזעגענען זיך זאָגט צו אים ר׳ מאיר, ווען דו וועסט זיין אין ריזשין זאָג דעם רבי׳ן אַז מאיר לאָזט אים גריסן, און זאָג אים אַז מאיר איז גרעסער פון אים, ווייל מאיר׳ס ברכה איז יאָ מקוים געוואָרן, און זיינע נישט אַזוי...

איז דער ריזשינער חסיד געבליבן שטיין דערשטוינט, און האָט זיך געטראַכט דאָס איז אַ שטיקל גאוה פון דעם רבי׳ן ר׳ מאיר. ר׳ מאיר האָט דאָס באַלד דערפילט און האָט צו אים געזאָגט מיט אַ שמייכל: מאיר ווייס וואָס ער זאָגט, מיט אַ סך יאָרן צוריק האָבן מיר זיך באַגעגנט, ביים געזעגענען זיך האָט איינער אָנגע־וואונטשן דעם צווייטן, ער זאָל מצליח זיין אין יראת שמים. נו מיין ברכה צו אים איז מקוים געוואָרן, אָבער זיינע צו מיר נישט אַזוי...

דעמאָלט האָט דער חסיד פאַרשטאַנען וואָס דער פרימישליאַנער רבי מיינט.

אַ הויך מדרגה וואָרט

את ד׳ אלקיך תירא, אתו תעבד ובו תדבק וגו׳ (י, כ).

ד׳ לי לא אירא מה יעשה לי אדם (תהלים).

מיר זיינען געוואוינט צו פאַרשטיין דעם פסוק „ד׳ לי וגו׳״ אויף אַ פשוט׳ן אופן. — דוד המלך האָט אריינגעטראַכט אין מדת הבטחון און האָט זיך אויף דעם יסוד דורכגערעדט מיט זיך זעלבסט

און מיט ג־ט וואָס הערט אים איין: „ווען ג־ט איז מיט מיר, האָב איך פאַר קיינעם קיין מורא ניט, וואָס קען מיר דאָן אַ מענטש טאָן?" ווייל קיין שונא קען גאָרניט טאָן קיין שלעכטס, אויב דער אויבערשטער איז ניט מסכים דערצו.

איינער פון די גדולי המוסר האָט אָבער פאַרשטאַנען דעם פסוק אויף דעם העכערן דרך המוסר והמדות: ווען דער מענטש איז זיך מקרב צום רבונו של עולם, הייסט עס, אַז דער מענטש איז דער גליקלעכסטער, און ער געפינט זיך דאָן אין אַזאַ באַוואוסט־זיין אַז די אַלע ערדישע גליקן און ח"ו אומגליקן, האָבן ניט קיין גרויסן באַטרעף פאַר אים, עס איז פונקט צוםביישפיל ווי ווען איינער האָט געוואונען אַ געווינס פון אַ מיליאָן, און גלייכצייטיק האָט ער פאַרלאָרן אַ בייטל מיט 5 דאָלער. אַט דאָס מיינט דער פסוק „מה יעשה לי אדם?" וואָס פאַר אַ פאַרגלייך פון דעם וואָס דער שונא קען אים טאָן שלעכטס אַנטקעגן זיין גליקלעכן צושטאַנד פון זיין אין התקרבות מיטן רבונו של עולם...

אַט די הייליקע ווערטער פון דערמוטיקונג און דערהויבונג האָט געזאָגט דער גייסטיקער ריז הגה"צ ר' אברהם גראָדזענסקי צו זיינע תלמידים אין קאָוונער געטאָ (ער איז נאָכדעם פאַרברענט געוואָרן אין האָספּיטאַל מיט נאָך הונדערטער אידישע קראַנקע, דורך די דייטשן ימ"ש).

אַן ענלעכן געדאַנק געפינען מיר אין דער היסטאָריע, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן פונעם גר צדק פון ווילנע, גראַף פּאָטאָצקי.

ווען מען האָט אים געפירט צו פאַרברענען, האָט זיך צו אים דערנענטערט דער בישאָף, און האָט צו אים געזאָגט: הער נאַר וואָלענטי, איצט טויטן מיר דיר ווייל מיר האָבן די מאַכט, אָבער אויף יענער וועלט דאָרטן אַז דו וועסט אונז באַגעגענען וועסטו נעמען נקמה פון אונז, ניט אַזוי? און ער האָט קוקענדיק אים גלייך אין די אויגן געוואָרט אויף זיין תשובה.

אויף דעם האָט אים דער גר צדק געענטפערט: איך געדענק אַז אינגלווייז האָב איך זיך געשפּילט מיט חברים אין ליימענע ליאַלקעס וואָס מיר פלעגן אויסקנעטן פון ליים. איין אינגל מיינער אַ חבר, איז אָבער געוואָרן ווילד און האָט צעבראָכן די ליימענע ליאַלקעס מיינע. מיין צאָרן האָט געברענט אויף דעם ווילדן אינגל, און איך האָב געטראַכט ווען איך וועל גרויס ווערן וועל איך

נקמה נעמען פון אים, אָבער אַז איך בין עלטער געוואָרן און געקומען צו אַ דערוואַקסענעם פאַרשטאַנד, האָב איך אַליין זיך אויסגעלאַכט פון די אַמאָליקע מחשבות צו נקמה נעמען פאַר לײמענע פיגורן. אַט אַזוי איז דאָס זעלבע איצט אַז איך וועל קומען אויפן עולם האמת, די נשמות וועלט, וואָס פאַר אַ באַטרעף וועט דאָס האָבן דאַרטן דער שטיק גוף און גשם וואָס איז אַ קרוץ מחומר, צו נעמען נקמה פאַר דעם?...

ר א ה

קדושת ארץ ישראל

אבד תאבדון את כל המקומות וגו׳ (יב, ב).

מכאן שצריך לשרש אחרי עכו״ם (ע״ז מה).

הרואה מקום שנעקרה ממנו עכו״ם, אומר ברוך שעקר עכו״ם מארצנו (ברכות נד). — עיין תוס׳ שם כי הירושלמי מתני כשנעקרה עכו״ם מכל ארץ ישראל.

באו״ח סימן רכ״ד בהגהות הגר״א כתב להגיה, שטעות סופר בתוס׳ שם, וצריך לאמר מארץ ישראל, ולא מכל ארץ ישראל, וכן כתוב ברא״ש שם. זאת אומרת כי לפי הגר״א על הגירסא בירושלמי מחויב לאמר „בארצנו״ אפילו הע״ז נעקרה ממקום אחד בא״י.

הגר״א מביא ראי׳ לדבריו מהמשך הגמרא (דף נ״ז ע״ב) וזה לשון הגמרא: הרואה מקום שנעקרה ממנו ע״ז אומר ברוך שעקר עכו״ם מארצנו, וכשם שנעקרה ממקום זה כן תעקר מכל מקומות ישראל. הרי לשון הגמרא ברור כי אפילו נעקר הע״ז ממקום אחד ג״כ צריך להזכיר „מארצנו״.

בחידושי הש״ס מראה כהן, מהגר״ש כהן מו״צ בווילנא מגיה על דברי הגר״א הנ״ל ותמה עליהם, ומביא ראי׳ מהמרדכי כי הגירסא בירושלמי נכונה כלשון שנמצא בתוספות, ולבסוף אומר, ומצוה רבה לישב דברי הגר״א בזה.

אין כונתי לברר בזה ענין הנ״ל, כי ספרי „קרני אור״ נתחבר לשם עניני דרוש ואגדה.

זכורני מימי נעורי שנתגדלתי בעירה קטנה לא רחוק כ״כ מווילנא, והיה בעירנו איש אחד שאבי זקנו ז״ל ידעוהו, והוא האיש

זכה לראות את הגר"א בחייו. גדלות הגר"א בתורה וקדושתו, ויחס כמה דורות אליו בכל עיר ועיר היה כזה שלא ההין שום גאון בימיו ואח"כ לאמר כי הגר"א טעה, או נשמט ממנו גמרא ערוכה, זאת לא תוכל להיות, הרבה מגאוני הדור חשבוהו בגדלות כתנא או אמורא, אבל הוא ענה בדבריו לא ולא, אולי כרש"י? בספר „ספרא דצניעותא" על קבלה, יש ביאורו של הגר"א, ותלמידו הגאון ר' חיים מוואלזין כותב שם הקדמה ומבוא, שמתאר גדלותו של הגר"א בהבעות אלו, שאי אפשר היה לירד לסוף דעתו, כי כחותיו היו כמלאך אלקים.

לכן אין שייך לפלפל בדבריו, אפילו לגדולים בתורה, ובפרט למך ערכי, רצוני רק להביע רעיון דרושי בדברי הגר"א שדעתו כי בא"י אם אפילו נעקר ע"ז ממקום אחד ג"כ אומרים „מארצנו", מדוע נשתנתה א"י מחו"ל?

ידוע הוא כי כל חטא שנעשה בארץ הוא חמור יותר באם נעשה כזה בחו"ל, והמשל של המדרש ידוע כי „ארצנו" היא „פלטין של מלך". ועוד, אשר כל ישראל ערבים זה בזה, נאמר ביותר אם הוא בארצנו דוקא, כי שם צריך לשלוט דין התורה ומצוותיה, ולכן היתכן שיהי' ע"ז אפילו במקום אחד? כי קדושת א"י עושה זאת כאלו הי' בהרבה מקומות. וכעין זה בעיר הנדחת, ועוד.

הלואי היו רוח התורה ומצוות ד' משפיעים בכל החוקים וסדרי המדינה, כמו לפחות עיקרי הקונסטיטוציא באה"ב...

הבה נקוה לסדר כזה ובימינו...

די וועלט צרות האָבן דערווייל ניט אויסגעבעסערט

השמר לך פן תנקש אחריהם אחרי השמדם מפניך, ופן תדרוש לאלקיהם לאמר איכה יעבדו הגוים האלה את א' ואעשה כן גם אני (יב, ל). — ראה רש"י שם.

עס איז מערווירדיק ווי די תורה האָט גוט געוואוסט דעם כאַראַקטער פון יעדן מענטשן. ווען דער פסוק באַטאָנט „אחרי השמדם מפניך", מיינט עס, נעם זיך ישראל אַביישפיל פון די פעלקער וואָס פאַר דיר, זיי האָבן געטאָן אומווירדיקס דערפאַר זיינען זיי פאַרטיליקט געוואָרן. אייגענטלעך צו וואָס דער אָנזאָגן אַזוי שטרענג זיי וועלן דאָך אַליין זיין איבערצייגט און ניט טאָן אָט די שלעכטס וואָס די פריערדדיקע פעלקער האָבן געטאָן, זעענדיק זייער סוף?

— ניין, מען ווערט ניט איבערצייגט... ווען אפילו אָט דער ביי־שפּיל איז אזוי נאָענט און פאַר די אויגן, טוט מען די זעלביקע שלעכטס, און דעריבער האָט די תורה געבעטן און געוואָרנט נעמט זיך אראָפּ א מוסר.

מיר זעען עס איצטער נאָך דעם וועלט חורבן, מענטשן וואָס האָבן דורכגעלעבט און געזען אַזעלכע שרעקלעכקייטן און אזעלכע פאַרדאַרבנקייטן, און בעסער איז מען ניט געוואָרן.

תורה ברענגט צו יראה, און יראה צו תורה

למען תלמד ליראה א ד׳ אלקיך כל הימים (דברים יד, כג).

מגיד שגדול מעשר שני שמביא לידי תלמוד (תוס׳ ב״ב נ״א בשם הספרי).

ווי אזוי האָט דער ברענגען מעשר שני קיין ירושלים גורם געווען צו תורה און יראה? — ווייל דער פאַרמער וואָס איז געווען אָפּגעריסן פון לערנען, האָט זיך פאַרקוקט אויף די כהנים און די לומדי תורה אין ירושלים, און עס האָט אים ווי מאַגנעטיש געצויגן צו תורה, אזוי דערקלערן די בעלי התוספות.

דער בעל המוסר הג״ר ירוחם ז״ל פלעגט זאָגן, אז לערנען ברענגט צו יראה, און יראה ברענגט צו לערנען, און ווען מיר זעען לײדער אזוינע וואָס האָבן געלערנט און האָבן ניט קיין יראה, איז זייער לערנען געווען ניט קיין געהעריקע תורה...

מאַך דעם אָרעמאַן פילן גוט

ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ד׳ א׳ בכל מעשיך ובכל משלח ידיך (טו, י).

אמר לה רבי חייא לדביתהו כי אתא עניא, אקדים ליה ריפתא כי היכי דליקדמו לבניך, אמרה ליה מילט קא לייטית לי, אמר לה קרא כתיב כי בגלל הדבר הזה, ותנא דבר״י גלגל הוא שחוזר בעולם (שבת קנא).

רבי חייא׳ס אויסדריקן זיך אין א שפּראַך פון קללה איז זייער אומפאַרשטענדלעך, און זיין פאַרענטפערן זיך מיט „גלגל החוזר בעולם״ איז אויך ניט פאַלקאָם, ניט ביי אַלעמען דרייט זיך איבער די ראָד...

וועלן מיר עס דערקלערן אזוי: הנותן פרוטה לעני מתברך בששה ברכות, והמפייסו בי"א ברכות (בבא בתרא ט') — אבער אין וואס באשטייט דער פיוס זאגט ניט די גמרא.

געפעלט אונז צו זאגן אז דער פיוס דארף זיין טאקע אט דער מאמר „גלגל החוזר בעולם" אט די ווערטער דארף מען זאגן צום ארעמאן ביים געבן צדקה, ער זאל וויסן אז ער גיט אים ניט אלס א צדקה, נאר ער גיט אים אלס א פארזיכערונג, ווארום ווער וויים, פילייכט וועט ער, אדער זיינע קינדער דארפן אנקומען צו דעם, ווייל עס איז „גלגל החוזר בעולם", און דעריבער זאל זיין צדקה זיין פארערעכנט בלויז ווי א הלואה, וואס ער אדער זיינע קינדער וועלן אפנעמען צוריק. אט די ווערטער זאל ער זאגן צום ארעמאן ביים געבן אים, און דאס איז דער בעסטער „המפייסו" און דאס וועט אים מאכן פילן גוט.

(און דער לשון „בגלל הדבר הזה" איז אויך מרמז דעם רעיון, ווייל דבר איז דיבור, ווי די חז"ל זאגן וזה דבר הרוצח, שיאמר רוצח אני, וזה דבר השמיטה, שיאמר משמט אני).

מיט דעם איז פארשטענדלעך „כי אתיא עניא אקדמיה ליה ריפתא", עס מיינט גיב אים א הקדמה פאר די ברויט, זאג אים אט די אויבנדערמאנטע פיוס ווערטער.

ר' חייא'ס פרוי האט אבער ניט פארשטאנען און האט גע־מיינט אז ער שילט די קינדער, ביז ער האט איר דערקלערט זיינע כונות, ווייל די וועלט איז א ראד וואס דרייט זיך... (הרב ר' בנימין גוהט ז"ל)

מען דארף געבן מיט פארגעניגן

נתון תתן לו, ולא ירע לבבך בתתך לו (טו, י).

מען דערציילט אויפן ווילנער גאון, אז איינמאל האט אים באזוכט א רב א גרויסער למדן, וואס האט געוואלט געפינען ביים גאון תשובות אויף אייניקע שווערע ענינים אין הלכה. דער גאון האט אים אלץ פארענטפערט גרינטלעך און ער איז געווען זייער צופרידן. ביים געזעגענען זיך זאגט ער צום גאון, איך האב נאך א שווערן ענין, אבער... זאגט צו אים דער גאון, נו, אדרבה, זאגט מיר, פילייכט וועל איך קענען באשיידן. זאגט דער רב צום גאון, איך דארף חתונה מאכן א טאכטער און איך האב קיין

אנהויב ניט אויף הוצאות החתונה. אַ, אביסל וועל איך אייך העלפן, ענטפערט דער גאון, און שיקט באַלד אַ שליח צו זיין פרוי זי זאָל קריגן עטלעכע רענדלעך צו לייען. אַז מען האָט געבראַכט די רענדלעך, האָט דער גאון אים געגעבן 1 רענדל, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. שיקט ער אים רופן צוריק, און זאָגט אים, איך האָב זיך באַרעכנט אייך געבן נאָך אַ רענדל. ווען ער איז אַרויס, קערט אים דער גאון באַלד אום, און גיט אים נאָך אַ רענדל אַ דריטן מאָל.

ווען די תלמידים האָבן אים געפרעגט אויף דער הנהגה, האָט דער גאון געענטפערט אַז די תורה איז מרמז אויף דעם: נתן תתן, איז צוויי מאָל, ולא ירע לבבך בתתך לו, איז אַ דריטן מאָל. פאַרוואָס איז עס אַזוי? ווייל די האַרץ וויל ניט געבן, איז די ערשטע צוויי מאָל גיט מען מיט פאַרדרוס, אָבער נאָכדעם, איז דער זכות פון דער מצוה פון געבן צוויי מאָל מזכה דעם מענטשן אַז ער גיט דעם דריטן מאָל שוין אָן האַרץ ווייטיק, און מיט צופרידנקייט.

„ונתנו" — צדקה — הין און צוריק

על כן אנכי מצוך לאמר פתח תפתח (טו, יא).

מען דערציילט אויף ר' מענדעלע רימאַנאָווער ז"ל, אַז ער האָט געבענטשט אַ אידן ער זאָל זיין אַ גביר, און עס איז מקוים געוואָרן, יענער איז זייער רייך געוואָרן. האָט אים געפרעגט זיין תלמיד דער ראָפּשיצער רבי: סטייטש, ווי גיט מען דאָס אַוועק אַזוי פיל רייכקייט צו איין איינציקן מענטשן?

האָט אים ר' מענדעלע געענטפערט: איך האָב אים געבענטשט מיט עשירות, ער איז אָבער גאָר אַ גרויסער בעל צדקה און האַלט אין איין געבן צדקה, און דער וואָרט „ונתנו" לייענט זיך הין און צוריק, ער גיט, און מען גיט אים באַלד צוריק אָן אַ גרענעץ.

דער רמז פון „ונתנו" געפינט זיך אין בעל הטורים (שמות ל' י"ב) אויך אין ליקוטים להגר"א לספר איוב.

— אויך איז דאָ אַ רמז אויף דעם וואָרט „צדקה", אַז דורך דעם מספר א"ת ב"ש, איז פון לינקס צו רעכטס אויך „צדקה", ווייל דער אָרעמאַן טוט צדקה מיטן גביר אויך, עס איז אויך הין און צוריק, ווי די חז"ל זאָגן „ושם האיש אשר עשיתי עמו היום בועז" (מדבר קדמות לחיד"א).

זיי פריילעך אַפילו ווען עס פרייט זיך ניט

שבעת ימים חג וגו׳, והיית אך שמח (טז, טו).

מיר געפינען ביי נח׳ן שטייט אויך דער לשון „וישאר אך נח ואתו בתבה״, און די חז״ל זאָגן אַז נח איז אַרויס אַ צעבראָכענער ווייל דער לייב האָט אים געביסן. נאַטירלעך איז ער אויך געווען צעבראָכן פונעם מבול און דער וועלט׳ס חורבן. זאָגט דער פסוק „ויטע נח כרם״, אַ וויינגאָרטן, ער איז אַרויס בויען אַ נייע וועלט, און איז פריילעך געוואָרן...

דאָס זעלבע דאַרפן מיר פאַרשטיין ביי די מצוה פון שמחת החג. וואָס זאָל טאָן אַ מענטש ווען די אומשטענדן זיינע זיינען טראַגישע ווי עס פאַסירט אַמאָל אין לעבן, אָדער די וועלט׳ס צרות ווי איצט, ווי קען ער מקיים זיין די מצוה פון שמחה ווען דער געמיט איז צעבראָכן? אָבער ווען ער האָט ליב מצוות וועט ער זיך באַהערשן און פאַרטרייבן די אומעטיקייט און זיין פריילעך. און דאָס מיינט דער פסוק „והיית אך שמח״, אַפילו ווען עס איז „אך״, צעבראָכן, וואָס דאָס איז אַ מיעוט, עס ווילט זיך ניט פרייען, דאַך פריי זיך.

דער הגר״א זאָגט אַז די גמרא איז מרבה לילי יו״ט האחרון. פאַרוואָס? ווייל די ערשטע טעג איז דאָך פאַראַן אַנדערע מצוות, ווי סוכה, לולב, אָבער דער לעצטער טאָג איז פאַרבליבן בלויז שמחת החג, און דאָס מיינט „אך שמח״.

שופטים

דרשה לפרשת שופטים

לימוד התורה זהו חיותה של האומה

הוא ינוס אל אחת הערים האלה וחי (יט, ה).

תניא תלמיד שגלה מגלין רבו עמו, שנאמר ונס וגו׳ וחי, עביד ליה מידי דתהוי ליה חיותא (מכות י׳).

תלמיד שגלה לעיר מקלט מגלין רבו עמו שנאמר וחי עשה לו כדי שיחי׳, וחיי בעלי חכמה ומבקשיה בלי תלמוד תורה כמיתה חשובין וכן הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו (רמב״ם פרק שביעי מהלכות רוצח הלכה א).

מצות לימוד התורה וערכה הכי חשוב בחיי היחיד והכלל נהיה, לדאבון לב, דבר שרק יחידי סגולה מרגישים אותו ומעריכים

אותו כהוגן. אבל רוב מנין ובנין עמנו בדורות אלו מתיחסים בשויון נפש ובקרירות רוח ללימוד תורה ע"י אבות ובנים, אם כי זהו הבנין והיסוד שבית ישראל נשען עליו. וראה זה דבר מענין לחקור בו, מדוע?

והנה בענין קיום המצוות היחס אינו קרירי, והוא דבר מובן ומוסכם לשדרות רחבות בעמנו, ואפילו לאותם שנקראים „קלים" ואינם זהירים במצוות בעצמם, אבל לפחות מתיחסים לענין זה ביחס רציני, ובלבם פנימה מרגישים הם איזה ניהום לב ותביעה מוסרית לעצמם, תהיה אפילו דקה מן הדקה, על שסרו מן דרך התורה והמצוה ובפרט בשעה שרואים כי הם שגו במקצת, בניהם כבר סרו מן הדרך בהרבה, ונתונים הם לעם אחר, ועיניהם של האבות רואות וכלות...

אותו הניהום שהיא בקרבם פנימה כגחלת עוממת, או בבחינת נקודה קטנה, תוכל על ידי מעט הוכחה ותוכחה להתרחב, להתעמק ולהתלהב ללהב אש של חרטה ותשובה. וזהו שאנו רגילים לכנות „נקודה היהודית".

ברם לא ראינו את החסידים והאדוקים שילחמו בקשיות עורף נגד מפירי לימוד תורה, בפרהסיא, או גורמים לביטול תורה בדרך סחור סחור, כמו ה„יעווסעקים" ברוסיא, ובשאר המדינות. ומעטים ויחידי סגולה היו אלה שהגיבו על זה אפילו באופן פסיבי.

והנה ברוסיא הסוביטית הרי היו שם חסידים ואנשי מעשה שאמנם חרפו את נפשם לקיים מצות מילה, שבת וגם תפילה בצבור, אם כי זה היה קשור באבוד פרנסה וחרפת רעב ממש כידוע, אבל לא העמידו עצמם לתגר ולמלחמה בגלל לימוד תורה בהסתר, ובפרט להרביץ תורה ברבים, חוץ מן יחידים אחדים בודדים, כמו הרבי מליבאוויץ זצ"ל ועוד. וכן כשבא החפץ חיים זי"ע מהתם לפולין לאחר מלחמת עולם הראשונה, התאונן גם כן על זה, והביע במתק לשונו כדברים האלה: אנו מצדנו לא עמדנו קוממיות במרד ובמרי כנגד הזדים כדבעי למיעבד, ורפה ידינו, ולכן רמה ידם עלינו, וכח הטומאה גבר...

באמת קשה להבין את התופעה השלילית הזאת בדורות אלו, בהשואה עם דורות התנאים, שהם מסרו נפשם על לימוד תורה, נוכל למשל להרים על נס דורות של ר' עקיבא וחביריו, ר' חנינא בן תרדיון שנהרגו על קידוש השם וקיימו על עצמם „אדם כי ימות

באהל" ממש, ואפילו דורות שלאחריהם הרגישו בכל נימי הלב „כי אין אומתנו אומה אלא בתורתה" (זהו לשונו של רבנו סעדיה גאון), ואל תתמה, הלא לימוד תורה הנה רק מצות עשה אחת בלבד, ואיננה מהשלש עבירות שנצטוו עליהם ב„יהרג ואל יעבור", ואם כן מדוע מסרו נפשם? התשובה על זה היא, כי גדולי הדורות ובחירי האומה ראו וחדרו לאופי של אומה זו, כי בלעדי לימוד תורה וידיעתה, סוף דבר שתשכח תורה מישראל, ועי"ז יבוא למצב של הפרת תורה והמצוות לגמרי, וכלשון הרמב"ם הלימוד מביא לידי מעשה, ואין המעשה מביא לידי לימוד (הלכות ת"ת), יען בזמן שבורות ועם הארצות ישתרשו בקרב העם, אז המצוות והחוקים ישתכחו לגמרי וקיום האומה בסכנה ח"ו.

פּאָליציי צו האַלטן אָרדענונג

שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך (טז, יח).

די פריערדיקע סדרה ראה ענדיקט זיך מיט דער מצוה פון עולה לרגל זיין דריי מאָל אַ יאָר. פאַרשטענדלעך אַז דאַן איז אָנגעקומען גרויסע מאַסן מענטשן אין ירושלים, איז געווען דעריבער אַ נויטווענדיקייט צו אויפהאַלטן אָרדענונג, עס זאָל ניט פאָרקומען קיין פאַרברעכן פון בין אדם לחבירו, און אויך קעגן מאָראַל, און מען האָט געדאַרפט שוטרים. דער רמב"ם זאָגט טאַקע (אין הלכות יום טוב פרק ו') אַז עס איז געווען אַ חוב אויף בית דין צו אָנשטעלן שוטרים, פּאָליציי, אומעטום. דער לשון הרמב"ם איז אַזוי: חייבים בי"ד להעמיד שוטרים ברגלים שיהיו משוטטים ומחפשים בגנות ובפרדסים ועל הנהרות וכו' ויבואו לידי עבירה (זע רמב"ם און אויך שלחן ערוך הלכות יום טוב תקכ"ט).

און דאָס איז די סמיכות פון פרשת ראה מיט שופטים. (באמ"ח)

תשובה איז אַ מתנה פון ג-ט

על פי שנים עדים יומת המת, לא יומת על פי עד אחד (יז, ו).

ר' יונתן פּראָגער פלעגט עס אויסטייטשן דורך אַ מליצה לויט אַ ירושלמי (מכות פ"ב): שאלו לחכמה חוטא מהו עונשו, א"ל חטאים תרדוף רעה. שאלו לנבואה — הנפש החוטאת היא תמות. שאלו להקב"ה — יעשה תשובה.

לויט די צוויי עדות, חכמה און נבואה, דאַרף אַ זינדיקער צעבראָכן ווערן, אָבער דער „עד אחד", דאָס מיינט דער רבש"ע

וואָס איז „אחד", נאָך אים „לא יומת", נאָר תשובה העלפט צו־פאַרגעבונג.

התורה חסה על ממון ישראל

וכסף וזהב לא ירבה לו מאד (יז, יז).

מיר פאַרשטייען דעם „לא ירבה לו סוסים", ווייל די תורה זעלבסט דערקלערט אונז, אַז אום דער פאָלק זאָל ניט באַקומען אַ געפיל פון גאוה צו געיעג פערדלעך, און דורך דעם זיך פאַרבינדן אין קאָנטאַקט מיט מצרים וואָס איז געווען די לאַנד פון אָט דעם לוקסוס.

אָבער פאַרוואָס איז „לא ירבה זהב"? איז ניט בעסער פאַר אַ מדינה ווען זי איז רייך אין געלט, און דאָס זעלבע דער קעניג?

דער אבן עזרא באַמערקט אויף דעם, אַז אָט די גאָלד גייציקייט קען ברענגען דערצו אַז דער קעניג זאָל אַרויפלייגן שווערע שטייערן אויפן פאָלק. און מיר זעען טאַקע ביי שלמה המלך, אַז דאָס פאָלק האָט זיך באַקלאָגט צו זיין זון רחבעם „אביך הכביד את עולנו", דיין פאָטער שלמה האָט געמאַכט אונזער יאָך שווער. דעריבער זאָל אַ מלך ניט מערן קיין גאָלד און זילבער...

גאוה צו האָבן איז נאָר אַ שמינית שבשמינית

לבלתי רום לבבו מאחיו (יז, כ).

אין דעם פסוק איז אַ רמז אויפן איסור צו האָבן גאוה, וואָרום מה דאָך אַז דער מלך האָט ניט געטאָרט האָבן קיין גאוה, אַ קל וחומר שוין פאַר אַ פשוט'ן מענטשן (רמב"ן).

די גמרא זאָגט: לעולם ילמוד אדם מדעת קונו, שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני (סוטה ה'). ווייזט דאָך אויס פון דער גמרא אַז מען דאַרף זיין באַשיידן און ווייט פון גאוה, פרעגט מען אויף דעם אָבער, אויב אַזוי טאָ וואָרום האָט דער רבש"ע ניט געגעבן די תורה אין אַ טאָל, אָדער גאָר אין דער טיפעניש, ווי די חז"ל ווילן האָבן, מאוד מאוד הוי שפל רוח. — נאָר פון דאַנען איז געדרונגען אַז אַביסל גאוה דאַרף מען יאָ האָבן, און ווי די חז"ל זאָגן טאַקע דאָרט: תלמיד חכם צריך שיהי' לו שמינית שבשמינית גאווה...

אַ וואָרט פון חוזה זצ״ל

תמים תהי׳ עם ד׳ אלקיך (יח, יג).

מען האָט געפרעגט דעם חוזה פון לובלין, וואָס איז בעסער דער טיטול צדיק תמים, אָדער צדיק גדול? האָט ער געענטפערט, קוקט זיך איין אויף צוויי חלות, איינע אַ גרויסע נאָר אָן אָפּגעבראָכענע, די צווייטע אַ קליינע, אָבער אַ גאַנצע, אויף וועלכע מאַכט מען המוציא? אויף די גאַנצע! זעט מען אַז תמימות איז בעסער...

אַ איד דאַרף זיך שעמען צו ריידן אין דאַווגען

ויספו השוטרים לדבר אל העם, ואמרו מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישב לביתו (כ, ח).

ר׳ יוסי הגלילי אומר, הירא מעבירות שבידו, ולכך תלתה לו תורה לחזור על בית וכרם ואשה, לכסות על החוזרים בשביל עבירות שבידם שלא יבינו שהם בעלי עבירה (רש״י).

והרואהו חוזר, אומר, שמא בנה בית או ארש אשה וכו׳ (סוטה מג).

מערקווירדיק ווי די תורה האָט געשוינט און חס געווען אויף איינעמס כבוד, אַפילו אויף דעם בעל עבירה׳ס, מען זאָל ניט זאָגן אַז יענער איז באַפרייט געוואָרן פון דינסט צוליב אַן עבירה, און די עבירה איז געווען ניט גאָר קיין הארבע, נאָר ווי די חז״ל זאָגן „סח בין תפלה לתפלה״, ד. ה. גערעדט אין דאַוונען, אָבער אַ איד האָט זיך זייער געשעמט מיט דעם.

איצט מען רעדט דברים בטלים, און פילייכט אויך ליצנות אין מיטן דאַוונען, און מען שעמט זיך ניט...

ת צ א

הייראַט צוליב געלט איז ניט עטיש

ואיש כי יהי׳ לו שתי נשים האחת אהובה והאחת שנואה (כא, טו).

הנושא אשה לשם ממון הוויין לו בנים שאינם מהוגנים (קידושין ע). זע אבן העזר סימן ב׳ סעיף א׳.

מען דערציילט אויפן בעלזער רבי׳ן אַז ער האָט זיך מתחתן געווען מיט ר׳ דוד דינאָווער, און ר׳ דוד דער פאָטער פון דער

כלה האָט צוגעזאָגט אַ געוויסע סומע נדן צו סילוק'ן אין דעם טאָג פון דער חופה. עס איז געקומען פאַר דער חופה, האָט דער בעלזער רבי געפאָדערט אַז ר' דוד דינאָווער זאָל מיים זיין די הבטחה זיינע. ענטפערט ר' דוד אַז ער קען איצט ניט מקיים זיין די הבטחה. רופט זיך אָפּ דער בעלזער רבי, אויב אַזוי וועט ניט זיין קיין שידוך, האָט ר' דוד דינאָווער גענומען די כלה און מחותנים, און אַוועק אַהיים.

די בעלזער רביצין האָט דערהערט דעם איבעררייד, האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען צום רבי'ן: וואָס האָסטו געטאָן? און אַז ר' דוד האָט ניט קיין געלט, זאָל זיין אוים שידוך?

האָט דער רבי געשיקט זיין שמש צו ר' דוד'ן און געבעטן קומען צוריק און עס וועט זיין חופה.

נאָך דער חופה, האָט ר' דוד אַרויסגענומען די גאַנצע סומע געלט וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו געבן נדן, און אַוועקגעלייגט צום חתן.

איז געוואָרן אַ גרויסער וואונדער ביי אַלעמען, און דער בעלזער רבי האָט געזאָגט צום דינאָווער רבי'ן, פאַרוואָס האָט איר אַזוי געהאַנדלט, און גורם געווען אַ איבעררייד אומזיסט.

— איך האָב ניט געוואָלט אַז אייער זון זאָל זיין אַ „נושא אשה לשם ממון" — איז געווען דער ענטפער פון ר' דוד דינאָווער.

פרויען אין מיליטער דינסט

לא יהי' כלי גבר על אשה, ולא ילבש גבר שמלת אשה (כב, ה).

מנין שלא תצא אשה בכלי זיין למלחמה, ת"ל לא יהיה כלי גבר על אשה (נזיר נט).

עס ווערט געבראַכט אין ספר תולדות אדם, אַז דער גאון און קדוש ר' שלמה זלמן תלמיד פונעם ווילנער גאון, האָט ניט געוואָלט ליידן וואָס זיין פרוי האָט אַמאָל גענומען אַ שווערד צו איבערשניידן אַ שטריק, באַמערקנדיק אין דעם אַ שאָטן פון איסור וואָס איז מרומז אין דער תורה דאָ. אויך אין תרגום יונתן בן עוזיאל אויפן פסוק „ידה ליתד תשלחנה, וימינה להלמות עמלים" (שופטים ה') זאָגט דער תרגום, אַז דעריבער האָט יעל ניט גע'-הרג'ט סיסרא'ן מיט אַ שווערד, ווייל אַ פרוי טאָר ניט נוצן מלחמה געווער.

איצטיקע צייט איז די פראגע געוואָרן אקטועל. ווען ארמייען פון פעלקער האָבן גענומען אריינציען פרויען אלס סאָלדאטן, וואָס זאָלן טאָן אידן אין ישראל? עס איז נאָר צו באַרעכטיקן אזוינס אין א גרויסער דרינגענדיקער געפאַר, און דער עצם מלחמה געפאַר איז דאָך נאָר אַרויפגעצוואונגען אויף אידן, ביי אידן איז מלחמה נאָר ווען עס איז „אין ברירה״, און דאַן איז דאָך סכנת נפשות הכלל. אָבער די טענות פון די עלעמענטן וואָס פאָדערן פרויען אין דער ארמיי אפילו אין פרידנס צייט, איז, אז צו דעם פאָדערט זיך א צוגרייטונג, און דעריבער קען מען ניט וואַרטן ווען עס ברעכט שוין אויס די מלחמה...

אום צופרידן שטעלן ביידע צדדים דאַרף מען די פרויען לערנען די סאַניטאַרע ארבעט פון מלחמה צייט, ווי אויך אבסאָלוט אָפּגעזונדערטע וואוינונגען פאַר די פרויען סאָלדאטן, און שטרענגע אַרמיי געזעצן צו פאַרהיטן פון תערובות. „והי׳ מחנך קדוש״...

שילוח הקן איז א מצוה קלה

למען ייטב לך והארכת ימים (כב, ז).

— ומה מצוה קלה שהיא כאיסר, אמרה תורה למען ייטב לך והארכת ימים ק״ו למצות חמורות שבתורה (חולין קמב, א).

אייגענטלעך פאַרוואָס איז דאָס א „מצוה קלה״? פאַראַן פּיליכט מצוות וואָס זיי קאָסטן נאָך וויניקער און די תורה רעכנט זיי ניט פאַר גרינגע מצוות?

פאַרענטפערט דאָס דער גערער רבי זצ״ל אזוי, דער הויפּט פון יעדער מצוה איז די הכנה און כוונה צו דער מצוה, און מיט דער הכנה און כוונה וועגט זיך די חשיבות און גרויסקייט פון דער מצוה, ווייל אָן הכנה איז די מצוה אָן באַטראַכטונג און עס איז א מעשה בלויז אָן א רוח חיים, אזוי ווי דער נביא זאָגט „מצות אנשים מלומדה״, און די הכנה צו דעם, מאַכט די זאַך טאַקע שווער און פאַראַנטוואָרטלעך.

אָבער דאָ ביי דער מצוה פון „שילוח הקן״ זאָגט די תורה כי יקרא, פרט למזומן, ד״ה נאָר ווען די זאַך טרעפט זיך דיר אומדערוואַרטעט, דאַן איז דאָ די מצוה, איז עס דאָך שוין אָן הכנה, אָט דעריבער איז עס א „מצוה קלה״, א גרינגע מצוה אָן וואָגיקייט...

דער חתם סופר און זיין רבי ר׳ נתן אדלער זי״ע

לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו (כב, י).

עס ווערט דערציילט אויף ר׳ נתן אדלער זצ״ל, דער רבי פון חתם סופר, זייענדיק רב אין פראנקפורט איז מען איינמאל געקומען צו אים פון א שטעטל אדענוואלד, ער זאל פארן צום פרינץ-דוכס אפבעטן די גזירה פון גירוש וואס ער האט אין זיין כעס ארויסגעגעבן אויף זייער שטעטל.

מוצאי שבת האט מען געדונגען א גוי׳שן פורמאן מיט צוויי גוטע פערד צו פארן צום דוכס אין געלזענהויזען.

אין דער נאכט איז געווען א גרויסער שניי און ווינט, אין מיטן וועג דער שליטן בלייבט שטיין. וואס איז געשען? מען איז פארקראכן אין א גרוב שניי, און מען קען ניט ארויס. האט דער בעל עגלה אויסגעשפאנט א פערד, איז אוועקגעריטן צום נאענטן דארף, מיטגעבראכט צוויי אקסן און איינגעשפאנט זיי צו די פערד אום ארויסצושלעפן דעם שליטן פון גרוב. ר׳ נתן אדלער איז פלוצלונג ארויסגעשפרונגען פון שליטן און אנגעהויבן טאנצן פריילעך אויפן שניי.

דער חתם סופר זיין תלמיד וואס איז געזעסן ביי זיין זייט, האט דערזעענדיק זיין רבי׳ן טאנצן, זיך דערשראקן, און געזאגט: רבי! וואס איז געשען?

— זעסט ניט — ווייזט ער אן אויפן שפאן — ער האט צוגעשפאנט צוויי אקסן צו זיינע פערד.

דער חתם סופר האט דערקלערט דעם גוי אז ביי אונז אידן איז ניט דערלויבט צו איינשפאנען צוויי מינים צוזאמען און פארן, האט אים אנגעבאטן א הוספה, און געשיקט אים אין דארף נאך פערד.

— זאגט מיר רבי, וואס האט איר געהאט אזא שמחה? פרעגט דער חתם סופר.

— פארשטייסטו — ענטפערט ר׳ נתן אדלער — ווען וואלט איך זיצנדיק אין פראנקפורט געקענט מקיים זיין די מצוה פון כלאים?... (די וועלט דערציילט)

אַ ניט זויבערע שפּראַך צייגט אויף אינערלעכער השחתה

רב פפא אמר עיקם הכתוב תשע אותיות כדי שלא להוציא דבר מגונה מתוך פיו, שנאמר (דברים כג) כי יהיה בך איש אשר לא טהור מקרה לילה (פסחים ג).

מען דערציילט אויף ר׳ נפתלי ראָפּשיצער אַז ער האָט געהאַט אַ ביטול מיינונג וועגן אַ געוויסן רבין, זיין זון אָבער האָט יאָ געהאַלטן פון יענעם רבין, האָט דאָס ר׳ נפתלי׳ן פאַרדראָסן און ער האָט זיין פאַרדרוס דערציילט פאַרן צדיק דער בעל המחבר „מאור ושמש". ער דער מאור ושמש האָט איינגעשטימט צו ר׳ נפתלי׳ס מיינונג, און ער האָט געראָטן ר׳ נפתלי׳ס זון, אויב ער וויל זיך איבערצייגן, זאָל ער פאָרן צו יענעם רבין אויף אַ שבת צו הערן זיינע תורה, און זאָל זיך גוט צוהערן מיט וואָס וועט ער אָנפאַנגען זיין דרוש, אויב מיט אַ דבר טמא, איז אַ סימן אַז ער טויג ניט... און אַזוי איז געווען, ער האָט אָנגעפאַנגען זיינע דברי תורה מיטן פסוק אין קהלת „כי לכלב החי טוב מן הארי המת", און אַ כלב איז דאָך אַ בעל חי טמא.

זע תוספות יום טוב אָנפאַנג פסחים: אור לי״ד בודקין את החמץ — האָט דאָך געדאַרפט שטיין ליל י״ד? דער תירוץ איז, אום עס זאָל זיך ניט אָנהויבן די גמרא מיטן לשון „לילה" וואָס דאָס איז דער נעגאַטיוו פון ליכט, דעריבער זאָגן חז״ל „אור לארבעה עשר".

דער רז״ה און דער ר״ן זאָגן אַ רמז אויף דעם פון אַ פסוק אין תהלים קי״ט: פתח דבריך יאיר — דער אָנפאַנג פון דיינע רייד זאָלן לייכטן...

אַלערליי מיטלען פאַר פ׳רניכטונג קיין זאַך פאַר אויסבעסערונג

על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים, ועל אשר שכר עליך את בלעם בן בעור לקללך (כג, ה).

אויב עמון און מואב האָבן געזוכט מיט שנאה צו פאַרניכטן אידן, טאָ וואָס קען מען שוין פאַרלאַנגען פון זיי גאַסטפריינטשאַפט צו באַגעגענען אידן מיט ברויט און וואַסער? מערקווירדיק!

דער תירוץ איז, דער צווייטער פאַרברעכן פאַרשטאַרקט דעם ערשטן, ווייל די ערשטע פאַרדאָרבנקייט פון ניט באַגעגענען אידן

מיט ברויט און וואסער קען מען נאך פארענטפערן, אז צו געבן ברויט א גאנץ פאלק קאסט פיל געלט, און זיי זיינען ניט געווען מחויב דאס צו טאן. קומט אבער דאס לעצטע, אז זיי האבן געוואלט געבן בלעם'ען „מלא ביתו כסף וזהב" אום צו שילטן אידן — אויב אזוי, איז שוין דאס ערשטע פארברעכן גאנץ אויסגעשפראכן און שטארק, אויף צו שילטן האט איר געלט, אויף ברויט געבן ניט ? !

די זעלבע מאראל באזיצט די איצטיקע וועלט : כל'ערליי מיטלען און די גרעסטע געלט פארשווענדונג אויף פארניכטונגס צוועקן, דאס האבן זיי, אבער געלט אויף אויסבעסערונג דער מענטשהייט פאר דעם איז ניטא... אט די לאגע איז אויך א שטראף פון הימל צו דער וועלט, פאר אידן רשעות.

לאמיר אויפבויען אונזער ברודערס הויז

ויקרה בפניו וענתה ואמרה ככה יעשה לאיש אשר לא יבנה את בית אחיו (כה, ט).

אונזער תורה וואס דרך ארץ איז נאך קדמה לתורה, און כבוד פון פערזאן איז אזוי טייער, ווי מיר זעען אז „המלבין פני חבירו חבירו ברבים אין לו חלק לעוה"ב", און דאך דערלויבט זי צו פארשעמען א מענטשן, מעג ער זיין דער גרעסטער, אפילו א נשיא, פארוואס ? — עס איז, ווייל ער בויט ניט אויף זיין ברודערס הויז...

אט דעם מוסר השכל דארפן מיר אלע פון אונז נעמען, ווען מיר זעען דעם חורבן פון אונזערע ברידערס און שוועסטערס הייזער און מיר ווילן ניט אויפבויען. לאמיר אויפבויען ארץ ישראל, אונזער ברודערס און אונזער אייגענע הויז על פי רוח התורה... (הרב ר' יוסף קאנוויץ ז"ל)

שכחה די איינציקע מצוה וואס דארף זיין אן כונה

כי תקצור קצירך בשדך, ושכחת עומר בשדה וגו' (כד, יט).

עס זיינען אמאל געזעסן חכמי ווילנא צוזאמען מיט דעם יונגן גאון ר' זלמן וואלאזשינער. זאגט איינער איך האב אמאל געהערט פון א גרויסן ת"ח, אז עס איז פאראן איין מצוה אין דער תורה, וואס אויב מען זוכט איר נאך אנטלויפט זי, נאר ווען מען

איז מסיח דעת פון איר, דאַן קריגט מען איר צו מקיים זיין. קיינער האָט ניט געוואוסט צו ענטפערן, נאָר ר׳ זלמן האָט זיך אָפּגערופן: יע, עס איז ריכטיק, און דאָס איז אַ מפורש׳ע תוספתא (פרק ב׳ ממס׳ פאה) „מעשה בחסיד אחד ששכח עומר בתוך שדהו, ואמר לבנו צא והקרב עלי פר לעולה ופר לשלמים, אמר לו בנו, אבא מה ראית לשמוח במצוה זו יותר מכל מצות שבתורה, א״ל, כל מצות שבתורה נתן לנו המקום לדעתנו וזו שלא לדעתנו״. ד״ה אַלע מצוות זיינען מיר מקיים מיט אונזער באוואוסטזיין און ווילן, אויסער די מצוה פון „שכחה״, וועלכע איז נאָר בהיסח הדעת, אומבאַוואוסטערהייט. (תולדות אדם)

אַלץ איז מרומז אין דער תורה

מען האָט געפרעגט דעם ווילנער גאון, וואו איז מרומז זיין נאָמען אין דער תורה? (לויטן כלל „ליכא מידי דלא רמיזא באורייתא)

האָט ער געענטפערט, אין דעם פסוק „**אבן שלמה וצדק**״ (כ״ה ט״ו). דער ראשי תיבות איז **אליהו בן שלמה**...

תבא

דרשה לפרישת תבא

דער כוח פון אַ פסוק

והיה ביום אשר תעברו את הירדן אל הארץ אשר ד׳ אלקיך נתן לך והקמת לך אבנים גדלות ושדת אותם בשיד, וכתבת עליהן את כל דברי התורה הזאת בעברך למען אשר תבא אל הארץ אשר ד׳ אלקיך נותן לך ארץ זבת חלב ודבש, כאשר דבר ד׳ אלקי אבותיך לך (כז, ב).

והקמת לך אבנים, והקמת את המשכן, ב׳ במסורה, לאמר לך ששקולה להם הקמת אלו האבנים כהקמת המשכן (בעל הטורים).

די מצוה פון אויפשרייבן די גאַנצע תורה אויף די צוועלף שטיינער, אַבוואָל זי ווערט ניט דערמאָנט אין די ספרי המצוות פון רמב״ם און חינוך, וואַרשיינלעך ווייל עס איז געווען בלויז אַ מצוה „לשעתה״, ד״ה אויף יענער צייט, ביים אַריינגיין אין ארץ

ישראל, אָבער אָט די מצוה איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אידישן פאָלק, וואָס עס מיינט פאַר אונז תורה און לאַנד, און ווי די צוויי עלעמענטן זיינען געקניפּט און געבונדן. ווי דער אבן עזרא זאָגט זיין פירוש אויפן פסוק „למען אשר תבא אל הארץ", אַז באַלד ביים אַנהויב אַריינגיין אין לאַנד זאָלט איר אָנפאַנגען מיט דער מצוה פון שרייבן די תורה אויף די שטיינער אום דער רבש"ע זאָל אייך העלפן אַריינגיין אין לאַנד.

דער רמב"ן קאָמענטירט דעם געדאַנק אַנדערש: משה רבנו זאָגט זיי אָן באַלד צו שרייבן די תורה, ווייל דער צוועק פון ארץ ישראל איז אויך צוליב דעם קיום פון דער תורה. אין אַנדערע ווערטער מיינט עס אַז ארץ ישראל איז דער צוגרייטונגס באָדן פאַר שאַפן אָן עם התורה.

דער אור החיים הקדוש זאָגט אַ נייעם פירוש, אַז דער פסוק דאָ באַציט זיך אויף אַ פסוק אין דער פריערדיקער פרשה, עקב: „לא בצדקתך וביושר לבבך אתה בא לרשת את ארצם, כי ברשעת הגוים האלה ד' אלקיך מורישם מפניך" (ט' ה'), דאָס מיינט אַז דער גאַנצער ענין פון באַזיצן ארץ ישראל האָבן דאָס אידן ניט פאַרדינט צוליב אייגענע זכותים, נאָר צוליב די שלעכסטקייט פון די פעלקער. דעריבער קומט דאָ משה רבנו און זאָגט צו זיי, אויב איר וועט טאָן אָט די מצוה וואָס איך זאָג אייך אָן, און דאָס איז צו אויפשרייבן די תורה אויף די גרויסע שטיינער באַלד ביים אַריבערגיין דעם ירדן, וועט אָט דער טאַט זיין אַזוי וויכטיק און ערהאַבן, און אייער ווערט וועט געהויבן ווערן אַזוי פיל אין הימל אַז מען וועט זיך רעכענען דאַן אַז איר האָט אַליין פאַרדינט מיט אייגן זכות צו באַזיצן דאָס לאַנד, און דאָס זיינען מרמז די ווערטער „אשר ד' נותן לך", צו דיר, צוליב דיין אייגן זכות...

און ווירקלעך קענען מיר זיך פאָרשטעלן אין אונזער פאַנטאַזיע אַז אַ פאָלק שטעלט אַוועק צוועלף גרויסע פיראַמידן מאָנומענטן ביים שוועל פון לאַנד וואָס זיי האָבן באַזיגט, ניט מיטן צוועק צו פאַרהערלעכן זיינע קריגס העלדן וועלכע האָבן דעראָבערט דאָס לאַנד אָט אַזוי ווי די רוימער האָבן געטאָן נאָך זייערע נצחונות, און אויך אַנדערע פעלקער דאָס גלייכן, נאָר די שטיינער דאַרפן אַוועקגעשטעלט ווערן און אויפשרייבן אויף זיי די גאַנצע תורה, און עפענטלעך פאַר דער גאַנצער וועלט: זעט און לייענט איר פעלקער

פון דער וועלט אַט דעם שריפט, און איבערצייגט זיך וואָס אונזער לעבנסשטייגער וועט זיין!

די גרינדער פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אָנגעשריבן אויף דער פרייהייט סטאַטוע וועלכע שטייט ביים אַריינפאָר אין נויאָרקער האַפן, בלויז איין פסוק פון דער תורה: וקראתם דרור בארץ לכל יושבי׳. מיליאָנען מענטשן פון דער וועלט לייענען דעם פסוק, און דער איינדרוק איז אַ קאָלאָסאַלער. אַמעריקע איז ווירקלעך דאָס לאַנד פון פרייהייט. וואָס פאַר אַ גרינטלעכע ווירקענדיקע קראַפט דער פסוק איבט אויס אויפן לעבנס אַרט פון דער מדינה, שוין וויפל דורות! און וויפל רעאַקציאָנערע עלעמענטן עס האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט פון דעם היגן לעבן, קענען זיי דאָך ניט באַהערשן דעם גייסט פון אַט דעם איין תורה־פסוק אויף דער „סטעטשו אָף ליבערטי״. דער גייסט פון אומרעכט און רעאַקציע וועבט זיך אויס און אַמעריקע פאַרבלייבט דאָך דאָס לאַנד פון גלייכהייט, ליבעראַליזם און טאָלעראַנץ.

אַט דאָס איז דער כח פון איין פסוק פון דער תורה. טאָ שטעלט זיך פאָר ווי גרויס איז שוין דער כוח פון אַלע פסוקים פון דער תורה, געצייכנט אויף ריזיקע שטיינער ביים ערשטן פוס טראַט אין דער צוגעזאָגטער לאַנד.

מיט דאָס אויבנגעזאָגטע איז שוין פאַרשטענדלעך דער „בעל הטורים״ וואָס גלייכט צו די אויפשטעלונג פון די שטיינער צו דער אויפשטעלונג פונעם משכן.

ג־טס האַנט אין אַלע צייטן

ארמי אבד אבי וגו׳ (כו, ה).

מפרשים קלערן דאָ, וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט די פרשה פון יעקב מיט לבן, צו דעם ענין פון ברענגען בכורים?

איינער פון די הסברים איז ווי פאָלגט:

ברענגענדיק די ערשטע פרוכט, האָט דער איד געוואָלט אויס־דריקן זיין שבח און דאַנק צו ג־ט פאַר באַזיצן דאָס לאַנד, וואָס נאָר מיט די חסדים פון רבש״ע האָט דאָס געקענט רעאַליזירט ווערן. על פי טבע איז דאָס געווען אַן אוממעגלעכקייט. כדי צו באַזיגן אַזוי פיל קעניגרייכן וואָס זיינען דאַן געזעסן אין ארץ ישראל, און אין באַפעסטיקטע שטעט מיט מויערן ווי אין יריחו, האָט מען

געדאַרפט זיין אַליין צוגעגרייט שטאַרק מיליטעריש, רייך אין מלחמה מאַטעריאַלן און אַן אויסגעבילדעט מיליטעריש שטאַרקע יוגנט, אַט די אַלע באַדינגונגען קען מען באַזיצן נאָר ווען מען איז איינגעזעסן אין אַן אייגן לאַנד, מיט נאַטירלעכע רייכטימער, אָבער ווי אַזוי האָבן דאָס אידן וואַנדערנדיק אין דער מדבר ווי נאָמאַדן שבטים געקענט אַט די אַלע זאַכן האָבן? איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז על פי טבע האָבן אידן ניט געקענט מלחמה האַלטן און נאָך באַזיגן שטאַרקע פעלקער, דעריבער איז עס געווען נאָר ג-ט'ס האַנט און זיין הילף וואָס האָט געמאַכט דאָס מעגלעך.

און אַט דאָס, דערציילט אונז די תורה, האָט אַ איד דער־קלערט ביים ברענגען בכורים, די היסטאָריע פון אונזער טאַטן יעקב דעם וואַנדערער און די קינדער זיינע אין גלות מצרים א. ז. וו. (תורה תמימה)

ווען מיר באַטראַכטן אַט די אומשטענדן צו דער היינטיקער צייט, ווי אידן האָבן געקראָגן ארץ ישראל, נאָכדעם ווי זעקס מיליאָן אידן זיינען פאַרברענט געוואָרן, און אַנטלאָפענע פון די גאַז אויוונס מיט שונאים פון אַלע זייטן, איז עס אויך נסים, אָפענע נסים וואָס יעדער קען דאָס זען, לאָגיש איז עס אומפאַרשטענדלעך עס איז נאָר „זה היום עשה ד'"...

די אַנטיסעמיטישע טאַקטיק

וירעו אותנו המצרים ויענונו וגו' (כו, ו).

וירעו אותנו המצרים, כמה שנאמר, הבה נתחכמה לו פן ירבה והיה כי תקראנה מלחמה וגו' (הגדה של פסח).

ווען מען וויל דערמאָנען די צרות און שלעכטס וואָס מצרים האָבן געטאָן צו אידן, איז דאָך ריכטיקער צו ברענגען די גזירה פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" און די איבעריקע גזירות, וואָס מיינט אָבער דער „הבה נתחכמה"? דאָס איז דאָך בלויז די פראָפּאַגאַנדע און די הכנה צו די גזירות?

נאָר אַזוי איז עס שוין אין אַלע צייטן, איידער די שונאי ישראל אָרגאַניזירן זיך צו טאָן אידן שלעכטס, גייען זיי אַרויס מיט גייסטיקע גיפט און סם־אַרגומענטן קעגן אידן און אידישקייט: אידן טויגן ניט, אידן זיינען ניט געטריי דאָס לאַנד, אידן זיינען געלט זאַמלער, אידן זיינען צו קלוג, צו פּעאיק, אידן זיינען רעוואָלו־

ציאָנעריש, אידן זיינען סאָציאַליסטיש, אידן זיינען קאַפּיטאַליסטיש, אַלדאָס בייז טראַכטן זיי אויס אויף אידן און אידן זיינען דאָס ערגסטע פאָלק.

אַט דאָס מיינט דער פסוק, לויטן בעל הגדה׳ס קאָמענטאַר „וירעו אותנו המצרים״, זיי האָבן אונז געמאַכט אַ נאָמען פאַר שלעכטע, און דורך דעם געוואָלט באַרעכטיקן זייערע גזירות אויף אונז, כמה שנאמר הבה נתחכמה לו וגו׳, און דעריבער דער לשון „אותנו״ און ניט „לנו״. אַט די טאַקטיק האָבן אָנגעווענדעט אַלע אידישע שונאים אין אַלע צייטן.

אוואו שמחה דאָרט איז חסד, און וואו חסד איז דאָרט שמחה

השקיפה ממעון קדשך מן השמים, וברך את עמך ישראל ואת האדמה אשר נתת לנו וגו׳ (כו, טו).

די גמרא זאָגט „מעון שבו כיתות של מלאכי השרת אומרות שירה בלילה וחשות ביום, מפני כבודן של ישראל, שנאמר יומם יצוה ד׳ חסדו, ובלילה שירו עמי״ (חגיגה י״ב). זאָגט אויף דעם תוספות, אַז דאָס מיינט אַז דער רבש״ע הייסט די מלאכים ניט צו זאָגן שירה בייטאָג, אום צו טאָן אַ חסד מיט די מענטשן אויף דער ערד, אַז זייער שירה זאָל געהערט ווערן. אַלזאָ זעען מיר אַז דער הימל וואָס רופט זיך „מעון״ איז דער אָרט פון חסד, גענאָד צו מענטשהייט. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, ווען אידן גיבן אָפּ מעשר, בכורים און מתנות עני, און זיי טוען חסד מיטן לוי און מיטן אָרעמאַן, בעטן זיי צום רבש״ע, „השקיפה ממעון קדשך״ טו מיט אונז חסד, דורך דעם הימל „מעון״, דאָרט וואו דער צינור פון חסד איז...

גלייכצייטיק ווייזט עס אָן אויפן מקור השמחה, ווי מיר זאָגן ביי שבע ברכות „שהשמחה במעונו״, און וואו ס׳איז שמחה, דאָרט איז אויך חסד... (כלי יקר)

אַ רואיק פאָרם לעבן

א״ר לוי בשעה שהיה אברהם מהלך בארם נהרים ראה אותן אוכלים ושותים ופוחזים, אמר הלואי לא יהא לי חלק בארץ הזאת, וכיון שהגיע לסולמה של צור ראה אותן עסוקים בניכוש בשעת

הניכוש בעידור בשעת העידור, אמר הלואי יהא חלקי בארץ הזאת, א״ל הקב״ה לזרעך אתן את הארץ הזאת (ב״ר לט, י).

השקיפה ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך ישראל ואת האדמה וגו׳ (כו, טו).

ווען מען לייענט אַט די פּרשה און די היסטאָריע פון בכורים ברענגען, דערשפירט מען דעם ריח פון פרישע זאַנגען, פון אָראָפּ־געפאַלענע פרוכטן און אַ בענקשאַפט צו יענע יאָרן, ווען מיר זיינען אויך אַ פאָלק פון נאַטור געווען. עס איז ניט גענוג מיר זאָלן זיין מיט לייטן גלייך באַזיצנדיק לאַנד אייגענע, אַ מדינה, אַ מלוכה, און עס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פאַבריקן לאַנד ווי בעלגיע, למשל, אַבוואָל די וועלט סיטואַציע און די אינדוסטריזאַציע טרייבט אונז אויך צו דעם, אָבער ווי דערלעבט מען שוין די תקופה וואָס ישעי׳ הנביא האָט געזען פון „לא ישא גוי אל גוי חרב״, און אידן לאַנד זאָל זיין אַן אַגריקולטורעלע מדינה: איש תחת גפנו ותחת תאנתו, וואו די צופרידנקייט פון לעבן איז ניט געשטערט, ווי דער אויבנגעבראַכטער מדרש זאָגט.

וואָס איז דער גליק פון באַנקעטן, ראַפינירטע מאָלצייטן, שיינע וואוינונגען, טעאַטערס און די אַלע תענוגות בני האדם, אויב זיי זיינען „פוחזים״, מען היילט, מען לויפט, מען יאָגט זיך, אָט ווי דער איצטיקער לעבן איז, דער לעבן פון דער ציוויליזאַציע...

אברהם אבינו האָט שוין דאַן געזאָגט, אַז „אוכלים ושותים ופוחזים״ טויג ניט!

טראָגן די תפילין אין קאָפּ...

וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך (כח).

תניא ר׳ אליעזר הגדול אומר, אלו תפילין שבראש (מנחות לה).

לויט ר׳ אליעזר׳ן קומט אויס אַז ווי באַלד אידן לייגן תפילין, וועלן די פעלקער מורא האָבן פאַר זיי, אָבער צום גרויס באַדויערן האָבן די גויים ניט קיין מורא... די חז״ל זיינען גערעכט, נאָר מיר זיינען שולדיק.

מען דערציילט אויפן גאון הדור, דער שאגת ארי׳, אַז ער איז אַמאָל געפאָרן אין וועג, זיינען זיי באַפאַלן גזלנים. דער שאגת ארי׳ און דער בעל עגלה האָבן דאַן זיצנדיק אין וואָגן אין בויד, געדאַווענט

אין תפילין. זיי, די גזלנים, האָבן צוגענומען ביים בעל עגלה זיין געלט און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. דערוויל האָט דער גאון דערשפּירט עפּעס, און האָט אַרויסגערוקט די קאָפּ פון בויד צו זען וואָס עס טומלט זיך. ווי די גזלנים האָבן אים דערזען, איז אָנגעפאַלן אויף זיי אַ שרעק און פּאַניק, אַז זיי האָבן אוועקגעוואָרפן צוריק דאָס אָנגערויבטע און אַנטלאָפן.

דער בעל עגלה האָט זיך פאַרוואונדערט, וואָס האָט דאָס אַזוי אָפּגעשראָקן די רויבער, זעענדיק דעם גאון? און ער האָט נאַאיוו געפרעגט דעם שאגת ארי׳: רבי, וואָס איז דאָס וואָס די רויבער האָבן זיך פאַר אייך דערשראָקן?

— זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר די תפילין וואָס איך האָב געטראָגן — האָט געענטפערט דער גאון, — און אַזוי זאָגט די גמרא אויף די ווערטער „ויראו ממך” אלו תפילין שבראש.

— טאָ פאַרוואָס רבי האָבן זיי זיך ניט דערשראָקן פאַר מיינע תפילין, איך האָב דאָך אויך געדאַוונט אין תפילין — האָט נעפרעגט דער בעל עגלה.

— פאַרשטייסטו — ענטפערט דער גאון — מען דאַרף טראָגן די תפילין אין קאָפּ, ניט בלויז אויפן קאָפּ פון אויבן, ווי רבי אליעזר זאָגט „אלו תפילין שבראש” אין קאָפּ...

דער הימל איז פאַר אַלעמען, און אויך די ערד איז פאַר אַלעמען

והיו שמיך אשר על ראשך נחשת, והארץ אשר תחתך ברזל (כח, כג).

ווייסן מיר דען ניט אַז דער הימל איז אויפן קאָפּ און די ערד איז אונטער די פיס?

עס איז די מאָראַלישע פליכט פון יעדן בר דעת צו וויסן אַז דער הימל איז פאַר אַלעמען, ווייל דער הימל איז די שאַפונג פונעם בורא עולם, ער איז איבער אַלעמען און ער האָט געשאַפן פאַר אַלעמען. ווי דער נביא זאָגט „שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה”, און דאָס זעלבע דאַרף מען וויסן אַז די מוטער ערד איז פאַר אַלעמען.

ווען אָבער דער מענטש פאַרשטייט נאָר אַז דער הימל איז

בלויז איבער זיין קאָפּ, עס איז בלויז פאַר אים, און די ערד איז נאָר אונטער זיינע פיס, דאַן ווערט דער הימל האַרט ווי קופּער, און די ערד ווערט האַרט ווי אייזן. און אַנשטאָט וואָס די ערד איז גענוג גרויס און רייך מיט אַן אויפהערלעכע שפע צו באַפרידיקן די גאַנצע מענטשהייט, ווערט זי אָרעם, באַגרענעצט, און זי ווערט דער צענטראַל פונקט פון קריגערייען, רייסערייען צווישן מענטש און מענטש, פעלקער און לענדער...

די רפואה איז דאָ, נאָר מען באַנוצט זי ניט

והיו חייך תלואים לך מנגד, ופחדת יומם ולילה ולא תאמין בחייך (כח, סו).

ווען אַ מענטש ליידט פון אַ געוויסע מורא (פאַביע), און שרעקט זיך פאַר אַ געוויסן געגנשטאַנד, איז אויב ער האָט דערצו קיין רפואה ניט קען דאָס ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ נאַרעשקייט, מען ליידט דערפון אָבער מען קען זיך ניט העלפן. ווען אָבער עס איז פאַראַן אַ באַשטימטע רפואה בדוקה צו דעם, און דאָך נעמט ער ניט די רפואה און ליידט, דאַן איז דאָס אַ גרויסע נאַרעשקייט.

דאָס זעלבע מיר אידן האָבן אַ רפואה צו אונזער שרעק און ליידן ווי די חז״ל זאָגן „כל העוסק בתורה יסורין בדילין ממנו״, ד״ה ווען מען פאַרנעמט זיך מיט דער תורה, גייען אַוועק די ווייטיקן און זייער שרעק, טאָ וואָרום זאָל מען ליידן ווען מען האָט אַ פּאַרטיקע רפואה דערצו?

און דאָס איז דער געדאַנק פון די ווערטער „והיו חייך תלואים לך מנגד״, די תורה וואָס איז אונזער לעבן איז אונז אַזוי נאָענט, פונקט אַנטקעגן אונז, און דאָך „ופחדת יומם ולילה״, שרעקסט זיך שטענדיק און דו באַנוצט ניט די תורה רפואה, פאַרוואָס? — דאָס באַווייזט אַז „ולא תאמין בחייך״, דו גלויבסט ניט אין דער תורה וואָס זי איז „חיינו ואורך ימינו״.

ווי כאַראַקטעריסטיש זיינען אָט די ווערטער פון דעם קלוגן גאון ר׳ שלמה קלוגער ז״ל פאַר דער היינטיקער צייט... (אמרי שפר)

נצבים

דרשה לשבת תשובה

תשובה

והיו כי יבואו עליך כל הדברים האלה וגו׳ ושבת עד ד׳ אלקיך ושמעת בקולו ככל אשר אני מצוך היום וגו׳ ואתה תשוב ושמעת בקול ד׳ וגו׳ כי תשמע בקול ד׳ אלקיך (ל, ו־י).

לשון הפסוקים בכאן מראה לכאורה על תשובת העם כולו על חטאיו, אם כי מדבר בלשון יחיד, אבל הרי מסיים „ושב וקבצך מכל העמים", כי עם ישראל הוא חטיבה אחת בעולם, כמו „ויחן ישראל נגד ההר" כולם כאיש אחד.

אבל התשובה היא גם קנין היחיד וזכותו, כי כל אחד אם חטא מביא קרבן ומתודה, הוידוי והחרטה המה יסודי התשובה וכונת הקרבן, והתשובה נחשבת לתשובה גמורה אך באופן שבא לידו אותה דבר עבירה שעבר בה ואפשר בידו לעשותה גם עתה, ובכל זה פירש ולא עבר מפני התשובה, זהו תשובה מועילה וטובה (ראה רמב"ם הלכות תשובה פרק שני הלכה א).

צריך להבין ג׳ הלשונות של תשובה שהובא לעיל, מה פירושן?

ענין התשובה מתחלקת לג׳ מדרגות: תשובה גמורה, תשובה בינונית ותשובה פחותת ערך.

הראשונה המעולה נקרא, באופן אם האדם החוטא יתעורר מעצמו, הרהורי תשובה הודרים ללבו ולכל הרגשיו, וניצוץ זה שנכנס, יאיר חדרי נשמתו ומזה בא לכלל חשבון הנפש, ומזה לתשובה גמורה, וע"ז נאמר בחז"ל „יפה מרדות אחת בלבו של אדם ממאה מלקות ותוכחות".

השנית היא, כי האיש שחטא אין לו שום הרהור תשובה, אין לבו מתעורר מעצמו, אלא אירע כי שמע קול מוכיח במקרה, ודבריו באו כמים בקרבו וכשמן בעצמותיו, ועי"ז בא לחרטה על מעשיו המכוערים. גם זו תשובה טובה אם כי לא כהראשונה, בכ"ז אם דברי מוסר פעלו על נפשו נראה כי עדיין לא נשחתה נפשו לגמרי ולא נשתרש בחטא.

השלישית היא הגרועה ופחותה מהקודמות, וזהו תשובה הבאה ע"י יסורים קשים ומרים, מכה אחר מכה צרות רבות ורעות סבבוהו

ואך אז התחיל להרהר בתשובה, זהו רע להחוטא, וגם אי נעים לכביכול, וכאמרם, ר׳ מאיר אומר, בשעה שאדם מצטער שכינה מה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי (סנהדרין מ״ו).

ובזה יש לבאר המדרש „וישב ראובן אל הבור, והיכן היה? ר״א, בשקו ותעניתו. א״ל הקב״ה, מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה, ואתה פתחת בתשובה תחלה, חייך שבן בנך עומד ופותח בתשובה תחלה, ואיזה, הושע, שנאמר שובה ישראל עד ד׳ אלקיך״. ותמוה, הא מבואר (ב״ר פ׳ כ״ב) שקין עשה תשובה, ואדם הראשון עשה תשובה וישב בתענית (עיין עירובין דף י״ח)?

אבל ע״י ביאור ג׳ התשובות הנ״ל יבואר היטב, כי שונה הוא ראובן מאדם וקין, שהם שבו אך לאחר שנתיסרו קשה, קץ ודרדר תצמיח, לאדם, נע ונד תהי׳ בארץ, לקין, לא כן ראובן, הוא שב בתשובה מעצמו, רגשי נוחם בלבו פנימה הביאוהו לזה, ז״א כי הוא „פתח בתשובה תחלה״, מעצמו בלי תוכחה ובלי יסורים, ובשכר זה זכה כי בן בנו הושע נבא „שובה ישראל״ מעצמך, וזהו התשובה הרצויה!... (בקיצור הדר הכרמל)

עד כמה גדולה כח התשובה מובא מעשה בר״א בן דורדיא וכו׳ אמר אין הדבר תלוי אלא בי, הניח ראשו בין ברכיו וגעה בבכי׳ עד שיצאה נשמתו, יצתה בת קול ואמרה ר״א בן דורדיא מזומן לחיי עולם הבא (עבודה זרה י״ז). בכה רבי ואמר, יש קונה עולמו בשעה אחת.

אין מובן מה הי׳ לבכות על זה, אדרבה אם כחה של תשובה כ״כ מועילה הלא היא ברכה רבה לכל אדם, שיש ביכולת חוטאים להתכפר ולמות נקי, טהור ומאושר? יש שמפרשים כי בכה רבי על עצמו שנתיסר בי״ג שנים של יסורים. אבל חכמי המוסר מבארים שרבי בכה לא ע״ע אלא על כל בני אדם שקצרה דעתם להשתמש במתנה יקרה זו כל ימיהם לכוון את השעה היקרה הזאת, ויורד לקבר בלי תשובה, וע״ז נאמר שוב יום אחד לפני מיתתך, כי לא ידע האדם את עתו...

„היום״ מיינט ראש השנה

למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך (תהלים).

אתם נצבים היום כולכם וגו׳ ראשיכם שבטיכם זקניכם וגו׳.

דער „היום״ איז מרמז אויף דעם טאג ראש השנה. אין דעם טאג איז דער רבש״ע אין דער בחינה פון א מלך. נו, יעדער קיסר

פאַרמאַגט אַן אַרמיי, וועלכע באַשטייט פון איינפאַכע סאָלדאַטן ווי אויך פון אָפיצירן וועלכע באַהערשן די סאָלדאַטן, און די סאָלדאַטן מוזן אָפּגעבן דעם געהעריקן סאַלוט צו די אָפיצירן. ווען אָבער דער קיסר אליין קומט אונטערזוכן און קאָנטראָלירן זיין אַרמיי דאַן פאַלט אַראָפּ די פליכט פון די סאָלדאַטן צו די אָפיצירן, נאָר אַלע ווערן דאַן גלייך, און אויך די אָפיצירן שטייען דאַן אין „ליין" גלייך מיט אַלעמען.

דאָס זעלבע אין דעם טאָג ראש השנה, דער גרויסער יום הדין, קומט דער מלך מלכי המלכים קאָנטראָלירן זיין אַרמיי, און דעריבער איז דאַן ניטאָ קיינע יחסנים, נאָר אַלע זיינען גלייך, אתם נצבים היום...

דאָס זעלבע זאָגט דוד המלך: „למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך" — צום יום הדין זיינען אַלע גלייך, און אַלע שטיין צום „ליין אָפּ" גלייך. דער פסוק „למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך" באַטרעפט די גמטריא 861, דער זעלבער צאָל ווי „ראש השנה".
(ארן עדת)

די גרעסטע קללה

אתם נצבים היום וגו' — למה נסמכה פ' אתם נצבים לקללות וכו' התחיל משה לפייסם וכו' (רש"י בשם תנחומא).

פרעגט מען ווי באַלד אַז די קללות מאַכן דעם חוטא נאָך שטאַרקער, ווי רש"י זאָגט, וואָס באַדייטן נאָכדעם „לא יאבה ד' סלוח לו כי אז יעשן" (כ"ט י"ט)? — דער ענטפער איז, אַז ווען אידן שרעקן זיך פאַר די קללות, דאַן זיינען די קללות, ברכות פאַר אידן, ווען אָבער דער איד זאָגט „והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי", דאָס מיינט ער שרעקט זיך ניט פאַרן עונש, אָה! דאַן קומט דער צאָרן פון ג-ט.

מען האָט געפרעגט דעם רמב"ם, וועלכע קללה איז די גרעסטע, האָט ער געזאָגט אַז „לא יאבה ד' סלוח לו" דאָס איז די גרעסטע!

אתם נצבים היום כולכם וגו'.

אָט דער „היום" איז מרמז אויף דעם טאָג ראש השנה. אויף אָט דעם טאָג זאָגן די חכמים: „בראש השנה כל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון, מאי כבני מרון, כבני אימרנא". דאָס מיינט אַז אין דעם טאָג ראש השנה גייט דורך די גאַנצע מענטשהייט פאַרן רבונו של עולם אַזוי ווי שאָף.

וואָס באַדייט דער פאַרגלייך צו שאָף? ווייל אַזוי איז שוין די נאַטור פון שאָף, אַז ווען דער פאַסטעך הויבט אויף דעם בייטש אויף דער סטאַדע שעפּסן, הויבן זיי זיך אָן צו באַהאַלטן איינער הינטער דעם אַנדערן, זיי טוליען זיך איינער צום אַנדערן און זיי ווערן אַלע ווי איינס. אָט אַזוי דאַרפן זיין אַלע מענטשן אין דעם טאָג ראש השנה, ווען דער מדת הדין איז אויפגעהויבן, דאַרפן אַלע זיך שיצן איינער אין דעם אַנדערן, דאַוונען צוזאַמען אַזוי ווי איין מענטש, אין ליבשאַפט און אחדות, דאַן וועט טאַקע איינע באַשיצן דעם אַנדערן.

אָט דאָס מיינט דער „אתם נצבים היום כולכם לפני ד׳ אלקיכם, ראשיכם, שבטיכם וגו׳. (ארן עדת)

דער פרייען זיך פון אונזערע שונאים אויף אונזערע צרות, איז אַ גאולה פאַר אונז

והי׳ כאשר שש ד׳ עליכם להיטיב אתכם וגו׳ כן ישיש ד׳ עליכם להאביד אתכם (כח, סג).

— ומי חדי הקב״ה במפלתן של רשעים, והא אר״י בקשו מאה״ש לאמר שירה, א״ל הקב״ה מעשי ידי טובעים בים וכו׳, א״ר אליעזר הוא אינו שש אבל לאחרים משיש (מגילה י).

דער רי״ף אין עין יעקב דערקלערט עס אַזוי: מען טאָר זיך ניט פרייען אויף שונא׳ס מפלה, ווי דער פסוק זאָגט „בנפול אויבך אל תשמח וגו׳ פן יראה ד׳ ורע בעיניו והשיב מעליו אפו״. קומט אויס אַז דער פרייען זיך אויף יענעמס צרות איז גורם אַז מען נעמט אַראָפּ די צרות פון יענעם.

דעריבער ווען דער רבש״ע וויל אַראָפּנעמען די צרות פון זיין פאָלק, מאַכט ער די שונאים אונזערע זיך פרייען אויף אונז, און דאָס איז די כפרה פאַר אונז, און אונזערע צרות ווערן אַראָפּגענומען. און עס איז ריכטיק דער אויסדרוק „לאחרים משיש״, ער מאַכט פרייען אַנדערע, ווייל דורך די פרייד פון די אַנדערע, ווערט די שטראָף אויף אידן אַראָפּגענומען, און פון דעם פרייט זיך דער רבש״ע...

ויל"ך

די מצוה פון „הקהל" האָט געשאַפן גוטן גייסטיקן בענעפיט

הקהל את העם, האנשים והנשים והטף וגו׳ (לא, יב).

אם אנשים באים ללמוד, נשים לשמוע, טף למה באים? כדי ליתן שכר למביאיהו (חגיגה).

די מצוה פון ברענגען די קליינע קינדערלעך צו ירושלים איז ניט געווען פון די גרינגע מצוות, ווייל מיטפירן קליינוואַרג אין וועג איז ניט באַקוועם. עס איז אָבער ווערט געווען די מי פאַרן גייסטיקן נוצן און בענעפיט וואָס דאָס האָט געבראַכט. די קליינע יונגוואַרג אָבוואָל זיי האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען איצט, ווען אָבער זיי זיינען אויסגעוואַקסן האָבן זיי געדענקט די עצם פּאַסירונג, ווי די עלטערן האָבן זיך געמיט צו ברענגען זיי אין ירושלים און בית המקדש, און דאָס האָט אַרויסגערופן אין זיי דאַנקבאַרקייט געפילן צו אָפּצאָלן די עלטערן מיט גוטעס פאַר גוטעס, און אַ פייערדיקע הייליקייט האָט געצויגן זייער האַרץ צו נאָכטאָן דאָס זעלבע פון זייער אייגענער איניציאַטיוו... אָט דאָס מיינט „שכר למביאיהן". (וידבר משה)

דער שטאַרבן איז נאָר אַ צייטווייליקער שלאָף פאַר די גלויביקע

ויאמר ד׳ אל משה, הנך שכב עם אבותיך, וקם העם הזה וזנה וגו׳ (לא, טז).

יעדער וואָרט און ספּעציפישער אויסדרוק אין דער תורה האָט אַ באַדייטונג. דער לשון „שכיבה" אויף שטאַרבן, איז מרמז, אַז דער שטאַרבן מיינט ניט אויף אייביק, נאָר עס איז אַזוי ווי מען לייגט זיך שלאָפן, אָדער אָפּרוען, צייטווייליק...

אויך דער וואָרט „עם אבותיך" דערגענצט דעם דאָזיקן געדאַנק, אַז די עלטערן דאָרט שלאָפן נאָר, און דעריבער גייט מען צו זיי, וואָרום ווען ניט, נאָר דער שטאַרבן מיינט פאַרלאָרן אויף אייביק, טאָ צו וועמען גייט מען?

עס ווערט דערציילט אויף אלכסנדר מוקדן אַז ער האָט געפרעגט איינעם פון די גריכישע אַפּיקורסים, ווער זיינען מערער אויף דער וועלט, טויטע צי לעבעדיקע? האָט יענער געענטפערט,

לעבעדיקע! ווייל ביי אים זיינען די טויטע גאָר ניט פאַררעכנט, אָבער ביי גלוויביקע אין תחיית המתים, איז עס נאָר אַ שלאָף.

דערציען קינדער על פּי תורה, איז וויכטיקער ווי שרייבן ספרי תורה

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני״י שימה בפיהם (לא, יט).

אמר רבה אף על פי שהניחו לו אבותיו ספר תורה, מצוה לכתוב משלו שנאמר ועתה כתבו וגו׳ (סנהדרין כא).

פאַרוואָס זאָל מען ניט יוצא זיין מיט אַ ספר תורה וואָס קומט בירושה? אַנדערע ווילן זאָגן, ווייל עס דאַרף זיין „לכם״, דאָס הייסט „משלכם״, אַזוי ווי ביי אתרוג. אָבער עס האַלט ניט אויס, וואָרום מען איז דאָך אויך יוצא מיט אַן אתרוג פון ירושה.

— דער אמת איז, ווייל „כתבו״ מיינט דוקא צו שרייבן, ניט צו ירש׳נען. דער טעם דערויף איז אום עס זאָל זיין מערער ספרי תורה, דורך דעם איז „יגדיל תורה ויאדיר״, ווי מיר געפינען: ר׳ אמי כתב ד׳ מאה ספרי תורה (בבא בתרא י״ד), און דורך ירושה ווערט דאָך ניט געמערט קיין ספרי תורה, נאָר דער ספר איז דאָך דאָ פון בעפאָר. אָבער ביי אתרוג דאַרף מען ניט אַז אתרוגים זאָלן זיך מערן. מען איז אָבער אויך יוצא מיט אַ געקויפטער ספר תורה, ווען מען קויפט די ספר תורה ביי אַ סופר סת״ם וואָס שרייבט צו פאַרקויפן (יורה דעה סימן ע״ר).

דער רא״ש זאָגט, אַז היינטיקע צייטן איז מער מצוה צו קויפן ש״ס און פוסקים, און דער עיקר איז „ולמדה את בני ישראל״.

האזינו

תורה איז הייליקער פון אַלע חכמות

דרשה לפרשת האזינו

כי שם ד׳ אקרא הבו גודל לאלקינו (לב, ג).

— מנין לברכת התורה לפניה מן התורה, שנאמר כי שם ד׳ אקרא וגו׳ (ברכות כא).

מערקווירדיק וואָס אַלע ברכות הנהנין און ברכות המצוות זיינען מדרבנן, איז אָבער די ברכה אויף דער תורה אַזוי חשוב

און זי איז אַ חיוב מדאורייתא. פאַרוואָס איז תורה לערנען דאָס העכסטע מצוה?

דאָס ווייזט אונז אַז מיר זאָלן ניט מאַכן קיין טעות און פאַרגלייכן תורה צו אַ חכמה ווי אַנדערע חכמות אָדער געזעץ וויסנשאַפט, און דאַן פאַרלירט דאָך די תורה איר הייליקייט, און דער תלמיד חכם באַקומט די זעלבע ווערט און חשיבות ווי, להבדיל, אַ סטודענט פון אַן אוניווערסיטעט...

און צום גרוים באַדויערן האָבן די משכילים טאַקע אָנגענומען אַזאַ באַציאונג צו תורה און תלמידי חכמים, און דאָס איז געווען דער גיפט, וואָס האָט מיטגעבראַכט גרויסן גייסטיקן חורבן אין די רייען פון אונזער יוגנט פאַר די לעצטע דורות, און אויך דערפירט צו פאַרשידענע פאַרדרייטע אידייען און טעאָריעס, וואָס האָבן צעשטערט די גאַנצקייט פון דער אידישער הויז.

מיט דעם קענען מיר צוברענגען די גמרא: מאי דכתיב מי האיש החכם ויבן את זאת ואשר דבר פי ד׳ אליו ויגידה, על מה אבדה הארץ נצתה כמדבר מבלי עובר (ירמי׳ ט׳, — דבר זה נשאל לחכמים ולנביאים ולא פירשוה, עד שפירשו הקב״ה בעצמו, דכתיב „ויאמר ד׳ על עזבם את תורתי״, וא״ר יהודא אמר רב שאין מברכין בתורה תחילה (נדרים פ״א, בבא מציעא פ״ה).

פאַרוואָס האָבן טאַקע די חכמים און נביאים ניט געוואוסט די אורזאַכן וואָס די לאַנד איז חרוב געוואָרן? האָבן דאָך די נביאים געוואוסט און פאַראויסגעזאָגט פיל זאַכן און געשעענישן?

ברענגט דער ר״ן אויפן אָרט בשם רבנו יונה, אַז זיי האָבן גראַדע געלערנט תורה, און טאַקע דעריבער האָבן אַפילו די נביאים ניט געוואוסט די סבה פונעם חורבן, וויבאַלד אַז תורה איז דאָך פאַראַן, דאַרף עס דאָך מכפר זיין אויף אַלעס. האָט דער רבש״ע אַליין אַנטדעקט די אורזאַך פונעם חורבן, און דאָס איז ווייל זיי האָבן געלערנט תורה ניט מיט קדושה, נאָר אָט אַזוי ווי מען לערנט אַנדערע חכמות, דאָס מיינט מיט אַ וואָכעדיקייט, אָן די הייליקע באַציאונג ווי צו ג־ט׳ס תורה, איז צוליב דעם טאַקע האָבן זיי ניט געמאַכט קיין ברכה פאַרן לערנען, שלא ברכו בתורה תחילה (זע משנה ברורה סימן מ״ז סעיף ב׳).

אָט דעם פאַטאַלן טעות זאָלן מיר ניט מאַכן קיינמאָל... און מיר דאַרפן אַלעמאָל אויסטיילן תורה פון אַנדערע חכמות, אָבוואָל

אין דער תורה איז דאָ באַהאַלטן אַלערליי חכמות, אָבער תורה אַלס אַ גאַנצע איז העכער, און איבערהויפּט הייליקער ווי אַלעס, און מיר דאַרפן דעריבער מאַכן אַ ברכה מיט שמחה, „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו" — נאָר צום אידישן פאָלק האָט ג־ט געגעבן די תורה, און מיר זיינען דער אוניקום אַזוי ווי די תורה איז אוניקום.

תורה איז ווי טוי און רעגן

יערף כמטר לקחי תזל כטל אמרתי (לב, ב).

רעגן און טוי האָבן די קראַפט צו מאַכן וואַקסן און אַרויס־שפּראָצן די גרינסן און פּרוכט פון דער ערד, אָבער וואָס עס זאָל וואַקסן און בליען, דאָס ווענדט זיך אָן דעם וואָס מען האָט פאַרזייט, אָדער פאַרפלאַנצט, האָט מען פאַרזייט גוטע פּרוכט, ווען אַזעלכע אויסוואַקסן, האָט מען פאַרזייט ביטערע קרייטעכצער, אָדער אַפילו סם געוויקסן, וועלן אַזעלכע אויסוואַקסן, דער רעגן וועט זיי ניט איבעראַנדערשן.

דאָס זעלבע איז דער וואָס לערנט תורה, די תורה איז גע־גליכן צו טוי און רעגן, וואָס העלפט אויך צו אַנטוויקלען די איינגעבוירענע מדות אין מענטשן און צום אויסוואַקסן פון זיין גייסטיקע פערזענלעכקייט. איז ער געבאָרן מיט גוטע שיינע מדות, וועלן דאַן זיינע מדות טובות נאָך מער פאַרשענערט און פאַרבעסערט ווערן, טאָמער איז ער געבאָרן מיט שלעכטע מדות איז נאָר אַ לעבן פון תורה און מוסר קענען אים אויסבעסערן און ניט אַלעמאָל... און די גמרא זאָגט טאַקע „וזאת התורה אשר שם משה (ואתחנן ד') — א"ר יהושע בן לוי זכה נעשית לו סם חיים, לא זכה וכו' (יומא ע"ב).

גם בך יאמינו לעולם

ולא קם בישראל עוד כמשה — בישראל אינו קם, אבל באומות העולם קם, ומנו בלעם (ספרי).

די באַדייטונג פונעם וואָרט „קם" מיינט חוצפה און דרייסט־קייט, אַזוי ווי דער לשון הגמרא „בת קמה באמה, וכלה בחמותה", און אַט דאָס מיינט דער ספרי, „בישראל לא קם", ביי אידן האָט נאָך קיינמאָל קיינער ניט געהאַט די העזה צו זאָגן אָדער דענקען אַז ער שטייט אויף איין מדרגה מיט משה רבנו, אָבער ביי די

אומות העולם האָט זיך געפונען אַ נידערטרעכטיקער מענטש וואָס צוליב זיין גאוה האָט ער זיך געהאַלטן אין נבואה גלייך צו משה רבנו, און דאָס איז געווען בלעם. (בשם הכתב והקבלה)

דער צאָן צייגט אויף באַהאַלטענע שונאים אָבער מוזן זיך אַרויסווייזן צום סוף

ושן בהמות אשלח בם, עם חמת זחלי עפר (לב, כד).

די ווערטער זיינען דאָך געווען שטראָף רייד און וואָרנונגען אויף דער צוקונפט, איז אייגענטלעך, וואָס פאַר שטרענגע שטראָף אַנטהאַלט דער אויסדרוק „ושן בהמות" אין פאַרגלייך מיט די האַרבע רייד „מזי רעב, ולחמי רשף, וקטב מרירי" אז"וו?

דאַרפן מיר מקדים זיין אַ שאַרפן געדאַנק: אין גמרא (ב"ק ג') שטייט: מבעה זה השן, דכתיב איך נחפשו עשו נבעו מצפוניו (עובדי' א'). פרעגט מען אויף דעם אַוואו איז דאָ געדרונגען פון פסוק אַז „מבעה" איז „שן", זיינען דאָך אויך אַנדערע גלידער פון מענטשן אַמאָל פאַרדעקט און אַמאָל אָפּגעדעקט, און מען ענטפערט אויף דעם מיט אַ מדרש: וירץ עשו לקראתו וישקהו, מלמד שלא בא לנשקו אלא לנשכו, ונעשה צווארו של יעקב שיש, וקהו שיניו של עשו ונשקו. — זעט מען דאָך אַז עשו איז געלאָפן צו בייסן יעקב'ן, נאָר זעענדיק דעם נס אַז יעקב'ס האַלז איז געוואָרן ווי מאַרמערשטיין, האָט ער שוין געוואָלט באַהאַלטן זיין אמת'ן באַגער און האָט אים געקושט, אָבער דאָס האָט שוין עשו'ן ניט געהאָלפן, ווייל אויב קושן, טאָ צו וואָס ביסטו געלאָפן מיט אַן אָפענעם מויל און אַנטבלויזטע ציין, איז דעריבער אַנטדעקט געוואָרן זיין נידערטרעכטיקייט צוליב זיינע ציין. אָט דאָס מיינט דער פסוק „איך נחפשו עשו נבעו מצפוניו", צוליב די ציין איז זיין מחשבה אַנטדעקט געוואָרן, און דעריבער איז ריכטיק די גמרא „מבעה זה השן".

און די תורה איז אויך מרמז אין האזינו, וואו עס רעדט זיך וועגן דער אידישער צוקונפט, אַז עס וועלן אויפשטיין קעגן אונז אַלערליי שונאים, אָפענע און ביטערע שונאים אַזוי ווי שלאַנגען, אָבער אויך אַזעלכע וואָס זיינען אין דער מדרגה ווי דער צאָן, זיי ווילן בייסן און זאָגן פאַר דער וועלט אַז זיי האָבן געמיינט קושן, אָט אַזעלכע זיינען זייער געפערלעך, עס איז דער עשו מיט

אלע קליפּערלעך. זיי ווילן אָבער צום ענד גוט באַצאָלן פאַר זייער רשעות, אַט די בעווינאַצים און אויך פיל אַנדערע...

אַ סגולה צו שכחה איז תשובה

צור ילדך תשי, ותשכח א־ל מחללך (לב, יח).

אַ איד האָט געפרעגט דעם צדיק ר׳ אלימלך ליזענסקער זצ״ל, רבי, גיט מיר עפּעס אַ סגולה צו מיין שוואַכקייט פון שכחה, איך פאַרגעס זייער אָפט די נויטיקסטע זאַכן.

מיין עצה צו דעם, האָט געענפערט דער רבי ר׳ אלימלך, דו זאָלסט טאָן תשובה, און תשובה האָט אַ גרויסן פאַרנעם אַז עס דערגרייכט אַזש צום כסא הכבוד, ווי די גמרא זאָגט „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" (יומא פ״ו) און דאָרטן ביים כסא הכבוד, איז ניטאָ קיין שכחה, ווי דער פסוק זאָגט, „כי אין שכחה לפני כסא כבודך"...

הערה: אום צו מאַכן מער פאַרשטענדלעך די רייד פונעם הייליקן צדיק, בין איך עס מסביר אַזוי: אַזוי ווי דער מקור פון זינד, איז דאָך שכחה, פאַרגעסן אָן רבש״ע, וואָרום ווען מען פאַרגעסט ניט, טוט מען קיין עבירות ניט, איז תשובה די בעסטע רפואה צו דער שוואַכקייט, מען רייסט אוים דעם זינד מיטן מקור, וואָס דאָס איז די שכחה, דורך תשובה דערנענטערט מען זיך צום „כסא הכבוד" וואו עס איז ניט מעגלעך קיין שכחה, עס איז דאָס זעלבע ווי שטיין בעפאָר די פּערזאָן פון קעניג.

דעם אור החיים׳ס אויסטייטש

אני אמית ואחיה, מחצתי ואני ארפא ואין מידי מציל (לב, לט).

פירוש שכל הנבראים ימותו, ולזה דייק לומר ואין מידי, ולא אמר ואין מציל מידי (אוה״ח).

צו פאַרשטיין די רייד פונעם אוה״ח, דענק איך, אַז דער פסוק לאָזט זיך דערקלערן אויף צוויי אופנים, ערשטנס, אַז דער רבש״ע וואָרנט אַז ער קען באַשטראָפן אַ מענטשן מיט טויט און לעבן, מיט קראַנקייט און רפואה, דאַן אָבער פּאַסט זיך בעסער „ואין מציל מידי" — אַ צווייטע אויסטייטשונג איז, אַז דער רבש״ע זאָגט אָן, אַז מען זאָל פאַרשטיין אַז דער גאַנצער סדר העולם ווי די בריאה איז איינגעאָרדנט, איז עס אַלעס דורך אים, ער

האט דאס אזוי געמאכט נאך פון בריאת העולם אן, און קיינער קען זיך ניט אויסטיילן פון דעם אָרדער און זיין אנדערש, דאן פאסט זיך בעסער צו זאגן „ואין מידי מציל"...

ארץ ישראל

נושא לדרשה קצרה

וכפר אדמתו עמו — א"ר יוחנן כל המהלך בא"י אפילו שעה אחת ומת בתוכה, מובטח לו שהוא בן עוה"ב.

טוב פת חרבה ושלוה בה, זו ארץ ישראל, שאפילו אדם אוכל בכל יום פת ומלח ודר בא"י מובטח לו שהוא בן עוה"ב וכו' (מדרש משלי).

ווי שיין און גרויס האבן אונזערע חכמים פארהערלעכט ארץ ישראל זעט מען עס ארויס פון די אויבנדערמאנטע ווערטער.

דער מענטש איז געוואוינט אפצושאצן די גוטסקייט פון א לאנד לויט דעם סטאנדארט פונעם עקאנאמישן לעבן, ווי עס לעבט זיך דארט, מען פארגעסט און מען פארזעט אבער, אז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", עס איז ניט די שווארצע ברויט און די רוסישע קרויט, עס איז ניט אפילו די אמעריקאנער רייכע ראפינירטע שפייז, צוזאמען מיט די האליוואודער לעפעוואטע לייכטזיניקע פילמס וואס מען שפייזט די מאסן, עס איז דא עפעס אזוינס וואס שפייזט דעם גייסט פונעם מענטשן און גיט אים צופרידנקייט און רואיקייט, און דאס איז ארץ ישראל. דער לעבן אין ארץ ישראל האט געגעבן א אידן א לעבן פון גוטעס, דערהויבנקייט, גאנצקייט און זיכערקייט, אבוואל ער האט פארמאגט נאר א שטיקל טרוקענע ברויט צו זיין געברויך. א איד האט געלעבט און געארבעט ניט נאר פארן געגנווארט נאר אויך פארן צוקונפט. ער איז געווען זיכער מיט עולם הבא, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות. דא אין גלות איז אלץ נאר פארן מאמענט, פארן הוה, די גשמיות און די רוחניות זיינען געבויט דא אויף זאמד...

צי ארץ ישראל וועט איצט געבויט ווערן אויף דעם יסוד פון אמאליקע יארן, ווי זי איז אמאל געווען און ווי זי דארף טאקע זיין, אדער זי וועט פארוואנדלט ווערן אין א לאנד פון גוי'שע קולטור, דאס איז א פראגע וואס עגבערט אמת'ע אידן אין קאפ. לאמיר האפן אז ארץ ישראל וועט דאך ווערן די לאנד פון תורה

קולטור, פון „עיני ד׳ אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית השנה״, עס וועט דאַך קומען די תורה ליכט, און ליכטיק מאַכן די פּאַרפּירטע!

מיט דעם פּאַרשטייען מיר די גמרא „אין אומרים הלל על נס שבחוץ לארץ״ (מגילה), ווייל אין חוץ לארץ איז אַפילו נאָכן נס קיין פּאַרזיכערונג ניטאָ, און ווי די גמרא זאָגט „אכתי עבדי דאחשורוש אנן״ ברוחניות ובגשמיות...

ברכה

ר׳ יצחק אלחנן, דער קאָוונער רב, אין זיינע קינדער יאָרן

דרשה לפרשת ברכה

שמח זבולן בצאתך, ויששכר באוהליך (לג, יח).

מפרשים טייטשן אויס דעם פּסוק, פריי זיך זבולן ווען דו גייסט צו דיין האַנדל און וואַנדל, ווייל יששכר לערנט דאַן אין דיינע געצעלטן. דאָס מיינט איר זייט דאַך שותפות אין יששכר׳ס תורה.

מען דערציילט אויף ר׳ יצחק אלחנן קאָוונער רב, אַז זייענדיק אַ יונגער אינגל פון אָרעמע עלטערן, האָט ער געלערנט אין אַ קליין שטעטל מיט גרויס התמדה, און ער האָט געגעסן „טעג״ ווי עס איז געווען דאַן דער מנהג. דינסטיק האָט ער געגעסן ביים גביר פון שטעטל. אין יענער צייט איז אָנגעקומען אַן איידים צום גביר, אַ גרעסטענער האַנדלסמאַן און משכיל.

פּאַסירט אַז דער אינגל יצחק אלחנן האָט זיך ארומגעזען אַז ער גייט אין צעריסענע שיך און די קעלט נעמט אים דורך און עס פרירט אים צו די פינגער פון די פיס.

זעענדיק אַז דער איידים פון גביר האָט זיך גענייט אַ נייע פּאָר שיך, האָט ער אים איינמאָל געבעטן ער זאָל אים אָפּגעבן זיינע אַלטע שיך. אויף דעם האָט אים דעם גביר׳ס איידים געענטפערט: הער אויס טייערער אינגל, פיליכט וואָלסטו געוואָרן אַ געהילף אַרבעטער ביי אונז אין געשעפט, דאַן וואָלסטו האָבן אויף שיך און אויף עסן. צו וואָס דאַרפסטו אומזיסט געשענקטע, און וואָס וועט דיר אַרויסקומען פון דיין לערנען?

אויף דעם האָט אים יצחק אלחנן געענטפערט: פילייכט זייט איר גערעכט נאָך אייער דענקען נאָך, אָבער איך דענק ניט אַזוי, איך וויל נאָר לערנען תורה.

